STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04538

FARSHRIBN IN ZIKORN

Naftole Herts Kon

Permanent preservation of this book was made possible
by Milton & Doris Zorensky
in memory of
their parents, Mr. & Mrs. Hyme Zorensky and Mr. & Mrs. Ben Sterneck

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נפתלי הערץ כהן

פארשריבן אין זכרון

פארלאג „עליה"

FARSRIBN IN ZICORN

© 1966
ALL RIGHTS RESERVED
PUBLISHERS „ALYAH" PRESS, TEL AVIV
PRINTED IN ISRAEL
כל הזכויות שמורות לדפוס „עליה" — יעקב כהן

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון יידישן ליטעראטן און זשורנאליסטן פאריין אין ישראל
און פון דער יידישער סעקציע פענקלוב ניו־יאָרק.

תל־אביב — 1966

נסדר ונדפס בתשכ"ו בדפוס „עליה" תל־אביב

דאָס בוך —
געהייליקט מיין מאמען —
רחל שערף ז״ל

ווען די טרערן פון אלע דיינע טעג
וואָלטן פארוואנדלען זיך אין דערנער,
וואָלט איך אויף דעם דערנער־וועג
גיין, גיין, גיין,
איין אליין, איין אליין
ביזן סוף, ביזן סוף.

צי גיי איך ניט אויף אָט דעם וועג ? !

ווען די טרערן פון אלע דיינע טעג
וואָלטן פארוואנדלען זיך אין קערנער
און דער ווינט וואָלט אויף מיין וועג
זיי פארזייט, זאָמען אין הימלישן ליכט :
וואָלט אויסוואַקסן אַ געדיכטער וואַלד
און דיין געזיכט —
די פולע לבנה
איבערן וואלד —
וואָלט געשמייכלט צו מיר שטילערהייט
און פון דיין שמייכל באגלייט —
(מיין ליכט אין גרויליק געיעג)
וואָלט איך אפשר אין אָט דעם וואַלד
געפונען א וועג.

צי זוך איך ניט אָט דעם וועג ?..

אין קרייז

I

אָ ליד! מיין ליד!
רעגנבויגן
אויף מיין הימל.
אפילו אין חלום,
און —
ווי נאָר איך עפן
די אויגן, —
לויכט און גליט
דער רעגנבויגן —
מיין ליד:
— „וויפל טעג,
וויפל יאָרן
וועל איך צאנקען
אין זכרון —
זינג מיך,
רייד מיך,
שריי מיך אויסעט".

ווידער אָנהויבן ? —
קוק איך אויפן בויגן פאפיר...
ניין, ס'איז ניט פּאפיר,
ס'איז די ערשטע זייט !
שניי און שניי
און אייזיק
געפריר
און טויבע,
אומענדלעכע
ווייט —
שטיינגעבליבענע
צייט.
וויפל דארף שיינען די זון,
שמעלצן
די ווייס, —
די אייזיקע ווייט —
וואָס איז אומגעהייער ?
און איך —
איך וויל באלעבן
די ערשטע זייט,
די ערשטע זייט
פון דער אייזיקער ווייט
מיט א טראָפּעלע
פייער
פון מיין מענטשלעך
הארץ...
און ווי מע זעט אין דער נאכט א פייערל
פון דער ווייטסטער ווייט, —
אזוי לויכטן
זאָל מיין ערשטע
און לעצטע
זייט...

פארשריבן אין זכרון

לידער, מיינע לידער —
אויסגעוויייטיקט,
אויסגעמוטיקט,
אויסגעבלוטיקט
אין מיין קאַמער —
אין דער שטייג.
געמיינט:
באַגרענעצן
מיין רוים,
וועל איך זיין
א צווייג,
אַן אָפגעהאַקטער
פון בוים? —
געמיינט:
אין תפיסה
מיך פאַרשפאַרן,
וועל איך
וויאַנען,
דאַרן,
האָדעווען
מיט פיינען,
גרוילן,
וועל איך שימלען,
פוילן...?

פאַרן גייסט
פרייען
ניטאָ קיין צוים: —
אין מיין קאמער,
אין דער שטייג,
איך — אי צווייג,
בוים,
ערד;

מיינע וואָרצלען
זיך גענערט
פון אייגענער
קראַפט,
פון אייגענעם
זאַפט.
מיין גייסט
פארניכטן ?!
ער לעבט,
וועבט,
שאפט,
הערט ניט אויף צו דיכטן.
(אויף די הענט
אייזערנע
רינגען, —
נאָר איך הער ניט אויף
צו זינגען.)
געוואָרפן
אין אָפּגרונט,
אין שוואַרצן:
און איך —
מיינע לידער
(איך וועל) שארפן
אויפן פייער־שטיין
פון הארצן;
טויזנטער
אויגן —
פונקען
זיך צעפלויגן
אין אלע,
אלע זייטן,
דורכגעלויכטן,
אויפגעלויכטן
אַלע הויכן,
טיפן,
ווייטן.

(ווילט זיך קלייבן,
פארשרייבן,
זאָל פארבלייבן.)

ניטאָ קיין בלייער,
קיין פאפירן.
מיינע לידער
„פארשריבן"
אין מיין געהירן,
אין זיינע טיפן
זיי געשליפן
פארעקשנט,
פארביסן,
אויפן שלייפשטיין
פון געוויסן.

אויף די קעמערלעך
פון מיין געהירן
פעלדזנפעסט
די טירן;
אויף מיינע
ניט ברענענדיקע סייפן
אונטער מיינע
שלייפן.
דאָרט זיי אויפגעשטאפלט,
פארהיט,
נאר אין תפיסה
שמאכט
איך לאַנג: —
ווערט רייף
א ליד,
אַ געדאנק,
וואָס ווייטער,
לענגער,

אין די קעמערלעך
פון געהירן
אלץ ענגער,
און ענגער,
צעשפּארן
שוין די טירן
פון מיינע
ניט ברענענדיקע
סייפן —
און טאָג און נאכט
בריען,
גליען,
טוען ווי מיר
מיינע שלייפן.

אין טפיסה
ווייניקלעך
צו עסן,
ברויט,
וואַסער —
זייער קארג,
אין תפיסה
מע קאָן אלץ,
אלץ פארגעסן,
מעג דער מוח
זיין ווי שטארק ;
אין תפיסה
ווערט אלץ
גיך דערעסן,
די איינטאָניקייט
פרעסט,
פרעסט
ווי מויל —
פונעם לאנגן,
לאנגן
ניט דערעסן,

אין קאָפּ
פּוסט,
הויל. —
וואַיעט
אין קאָפּ
א ווינט,
קערט צונויף
שטיקלעך
געדאנקען־דרויב,
און דיר דוכט:
ביסט בלינד,
טויב,
האָסט שוין אלץ,
אלץ פארגעסן,
און דו טראכסט
בלויז: עסן!

ווי יעדער ביסן טייער,
וואָלט איך אוועקגעבן
צוויי דריטל פון מיין ברויט
פאר א בויגן פאפיר
און אַ פּיצל בלייער.
דער הונגער —
א וואָלף!
האָט מורא פאר פייער,
פאר פייער
האָט אויך מורא דער טויט —
פאר פייער
פונעם גייסט;
דאָס פייער —
ריין —
אָן א רויך.
לייכטער, לייכטער
דער הונגער פון גוף,
ווען אַ קאַפּ געשטילט
דער הונגער פון מוח.

און ווען איך וואָלט שוין פאַרמאָגט
א בלייער און פאפירן,
וואָלטן די וועכטער
ביי די טירן
דערזען
און צוגענומען,
און נאָך א באווייז —
צו מיינע אקטן
צוגענייט,
און אויף מיינע הענט
און פיס
וואָלט צוגעקומען
נאָך א קייט,
נאָך א קייט.

דער וועכטער —
געבוירן בלינד,
ווי אַ הינט
מיר נאָכגעשפּירט
און געשווינד
ראפּאָרטירט.
און דער עלטסטער:
— „נאַרישער האַלדז!
נאָך ניט אלץ,
דאָס זיינען בלויז בראָכשטיקער,
דער עיקר, דער עיקר
געבליבן אין זיין מוח!"
ביידע הילפלאָז,
ליפּן פארקרומט —
אין האַס:
—„מע מוז דעם וויין
פארניכטן
צוזאמען מיטן פאַס..."
נאָר אויפן פאַס —
דער עיקר —
די רייפן...

און אויף די סייפן
אונטער מיינע שלייפן,
אויף די ניט ברענענדיקע
סייפן
אונטער מיינע שלייפן —
פעלדזנפעסט די רייפן...
ניטאָ אזא כוח,
וואָס קאָן איינגעמען
די פעסטונג
פון מיין מוח.
ניטאָ אזא כוח!

קינדער־שטימען — אין תפיסה־קאַמער

(זכרונות פון א קאָמוניסט)

שטיל... שטיל...
פון ווייטן, פון ווייטן — שטימען פון קינדער.
איך הער זיך איין אין די שטימען פון קינדער,
און ווי נאָך קיין מאָל, ווערט שווער מיר מיין פּיין —
איך ציטער אויף: אַ בלינדער —
אויף אַ רגע דערזען אַ טראָפּן שיין.
א רגע — און אויס, ווידער פינצטערניש, נאַכט,
שטייט פאַרלאָרן: (וואָס איז געשען?)
עפּעס אין אים פּלוצעם דערוואַכט,
עפּעס אַזוינס, וואָס געווען און ניט געווען.
אין חלל טאַפּן, זוכן זיינע דורכזיכטיק־בלייכע, פּיבערדיקע פינגער,
ווי פאַרלאָרן עפּעס, און אים טוט זייער באַנג.
איך הער זיך איין צו די קינדערשע שטימען, ווי אַ זינגער
צו אַ ליבן, לאַנג פאַרקלונגענעם געזאַנג.
אַ כוואַליע אַן אייזיקע אויף מיין גוף, אויף מיין געזיכט,
ווי נאָך קיין מאָל דערפיל איך אַלץ וואָס מיר פעלט,
ווי דער בלינדער, אויף אַ רגע דערזען אַ טראָפּן ליכט
און דאַן — נאָך פינצטערער אין זיין אָפּגרונטיקער וועלט.
מיינע דורזיכטיק בלייכע הענט איך שטרעק צו אַ הימלישן בלוי,
צו אַ בלוטנדיק בלוי, צעשניטן, צעפערטלט פון אייזערנע קראַטן,
אַמאָל געהאַט אַ היים, אַ פרוי,
אַמאָל קינדער געהאַט און זיי אַ טאַטן!
די קינדערשע שטימען — אַ רגע ליכט און אויס, ווידער נאַכט.
איך שטיי פאַרלוירן: וואָס איז געשען? —
עפּעס האָט מיט אַ מאָל אין מיר ווידער דערוואַכט,
עפּעס אַזוינס, וואָס געוועץ און ניט געווען.
די קינדערשע שטימען צאַנקען, קרייזן, וויברירן,
בלאָנדזשען לאַנג נאָך אַרום אין מיין קאַמער,
(ווי נאָך קיין מאָל) מיט אַלע חושים פיל איך די קראַטעס, שלעסער, טירן,
ווי ער פאַלט אַראָפּ אויף מיין קאָפּ דער סערפּ און דער האַמער,
וויל צעברעכן, צעדרויבלען מיך אויף שטיקער,
אין אַן איוון אַ צעגליטן מע וואַרפט מיך אריין,

נאָר איך — איך געדענק גוט דעם עיקר,
וואָס איך בין געווען, דאָס וועל איך זיין.
אין אויוון, אין גהינום־אויוון איך ווער ניט צעשמאָלצן,
איך בלייב דאָס זעלבע און ניט דאָס זעלבע מעטאַל,
טראָג איך אַזוי מיין האַרץ, מיין קאָפּ, מיין שטאָלצן
דורך דער תפיסה, גיי און גיי און קום צו אַ זאַל,
צו אַ גראַמען, פאַרנעפּלטן זאַל, און מיט אַ מאָל: אומעטום צינדן זיך ליכטער
און דער זאַל מיט עולם פאַרפולט געדיכט,
אויף דער בינע ביי אַ לאַנגן טיש זיצן ריכטער —
דריי געזיכטער, ווי איין געזיכט.
איין ריכטער פרעגט: צי אָנערקען איך זיך שולדיק — ?
און דריי פּאָר אויגן אויף מיר קוקן פרעד. —
שולדיק? צען יאָר ווי איך פרעג געדולדיק:
אין וואָס, אין וואָס באַשטייט מיין פאַרברעך?
שוין צען יאָר, צ ע ן י אָ ר — אַן אייביקייט,
זומערן און ווינטערן, ווינטערן און זומערן,
וויפל פרילינגען, ווי איך קוק ארויס צו פּיצלעך הימלישן בלוי,
דורך אייזיקע קראַטן, דורך שטעכיקע דראָטן,
שוין צען יאָר צייט, ווי איך רייד שטומערהייט
מיט מיין אייגענעם שאָטן,
שוין צען יאָר צייט
ווי אַלץ אין מיר שרייט,
פאַר וואָס האָט איר צוגענומען
דעם מאַן ביי דער פרוי
און ביי די קינדער דעם טאַטן?!
די ריכטער שווייגן, בלעטערן, זוכן און מישן,
טוען עס פאַוואָליע און מיט פיל געדולד,
(ווי זיי וואָלטן מורא האָבן פאַרווישן
דאָס, וואָס זיי קאָנען ניט געפינען — מיין שולד...)
די ריכטער שווייגן, זוכן, נישטערן, קלייבן,
לייגן צונויף די פּאַפּירן, (ניט קיין נייס.)
פּאַפּירן?! פּאַפּירן לאָזן אַלץ אויף זיך שרייבן
און מאַכן פון ווייס שוואַרץ און פון שוואַרץ ווייס.
פּלוצעם פאַרשווינדט אַלץ, ניט קיין זאַל, ניט קיין ריכטער, —
אַ פּשוטער שרייבטיש, אַ קאַבינעט,
און אַנטקעגן מיר — מיין „אויספאָרשונגס־ריכטער",

און אַנטקעגן אים — אַ סקעלעט.
און ער זאָגט: (ער איז די רויקייט אַליין!!!)
— „דו ביסט אַ שרייבער, אַ דיכטער,
דאַרפסטו גיכער, בעסער פאַרשטיין,
פון דאַנען, ארויס, עפנט זיך קיין טיר,
דער וועג צו פרייהייט
פירט דורך אוראַל,
דורכן וייטן מזרח,
דורך צפון־קאַזאַכסטאַן,
דורך צפון־סיביר".
ער קוקט אויף מיר, און ווי אַ פּעטליע זיין שמייכל
ארום זיין אָפענעם, נאָכגיביקן מויל. —
און איך באַגרייף: זיין גבורה באַשטייט ניט אין שכל,
זיין גבורה — גרויל.
און איך פרעג: שוין וויפל יאָר, פאַר וואָס פאַר אַ שולד,
פאַר וואָס אַזאַ גרויזאַמע פּיין,
שוין וויפל יאָר ווי איך האָב געדולד,
ווי איך גאַר נאָך אַ טראָפּן שיין,
אין דער פינצטערניש, אין מיין ניט וויסן,
מיט וואָס האָב איך דאָס אַלץ פאַרדינט,
פאַר וואָס האָט איר אַזוי גרויזאַם מיך צעריסן
מיט מיין היים, פרוי און קינד,
פאר וואָס געפירט מיך פון תפיסה צו תפיסה
מיט צעיושעטע, שוימיקע צווייפיסיקע און פירפיסיקע הינט,
פאַר וואָס אַזאַ גרויזאַמע שפאָט,
מיט וואָס האָב איך דאָס אַלץ פאַרדינט?
אפשר — ווייל ניט איין מאָל מיין לעבן געשטעלט אין קאָן,
געגלייבט אין אייער גוטס, פאַר אייך געקניט,
געבליבן טריי דער רויטער פאָן,
אפשר דערפאַר מיך אין קייטן געשמידט?!
איך זאָג אים אַלץ... ווער זייט איר, תלינים, צי... צי ריכטער? —
עס שטורעמט פון מיר אַרויס אַ ווולקאַן!
פון דעם וואָלטן (באַדאַרפט) זיך אויסלעשן אַלע ליכטער,
אַלע ליכטער, אַלע געזיכטער, וואָס זיינען דאָ פאַראַן.
צי איך רייד, צי איך שריי, איך הער שוין ניט מיין קול,
איך שטיי צעשמעטערט, בלינד און טויב,

אויף מיין גאָרגל קאַלטער, שאַרפער שטאָל,
און זיינע אויגן: אש, שטויב? —
ער שווייגט, קוקט אויף מיר און אַ בטול-שמייכל
שפּילט אַרום זיין שלאַפן, נאָכגיביקן מויל.
איך ווייס שוין: זיין גבורה באַשטייט ניט אין שכל —
זיין גבורה — גרויל.
ער דאַרף ניט דעם אמת, ווייל פון אים ניט וויסן,
גלייכגילט געגעצט אַרויס פון זיין בליק,
ער קאָן ניט אויפשליסן, קאָן נאָר פאַרשליסן,
ער דאַרף אויף מיין האַלדז פאַרדרייען אַ שטריק
און אַלץ ענגער און ענגער די פעטליע פארציען;
ער ציטערט ניט מיט קיין וויע,
שרייבט און שרייבט —
עס זאָל קלעקן אויף אַ תליה.

אין וואַלד בײַם שײַטער

וואַגאָנען, וואַגאָנען
מיט קלעצער און ברעטער,
לעכערט אַדורך מיך דאָס פּײַפן,
הודיען פון לאָקאָמאָטיוו,
דוכט: מיר שווימט אַנטקעגן
מײַן מלאך, מײַן רעטער,
מיר שווימט אַנטקעגן
אַ ליכטיקע שיף;

לויכט פון דער ווײַטן, וויגט זיך —
מע דערזעט מיך און ווינקט,
לאָזט די שיפלעך
אַראָפּ אויף די שטריק; —
מײַן האָפענונג: פליענדיקע
פונקען פון שײַטער,
און ווי זיי, פלאַמט אויף
און לעשט זיך מײַן בליק.

און טיף — דער וואַלד,
טויב און פאַרשאָטן,
אויפן שניי זיך לעשן
פון שײַטער די פונקען.
דאָס קעסעלע וואַסער
האָט שוין געזאָטן,
די ליפּן געבריט,
זשעדנע געטרונקען.

איך פיל די זעג מײַנע
און איך פיל זיך אַליין,
צי פון מיר, צי פון זעג און פיל
די שטויבלעך פון זילבערנעם זאַמד —:

איך צעבייס דעם טויט
מיט קרישלענדיקע ציין,
געטרונקען סם,
נאָר כ׳בין ניט פאַרסמט.

איך צעבייס דעם טויט
מיט וואַקלדיקע ציין —
זיי קרישלען זיך,
ברעכן זיך און פאַלן.
איך וואָלט אַנטלאָפן
(ווו די אויגן טראָגן),
נאָר וואַהין ? וואַהין גיין,
אומעטום וועלף,
וועלף און שאַקאַלן.

און שאַרף איז מיין זעג,
וייל שאַרף מיין פייל,
כ׳האָב אין דער נאַכט
אַליין זי געשליפן.
און ערגעצוו וויט, וויט
אויף טויזנטער מייל —
איין האַרץ בלויז — הערט
דאָס בלוט מיינס טריפן...

זי הערט מיט אָפענע אויגן,
דאָס קינד ביי דער זייט,
וואָס שלאָפט מיט רו
פון הימלישע בלויען;
בלויז זיך אַליין, דעם קינד,
מיר און דער וויט
(זי קאָן) שטילערהייט
איר פיין פאַרטרויען.

איך הער דיך, איך הער,
פון האַרץ פון דיינעם יעדן ציטער, —
מיין פיין און דיין פיין
אין רוימען זיך טרעפן,
שטויסן צונויף זיך —
ווערט אַ געוויטער,
אָ דונער! אָ בליץ! די לעפלעך צערייס!
אָ ווייט, עפן זיך, עפן!

גרילצן די זעגן,
הילכט דער וואַלד,
איך וואַלגער די מעכטיקע
אוראַלטע שטאַמען.
איך בין שוין, דוכט,
ווי זיי אַזוי אַלט —
און איך זעג זיך אונטער —
מיט זיי צוזאַמען.

זון !
איך קאָן דיר ניט קוקן
אין פּנים.
אַרויסגיין פון קרייז —
שטרענג פאַרבאָטן !
מיינע בעסטע פריינט,
מיינע ערגסטע
שונאים
אינײנעם
פאַרקנאָטן...
הענגט,
צאַפּלט
מיין שאָטן
אויף די שטעכיקע
דראָטן.

ווען הענקער
שפּילן
אויף פּידלען,
ווערן סמיטשיקעס
רידלען,
די מענטשלעכע
אָדערן — סטרונעס,
די הייזער — טרומנעס,
די וויגעשרייען :
נאָטן —
אויף שורות
פון שטעכיקע
דראָטן.

פאַרשלאָסן
אין שטייגן,
אלץ, אלץ,
(מע וויל) אונדז רויבן ;
נאָר איך —
איך, אין גרינע
צווייגן —
הער ניט אויף
גלויבן.
איך ליג
אונטער ריגלען
און שלעסער ;
די קראַטן
צעקרישלען
דאָס ליכט —
איך וויל אַלץ,
אַלץ
פאַרגעסן,
אויך מיין
אייגן
געזיכט.

געהייליקט פנחס ראבינאָוויטש — דעם נסתר

...אויסגעשטעלט אונדז ריי נאָך ריי,
אויף די גליבעס אייז, בערג פון פוד — דער שניי,
געפאַלן, געפאַלן דער שניי אומאויפהערלעך, אָן אַ סוף,
אַ לייכטער, געדיכטער, ווירבלדיק געדרייט,
אויף די וויעס ווי בליי דער שלאָף,
אין די אויערן ווינטן־געוווי, געבראַזג פון קייטן.
דער אייזערנער רינג אויף פאַרשטאַרטע הענט,
אויפן דופק דאָס אייזיקע שטאָל האָט געברענט
און צוגעזאָטן צו דער אָפּגעפראָרענער, ווייסער הויט.
און איך — אין אַן אָפּגרונט אַלץ טיפער געפאַלן
אין שניי, פונעם תכריכים־שניי אַ פאַרבלענדטער;
אין די אויערן, אין האַרץ, געוווי פון ווינט; פון שאַקאַלן!
דער קאָנוווי געשטורכעט מיך מיט אויטאָמאַט, געשריגן,
נאָר מיר שוין אַלץ איינס, אומגעפאַלן, געבליבן ליגן
אין בלענדיק שנייקן תכריכים־פוך, מיר געווען אַזוי גוט,
אַזוי וואַרעם. אין די אָדערן אַלץ וואַרעמער, הייסער דאָס בלוט,
דאַן קילער, קילער, שטייפער און אייזיק מיט אַ מאָל,
ווי אַלץ אין מיר וואָלט געשמאָלצן און געהאַרטעוועט צו שטאָל.
פון קאָנוויס מיילער כוואַליעסווייז דאַמף:
— „שטיי אויף, סימולאַנט, מאַך ניט קיין שטיק! „פאָבעג״ *!
„מיר שיסן״! ווי פון ווייט געהערט זייער געשריי.
מיר שוין אַלץ איינס... שוין פאַרענדיקט מיין וועג.
— „שטיי אויף! „פאָבעג״! „פאָבעג״! מיר שיסן! שטיי אויף,
שטעל זיך אין ריי!!״

---

* ווען געפירט פון קאָנווי מע פאלט פון שוואכקייט, אָדער מע שטייט אָפּ פון קאָלאָנע, ווערט עס אויטאָמאַטיש אויסגעטייטשט ווי סימולאַציע אָדער פרווו צו אנטלויפן — „פאָבעג״. דער קאָנווי שיסט תיכף און — אין ראפּאָרט: „דערשאָסן ביים פרווו צו אַנטלויפן״.

די טאַנענביימער, די צווייגן — אין בלענדיקן שניי.
די שלאַנקע, אומגעבויגענע, אוראַלטע שטאַמען,
די צפונדיקע וואָראָנעס געקרייזט מיט נבואה און גרויל־קראַקעריי.
ווער וועט איצט זאָגן קדיש נאָך מיין טאַטן און מאַמען,
און נאָך מיר ווער וועט זאָגן?! (אַלץ איינס, אַלץ איינס, שוין אַלץ פאַרביי).
און אַ קנאַל־שאָס האָט תיכף צעריסן די אור־שטילקייט פון טייגע־וואַלד,
אויף אַ צענט־חלק פון אַ רגע, ווי אַ שטאָך פון אַ נאָדל, ווי פון ווייט, ווייט,
געפילט און געהערט.
מיר געווען שוין אַלץ איינס, ניט וואַרעם, ניט קאַלט,
ערגעץ־ווו ווייט, אויבן — די ערד,
ערגעץ־ווו אונטן, טיף אונטן, אונטערן שניי — דער הימל,
און צווישן זיי אַן אויסגעלאָשן פייער, אַ רויך — דאָס מענטשגעווימל.
מיין שטילקייט אין מיר, מיין רו האָט דער שאָס ניט צעשטערט.
איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ שוועבנדיק, אַ הימליש פוכעלע שניי
אין ווייסן אומענדלעכן ווירבל און וויכער־געדריי...
דער שאָס — די רפואה די בעסטע פאַר מיין אומהיילבאַרער נשמה־ווונד,
ניט געפילט שוין ווי מיינע קאַטאָרגע־בגדים, מיין שטייפן, לעבלאָזן גוף
האָט צעביסן, צעריסן דער געטרייער, קאָנוואָיישער הונט,
איך האָב שוין דעמאָלט געשוועבט
אַהין און אַהער, אַראָפּ און אַרויף.
איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ שוועבנדיק,
אַ זילבערן, הימליש פוכעלע שניי
אין ווייסן, אומענדלעכן וויכער־געדריי.

ניט אין רוסלאנד

ניט אין די ברייטן
געשטאנענע מיין וויג,
ניט די וויוגע, די סיבירישע,
געוויעט אין מיינע קינדערשע אויערן,
ניט די רוסישע רחבותן
אומעטיקן ארויס פון מיין בליק,
צו דיר עולה רגל געווען, רוסלאנד,
אליין געקלאפט אין דיינע טויערן.
אויף דיין בלוטדורכטריפטער ערד —
מיינע טרוימען
אין פיין און בלוט צעטראָטן,
בלאָנדזשעט רו־לאָז ארום —
א פארפייניקטער —
מיין שאָטן
אין א צפונדיקן,
וויטמזרחדיקן,
אויסגעהאקטן וואלד.
ניט מיין נשמה,
נאָר מיין לעבן
גרויליק צעריסן, צעצווייט,
מיין נשמה אָן א פלאם
געטליעט, געצאנקט
אין רויך אין שווארצן,
מיין שטים, מיין געזאנג
פארטויבט, פארהילכט —
דער געבראזג פון דער קייט,
איר ווידער־קול
הילכט נאָך היינט אין מיין הארצן...

מיך געטריבן
דורך צפונדיקע פּוסטקייטן,
דורך ווילדער סיבירער,

טראָפּנווייז, ווי בלוט,
אויסגעטריפט
מיין גלויבן,

אין שטייענדיקן דרעמל
געזען אויף א בארג מתים
אַ מאָנומענט פונעם „פיורער".

אויף די אקסלען
(אויף די מאַרשאַל־צייכנס)
דערשטיקטע טויבן;

די קעפּלעך פארוואָרפן,
די פיסלעך
פארגליווערט, פארדרייט,

אויף די העלדזלעך, אין די שנאָבלעך
דאָס פארקילטע בלוט
דאָס טונקלרויטע.

אזוי שטייט ער, דער „שטאָלענער" —
א זייל פון זאַלץ
פארשטיינערטערהייט,

אין זיין פארגליווערטן בליק: —
מיליאָנען
פארפייניקטע, טויטע.

גענוג, גענוג,
זיך אויפקשטעלן
אין דער מיט פון רוסישער גאס —

א פארווונדעטער וואָלף:
אויסוויען די נעבעכדיקייט
פון מענטשלעכן זיין,

נאָר צום רוסישן מענטש
ניט פאראן אין מיר
קיין איין טראָפּן האס,

דער רוסישער מענטש
אויך געשלונגען
אָן א שיעור פּיין.

דיר, רוסלאנד,
וועלן מיינע ליפן
קיינמאָל קיין קללה ניט שיקן,
ביז מיין אָטעם
לעצטן —
מיינע ליפן בלייבן ריין;
מיר באַשערט
דורך א שפאליער פון מיליאָנען
רוסישע בליקן —
אומבאפלעקט,
מיט קאָפּ אויפגעהויבענעם
אדורכצוגיין.

ניט אין פייניקער, מערדער,
רוסלאנד —
דיין עבר, דיין היינט און מאָרגן,
ניט אין סטאלינס, ראָמאנאָווס,
סטאָליפּינס,
דעניקינס און קאָלטשאקס —
אין דיינע דיכטער און דענקער,
אין דיין פארפייניקטן פאָלק
דיין גרויסקייט פארבאָרגן,
און ניט, אָ ניט
אין מאליוטא סקוראטאָווס האק.

משה קולבק — ליכטיקן אָנדענק

אָט שטיי איך ווידער
אין דעמאָנישן קרייז. —

פון יענער זייט
קרייז
בערג פון אייז:

א אין־סופיקע,
ניט באטראַטענע,
אייזיקע פלאך,

און זינלאָז —
זינלאָז
די מענטשלעכע שפראך...

יעדעס וואָרט,
יעדעס גרייזגרויע וואָרט,
אויסגעקריצטער אות,

מער קיין באדייטונג,
קיין וואָג,
קיין מאָס;

ליגן די ווערטער:
אָפפאל א הויפן —
איבערגעברענטער מעטאל.

יעדעס וואָרט:
הארץ?
נשמה?
איצט בלויז ביטערע גאל,

און טייוואליש געלעכטער,
אויגן פארנעפלטע
אין פיבער־בלענד,

און אלע צאנקען,
לעשן זיך:
פון אינעווייניק פארברענט.

אַ רוסלאַנד

מיינע אַרעסטאַנטן־ברידער פּאַוועל קוזנעצאָוו, אַלעקסיי קורטאָוו, אַלעקסיי בעזראָדני — די ווונדערלעכע רוסישע מענטשן — מיינע רעטער — מיט אומפּארגעגלעכער ליבשאַפט און פּאַרערונג.

אַ רוסלאַנד! אַ אַקטאָבער!
מיך האָט דיין ליכט פון ווייטן, פון ווייטן געצויגן,
זיין אָפּשיין געלויכטן אין מיינע אויגן,
געלאָזט זיך אין ווייטן, ווייטן פלי,
געפאַלן פאַר דיר אויף די קני.

דיר אָפּגעגעבן מיין גאַנצן זיין.
ווי דעם שמעטערלינג ציט צו דער שיין,
געפלאַטערט צו דיר און געשוועבט,
געדוכט: אויף דיין ערד ערשט אויפגעלעבט.

און כאָטש דערפילט אויף מיין אייגן געזיכט
אי די שריפה, אי דאָס ליכט,
און דער רויך האָט דעם אָטעם געשטיקט,
בין איך סיי ווי געווען אנטציקט.

און כאָטש געפילט: איך ווער פאַרברענט —
נאָר מיין יעדער פלאַטער געווען איז אייערער,
צו אייך געשטרעקט מיינע פליגל — הענט,
און נאָך טיפער אַריין אין פייער;

און איצט — איך שטיי ביים ראַנד פון תהום: —
אַ קרבן אין קלעם פון מגפה,
אין ווירבל פון רויכיקן, רייסיקן שטראָם
אין אָט דער טייוולישער שריפה.

אָ רוסלאַנד!
אומענדלעכע! אויך איצט ביסטו ליב מיר און טייער,
מיט דיינע פעלקער, פּאָעטן און דענקער
אויסגיין אין יעדן לייטערנדיקן פייער,
נאָר ניט אין הענט פון הענקער;

פרוכפּערדיק, ווי זאָמען, איבער דער גאָרער ערד
מיין אַש זאָל ווערן צעווייט און פאַרזייט,
און אויף דיין ערד, צעהעלט און צעקוועלט
זאָל אויפגיין מיין ליבע צו דיר,
צו דיר,
נאָר ניט צו דער קייט.

פארקויפט ניט אין די קראָמען
קיין פאפיר,
קיין בלייער, —
פון פאפיר
און בלייער
ווערט א פייער,
און פייער,
צעשמעלצט
דאָס געפריר!
איר זיצט
אויף געפריר
און איר...
שוויצט
(מיטן פחד
פארן קלאפ
אין דער טיר)
אין אָט דער אייזיקער,
אייזיקער קעלט.
אלע,
אלע
ארום אייך
שוויצן,
ווי אין די גרעסטע,
טראָפישע
היצן...

א דערשאָסענער דיכטער און זיין פרוי

אייביק ווי די וועלט, אַלט און ניי,
אויף מיין האַלדז: בליי!
ציט מיך אַריין אין שווינדלדיקן קרייז
צו וויסטענישן, ווירבל און אייז.

אַן אָדלער־קאָפּ, אין ערשטן גרוי,
די אויגן: אָט גרין, אָט בלוי;
אין בייט, אין שפּיל פון שאָטן און ליכט,
אַזוי יעדע רגע זיך בייט זיין געזיכט.
וואונדערלעכע איידעלע הענט, פידלערישע פינגער,
צו מאָל זיינע אויגן, ווי דער ים פאַרטאָג.
נישט געעלטערט זיך, אַלץ יינגער און יינגער,
אַליין דאָס צינגל, אַליין אויך די וואָג,
און דאָס געוויכט אויף די פאַרכישופטע קרייזן — די שאָלן;
געמוזט זיין חוב ניט באַצאָלטן באַצאָלן...
(אָט דעם חוב האָבן מיר אַלע באַצאָלט מיט געראַנגל און פּיין
פאַרן מאָשקע מה יפית, טראָפּעלע האָניק, פאַרן ביסעלע ווייך.)
זיין חוב... דער חוב פון הויפזינגער פון אַ לאַנד,
ווערענס רודער אין הענט — די נישטיקייט אַליין...
„ווען גרויסע אידייען אין אַ דריבנעם פאַרשטאַנד,
ווערן די גרויסע אידייען קליין”...

...און דו, פרוי, אָנהייב און סוף פון אַלץ,
מיט זיינע פידלערישע פינגער ער האָט געצערטלט דיין האַלדז,
דיין שוואַנען־האַלדז: ווייסע רויזנבלעטער, — געשניצט,
איך הער, אין קבר אומבאַקאַנטן מיט די ציינער ער קריצט,
ניט פון האַס, ניט פון נקמה־פאַרלאַנג, חלילה, נאָר פון חשבון הנפש־פּיין;
און דו, פרוי, ביסט געווען זיין ליבע, זיין מוזע,
אויף דיר געפאַלן זיין אומפאַרגעגנגלעכע שיין!
(אין מיין ווי אָפּגעסמטן בלוט הילכט נאָך דער מערדערישער שאָס.
(כ'האָב אויסגעטרונקען ביזן דנאָ דעם פאַרסמטן, טייוולישן כוס.)
און דו, פרוי, דו ליגסט שוין אויפן דיכטערס געלעגער
מיט דיין אויסדערוויילטן צווייטן,
אין האַרצן, אין די אויערן קלינגען נאָך די קייטן;

די שטאָלענע רינגען, פאַרשמידטע אויף זיין יעדער איידעלער האַנט,
געקלעמט אים אויך דאַן, ווען מע האָט אים געשטעלט צו דער וואַנט,
און זיינע אויגן, ווי דער ים פאַרטאָג, מיט אַ טוך אַ שוואַרצן פאַרבונדן.
(ביז מיין אָטעם לעצטן וועלן ברענען אויף מיין גוף אַלע זיינע וווּנדן,
ביז מיין אָטעם לעצטן וועל איך וויינען, טרויערן.)
און דו — די מאַמע פון זיינע זין, אויף דיינע קליינע ראָזעווע, ווייבלעכע אוי
בלישטשען אוירינגלעך : אויף פאַרטאָגיק־ריינעם סיבירישן שניי, בריליאַנטן ;
דיך אויך געטריבן מיטן עטאַפּ אין צפונדיק אייזיקע קאַנטן,
דיר אויך געגעבן טרינקען פּיין מיט דער רוסיש־ברייטער האַנט,
דו ביסט אויך געשטאַנען ביים סאַמע, סאַמע ראַנד...
דיינע אוירינגלעך : אויגן פון סאָוועס, זעלטענע, טייערע שטיינער.
(האָסט זיי, קאָן זיין, געקויפט פאַרן שכר פון זיינע לידער ?)

און זיינע צעגרינטע גלידער,
זיינע אויפן ווינט צעזייטע ביינער
(באַצאָלט דען פאַר זיין דיכטונג — (?)
באַצאָלט פאַר זיין פאַרניכטונג
פאַר זיין צעשאָסענעם געביין.) —
וואָלט כאָטש דיין טרויער,
דיין אייביקער טרויער —
אויף זיין קבר אומבאַקאַנטן
(געווען אים) אַ שטיין.

מיין יידישע ווירדע

צי בין איך אַ קנעכט,
בײַ אַ קנעכט
געבוירן,
צי אַ שפּראָץ פון אַ פאָלק! —
אַ פאָלק
פון משיחים;
צי האָט עמעץ מיך
אונטערגעוואָרפן,
אין וועג פאַרלוירן,
צי זאָל איך אַליין
אויסגראָבן אַ קבר,
נייען תכריכים
פאַר מיין ווירדע,
מיין מאָרגן,
מיין עבר,
(און ווי עס פירט זיך)
„טאָן זייער רעכט",
און אייביק,
אייביק
זיין אַ קנעכט
און ברענגען אויף דער וועלט
קנעכט,
און אויסכאָווען
קנעכט!!
צי שיטן אַש
אויף מיין קאָפּ,
רייסן קריעה,
שבעה זיך זעצן, קדיש זאָגן
נאָך די דיכטער, (מיינע ברידער)
— די קדושים,

צי זאָלן מיינע ווערטער —
מיינע לידער
ווערן אַ תליה
פאַר די מערדער
און זייערע העלפער —
די תלינים;
צי זאָל איך ווערן אַ „מאָשקע״, —
אין א מה־יפית־טאַנץ
אויסטאַנצן די שלושים,
און אַליין זיך,
אַליין
שפייען אין פנים
און נעבעכדיק, הילפלאָז
שרייען:
„חי וקים!״
און זיך בוקן
צו דעם בלוטיקן,
פאַפירענעם געץ!
און ווערן אַ שר המשקה
אָדער אַ הויפזינגער
אין מצרים,
און אויף מיין לייב —
זייערע שבחים —
ווי קרעץ!
קרעץ —
פוילן לעבעדיקערהייט,
און פון זייערע גופים
שטיקער
עס פאַלן;
צי זאָלן מיינע לידער
זיין רינגען
פון דער קנעכטישער קייט, —
דאָס נאַכטישע געוווי
פון גיריקע
שאַקאַלן;

צי זאָל איך מיינע אבות —
די אומפאַרגענגלעכע
געבאָטן

די אייביקע, —
דאָס הייליקסטע
פאַרשוועכן,

און מיינע ווערטער,
מיינע לידער: קראַטן,
שטעכיקע דראָטן;

צי זאָל איך אַליין,
אַליין פאַרטאַכלעווען
מיין שאָטן,

און אַליין די לוחות
פון מיינע אבות
צעברעכן

און זיצן אויף די שערבלעך
געהויקערט, פאַרשפּילט
און וויסט: —

אַן אַנדראָגינוס!
פון אַלעמען
געמיטן און פאראכט!

צי זאָל איך אַליין,
אַליין זיך אַרויסוואַרפן
אויפן מיסט,

און אויפן מיסט
וויען, וויען — אַ שאַקאַל
אין דער נאַכט!!

צי זאָל יעדע גאַמע
פון מיין ליד
זיין אַ טרעפ

פאַרן רום,
פאַרן אויפשטייג
פון די פאַרניכטער?

צי זאָלן דיינע ווערטער,
דיינע לידער,
אָ דיכטער,

זיין ווייִרויִך
אויף פרעמדע,
פאַלשע אַלטאַרן — עקדות,
צי לויכטנדיקע,
גליִענדיקע,
פלאַמענדיקע ליכט,
אומגעוואַקלטע,
אומבאַפלעקטע,
אומפאַרגענגלעכע עדות
אין טאָג
פון העכסטן,
פון לעצטן געריכט !?

דוד בערגעלסאָן — געהייליקט

יעדע שעה, יעדע שעה —
אַ באַרג,
אייזיקער,
גליטשיקער באַרג.
איך בין שטענדיק וואַך,
ווער ניט מיד
אויף אים קלעטערן.
איך בין דאָ
און ניטאָ,
איך בין שוואַך,
שטאַרק,
איך קלעטער
און קלעטער
אין אַלע וועטערן.

יעדע שעה, יעדע שעה —
אַ בארג,
אייזיקער,
גליטשיקער באַרג,
אונטן — אַן אָפּגרונט־טיף,
הויך איבערן באַרג
קראַקעט נבואה א קראָ.
(דאָס קראַקען וואַרגט.)
יעדע רגע, יעדע מינוט
— קאָן אויפן אייז
טראָפּנווייז טריפן —
מיין בלוט.
איך בין שטענדיק וואַך.
שטאַרק,
שוואַך,
איך בין דאָ
און ניטאָ —

ניטאָ, ניטאָ קיין צוריק —
דעם אָפּגרונט
איך מעסט מיט מיין בליק...
דער אָפּגרונט
פינצטערט
אין מײַן בליק.

דערוויילע די מענטשן,
אומעטום:
אלץ נאָך — ליים!

אָ גאָט,
וואָס אַלץ מע קאָן
פון זיי קנעטן — !

איר ווילט,
ביי דער טיר
פון דער לייבלעכער היים,
זיי זאָלן ביי אייך
ווי בעטלערס
זיך בעטן.

איך ווייס ניט ווי ווער,
איך, —
איך בין פון שטיין,

מיט מיר, מיט מיר
וועט איר גאָרניט,
גאָרניט ניט מאכן. —

אומזיסט איר וואַרט
אויף הכנעה —
געוויין,

איר וועט הערן
נאָר, נאָר
מיין לאכן.

פון מיין לאכן, איך ווייס —
אייך ניט ווארעם,
ניט קאלט. —

טייטן מיט פינגער:
— „אראָפּ פון זינען.“

און איך —
אפילו
אין אייער דזשונגל־וואַלד
וועל א וועג,
א סטעזשקע
געפינען.

איך בין פון שטיין.
ניט שארפן
איר וועט אויף מיר
אייער שטאָל,
א ציגל
אין אייער געביי,
איך וועל זיך ניט לייגן,
מיין רוקן,
מיין קאָפ,
מיין קול,
קיינמאָל, קיינמאָל
פאר אייך
זיך ניט בייגן!
זיך ניט בייגן!

פרץ מארקישן געהייליקט

אַלע לויפן,
לויף איך אויך --
אַלע קויפן,
קויף איך אויך.
ווו זיי לויפן,
וואָס זיי קויפן
ווייסט ניט קיינער -
נאָר איך ווייס.
איינער פרייט זיך:
„פלייש אָן ביינער!"
און ער ווישט
פון זיך דעם שווייס.
אַלע לויפן,
אַלע קויפן
אין געדריי,
אין קאַראַהאָד.
מיט די הייזער,
מיט די הויפן, -
א מדבר —
מיר די שטאָט.
זוך אין מדבר,
זוך אַ קוואַל איך,
און איך פיל:
איך ווער פאַרברענט!
לויף איך,
קויף איך,
לויף איך,
פאַל איך
אויפן פנים,
אויף די הענט.

כ׳הייב זיך אויף,
כוויל אַנטלויפן ! —
פון אַלץ,
פון אַלעמען,
פון זיך אַליין —
אַלע לויפן,
אַלע קויפן
און פאַרגליווערט
בלייב איך שטיין.
אַלע לויפן,
אַלע קויפן
און פאַרקויפן
זיך אַליין.

שמואל האלקינס יובילײ

אין מאָסקווער צענטראלן שרייבער־קלוב איז אין יאָר 1958 אָפיציעל אָפּגעמערקט געוואָרן שמואל האלקינס ליטעראַרישער יובילײ. פריער, דערווייסנדיק זיך וועגן פאַרשטייענדיקן יובילײ, פשוט ניט געגלייבט מיינע אויערן: איצט, נאָך דעם וואָס ס'איז געשען (!!!), א יובילײ פון א יידישן דיכטער, און האלקין האָט דערויף געגעבן זיין הסכמה, אפשר אליין צוגעלייגט א האנט דערצו! — אומגלייבלעך! ווי עס זאָל ניט זיין, דער יובילײ איז געווען א פאקט, א דערשיטערנדיקער פאקט. אויסגעזען האָט עס אזוי, ווי גלייך מע וואָלט איצט, אין צייט פון שיבעה אָדער שלושים, געפּראוועט א חתונה!!!

אין טאָג פון יובילײ איז דער יובילאר אויסגעצייכנט געוואָרן מיט א הויכן מלוכה־אָרדן. דער יובילײ און דער אָרדן זיינען געווען ניט עפּעס אנדערש, ווי אן אויסגערעכנטער מאנעווער: א נעבעכדיקער פּרווו פון אַ דעמענטי־ענטפער אויף די מאסנפּראָטעסטן אין דער גאנצער יידישער וועלט קעגן דער דערמאָרדונג פון די יידישע שרייבער, קעגן דער פארניכטונג פון דער סאָוו. יידישער קולטור. א כאראקטעריסטישער פאקט: אין דער מודעה אין מאָסקווער צענטראלן שרייבער־קלוב איז צווישן אנדערע געווען אזא שורה: „יובילײ־אָוונט פון יידיש־סאָוועטישן דיכטער". עמעץ פון די טאָנגעבער פון שרייבער־פאראיין איז דאָס וואָרט „יידיש" ניט געפעלן, אויסגעזען — ווייזט אויס — ווי א „אָפּנויג פון דער ליניע" און דער אפּיש איז תכף פארשוווּנדן. אויפן אנדערן אנאָנס איז שוין בלויז געווען: „יובילײ־אָוונט פון סאָוועטישן דיכטער." די יידישע שרייבער האָבן פאָרזיכטיק בלויז געצויגן מיט די אקסלען...

אָט דער קאמופליאזש־יובילײ, אָט דער אינסצעניזירטער, אויף „עקספּאָרט" אויסגערעכנטער ספּעקטאקל פארן „בעל־שׂימחה"־קרבן, צו וועלכן מע האָט גראָד אויסגעקליבן דעם שווער קראנקן, נאָר וואָס פון תפיסה און לאגער ניצל געוואָרענעם, פארפייניקטן יידישן דיכטער, האָט מיך טיף אויפגערודערט. אין עטלעכע טעג ארום, ווי אין אַ טראנס פון פארצווייפלונג האָבן פון מיר ארויסגעשריגן די פאָלגנדיקע סטראָפן, עטלעכע יאָר דאן געלעגן באהאלטן, שפּעטער געפּרווּט ליטעראריש זיי מער פארפולקאָמענען, אבער אָן באפרידיקנדיקע מיך רעזולטאטן, מיר האט שוין, ווייזט אויס, געפעלט יענער געמיט־צושטאנד. די צייט טוט זיך אירס. איך מאַך זיך ניט די מינדסטע אילוזיעס

וועגן זייער ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט, אָבער צוליב דער דאָקומענטאַל־היסטאָרישער אויטענטישקייט זיינען זיי דוכט מיר ראוי פארעפנטלעכט צו ווערן.

צו דער סטראָפע: „מע האָט ניט געברענט אויף קיין שייטער די יידישע ביכער" און צו דער וועגן א. קושנעראָוון איז דוכט מיר אויך נייטיק פאָלגנדיקע דערקלערונג:

דער גורל פון די יידישע ביכער איז ענלעך געווען צום גורל פון זייערע שעפער. די יידישע ביבליאָטעקן האָט מען שוין פון לאנג געהאט ליקווידירט, די ביכער, דעמאָלט־נאָך מיט חסד, ריין אויטאָמאַטיש איבערגעגעבן די אלגעמיינע ביב־ליאָטעקן, אָבער שוין דעמאָלט האבן די פארוואלטערס פון די ביבליאָטעקן, רוסישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע, זיך אָפּגעזאָגט אריינגעמען די יידישע ביכער. איינע פון די אויס־ריידן — דער טרויעריק באקאנטער פרעטעקסט: „ניטאָ קלאָמפערשט קיין נאָכפראגע אויף יידישע ביכער!" אָט די באגרינדונג איז זייער ענלעך געווען צו דער, חלילה ניט שריפטלעך (עס זאָלן ניט בלייבן קיין דאָקומענטן), נאָר מינדלעך פארשפרייטער אינסטרוקציע צו ליקווידירן די יידישע ארבעטער־קלובן, כאָרן, דראַמאטישע אמאטאָרן־אנסאמבלען. אָבער דאָך האָט מען — געגנוג זעלטן — אין איינצלנע אלגעמיינע ביבליאָטעקן נאָך געקאָנט באקומען א יידיש בוך, דער עיקר אין יענע, ווו עס זיינען נאָך פאר־בליבן יידישע ביבליאָטעקארן.

עטלעכע וואָכן, בערך, נאָכן ארעסטירן די שרייבער האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער פאָגראָם אויף די יידישע ביכער אין די אלגעמיינע ביבליאָטעקן, ביכער־קראָמען און קיאָסקן. אפילו פון דער אלפארבאנדישער, אקאדעמישער לענין־ביבליאָטעק זיינען באזייטיקט געוואָרן די ביכער פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער, אין ערשטער ריי די ווערק פון די ארעסטירטע. ווען עס האָבן אָנגעהויבן ווייען די אזוי גערופענע „לינדערע ווינטן" און מע האָט די לעבנגע־בליבענע יידישע שרייבער ארויסגעלאָזט פון די תפיסות און לאגערן, האָט, ווי באוווסט, דער פארלאג פון שרייבער־פארבאנד „סאָוועטסקי פיסאטעל" אָנגעהויבן ארויסגעבן ביכער פון יידיש־סאוועטישע שרייבער אין א רוסישער איבערזעצונג (פארוואָס נאָר אין רוסיש און בשום אופן ניט אין יידיש, דאָס איז א באזונדער פילבאדייטנדיק קאַ־פיטל פאר זיך), גלייכצייטיק האָט דער פארלאג באשטימט ארויסגעבן אין א רוסישער איבערזעצונג אייניקע ביכער פון די אומגעבראכטע שרייבער. די אלמנות — נאָר וואָס זיך אומגעקערט פון פארשיקונג, האָבן (נאָך הויזרעוויזיעס, רעקוויזיציעס און דעפּאָרטאציעס) ניט פארמאגט אפילו קיין איין עקזעמפלאר פון זייערע מענערס ווערק, וועלכע

זיי האָבן באַדאַרפט צושטעלן אין פאַרלאַג. אין דער לעניך־ביבליאָטעק האָט מען איינער אַן אלמנה געענטפערט: א ווערק פון אזא מחבר איז ביי אונדז ניט בנמצא!!! און די לעניך־ביבליאָטעק געהערט צו יענע אנשטאלטן אין ראַ־טנפּאַרבאַנד, וו יעדער פארלאג מוז אומבאדינגט צושיקן דריי עקזעמפלאַרן פון יעדן דערשינענעם בוך. די אלמנה האָט זיך דאַן געווענדט צו באקאַנטע אין טשערנאָוויץ, קעשענעוו און ווילנע, צו לייענער, פאַרערער פון איר מאַנס ווערק; אפשר האָט זיך דאָרט אין פּריוואַטע ביבליאָטעקן עפּעס אויפגעהיט, אָבער אויך דאָרט, אין די דריי „יידיש־באַסטיאָנען" איז די לאַגע ניט געווען קיין סך פריילעכער: א סך געשווווירענע ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן אין יענער צייט צוליב „פּראָפילאַקטיק", גוט באַ־האַלטן אָדער... פאַרניכטעט דעם געפערלעכן „קאָרפּוס דעליקטי" — די יידישע ביכער!!!

נאָכן אַרעסט פון מאַרקיש, קוויטקאָ, בערגעלסאָן, פעפער און א גאַנצע ריי אַנדערע יידישע שרייבער איז קושניראָוו (חוץ אַלעם אַנדערן) פונעם פאַקט אליין — וואָס ער איז נאָך אין דער היים — געווען טיף דערשיטערט. ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן מע זאָל סוף כל סוף נאָך אים אויך קומען, — איז ער אליין אַוועקגעגאַנגען אין מ.ג.ב. און געפּאָדערט (בוכשטעבלעך) מע זאָל אים אויך אַרעסטירן:

„אויב מיינע קאָלעגן און פריינט פון יאָרנלאַנגער צו־זאַמענאַרבעט האָבן זיך אין עפּעס וואָס פאַרשולדיקט, בין איך שולדיק פּונקט ווי זיי."

אין מ.ג.ב. האָט איינער פון יענע פאַרשוינען זיך פון אים אויסגעלאַכט, אַנגעוויזן אויפן קאָפּ, „בויערנדיק" זיך מיט א פינגער אין שלייף: „עס פעלט אים א קלעפּקע"...

"אַלץ מאַכט זיך ניט מיט א מאָל, מאָסקווע האָט זיך אויך ניט געבויט מיט אַ מאָל..."

און צוגעגעבן:

"פריער אָדער שפּעטער וועט, ברודערקע, אויך דיין ריי קומען, מיר זיינען דאָך ניט מער ווי מענטשן!!"

אין איינער פון יענע אומענדלעכע, שלאָפלאָזע נעכט, ווען קושניראָוו האָט זיך איינגעהערט אין יעדן שאָרך אויף די טרעפּ, אין יעדן פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָ, אַנשטאָט דעם שוין לאַנג דערוואַרטן „קלונג אין טיר", האָט אָנגעקלאַפּט... דער טויט; ביים דערשיטערטן דיכטער האָט געפּלאַצט דאָס האַרץ. זיין ריי וואַלט — ווי מע האָט אים אין מ.ג.ב. פאַרזיכערט — געוויס געקומען: דאָס באַשטעטיקט דער פאַקט וואָס ליובע קושניראָוו, דעם דיכטערס פרוי, איז דע־פאָרטירט געוואָרן באַגלייך מיט די אלמנות פון די דערשאָ־סענע יידישע שרייבער.

דאָס יידישע וואָרט דערשטיקט, פארטריבן,
מיט יידישן בלוט אויף אייביק פארשריבן:
מה יפית, ווירדע, גרויל און פיין —
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

אויף מיכאָעלסן געלויערט (אין ציוויל) די בלויהיטלדיקע לייט.
מיכאָעלסעס בלוט צום הימל נאָך שרייט,
ער ליגט נאָך דערמאָרדעט אויפן שאָסיי
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

די מערדער מיכאָעלסן א הספד געמאכט,
ניט פאלן אויף זיי זאָל קיין שום פארדאכט,
די צורות געקרומט אין קלאָמפערשטן וויי,
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

דוד האָפשטיין, דער נסתר קוקן נאָך ארויס דורך די קראַטן:
צעהרגעטע, בלוטנדע, געשוואָלענע פיאַטעס,
אויסגעדרייט אויך די הענט האָט מען זיי,
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

בערגעלסאָן דעם מידת הדין*) דערפילט אויף אייגענער הויט,
ווען, ווו, ווי אזוי האָט ער באגעגנט דעם טויט,
צי רויק, צי א צעחושטער אין בלוטיקן ווירבלגעדריי? —
האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

מארקישן און קוויטקאָן געשלעפט פון קאזעמאט צו קאזעמאט,
געפייניקט, געבילט: „אייער גאנצע טעטיקייט בלויז פארראט!"
אין צעלע אויף ווענט, אויף טיר: אייז, שניי.
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

---

* נאמען פון בערגעלסאָנס א בוך וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און בירגער־קריג

מארקיש: הויך דער אָדלער־קאָפּ, פארפרעסט דאָס בלוטנדע מויל,
נישט געבראָכן אים קיין פּיין, קיין גרויל,
ווי פון א פעלדז פון אים (זיך אפּגעשלאָגן) געביל און געשריי —
און האלקינען פייערט מען זיין יובליי.

פּאָעט און שלאַכטמאַן, נאַיוו גלויביקער אהרן קושניראָוו.
וואָכן, חדשים (אין זיין צימער געשפּרייזט), נאכט נאָך נאַכט אָן שלאָף
(ווי מיט א פּעטליע אויפן האלדז געוואַרט אויפן „קלונג אין טיר״:
„נעמט מיך, פארשיקט קיין סיביר״)
געפּלאצט זיין הארץ, ווארטנדיק אויף „זיי״,
און האלקינען פייערט מען זיין יובליי.

משה קולבאק און מאקס עריק נאָך מיט צען יאָר פריער
אין תפיסה געשלעפּט, דעפּאָרטירט קיין סיביר,
יאשע בראָנשטיין און זיסקינד ליעוו, נאָר ארעסטירט, ארעסטירט
זיסקינד ליעווס פרוי, א קימפּעטאָרין א (נערוון־דערשיטערונג) פּאראליזשירט.
און האלקינען פייערט מען זיין יובליי.

דער איידעלער, נאָבעלער מענטש, פּאָעט זעליק אקסעלראָד,
אין תפיסה אים אויסגעוואקסן א לאנגע, גרויע באָרד,
יאָרן־לאַנג געשוויגן, געפּלאצט זיין געדולד:
(„פארוואָס פארמאכט איר די יידישע שולן?!״)
ווירדע און מוט זיין איינציקע שולד —
און האלקינען פייערט מען זיין יובליי.

ווען מלחמה־צייט די תפיסה די מינסקער עוואקואירט,
האָט מען זעליק אקסעלראָדן אין קייטן געפירט,
מיט גנבים און רוצחים (געפאנגענע דייטשן) געקייטלט צו צוויי —
און האלקינען פייערט מען זיין יובליי.

איזי כאריק איצט ערשט(?) דערפילט: ניט קיילעכיק די „קיילעכיקע וואָכן״*
אים — „דעם בדחן** אויף פרעמדער חתונה״ — די ריפּן צעבראָכן,
בשעת די טאָרטורן ארויסגעכאָרכלט צום קאט:
— „איך בין א דעפּוטאט פון העכסטן ראט!״
און האלקינען פייערט מען זיין יובליי.

* נאָמען פון כאריקס א פּאָעמע

** געשטאלט פון כאריקס א פּאָעמע

הערץ ריווקין (גייסינער), דער ערדיש־בעסאראבישער דיכטער,
שוין א סך פריער עפעס דערשמעקט ווייטזעעריש ניכטער
זיין לאנדסמאַן — א טינטלער אים דענונצירט,
ריווקין אנטלאָפן, זיך אויסבאהאלטן, אים נאָכגעשפירט,
אין קעשענעוו אויפן וואָקזאל אים ארעסטירט —
און האַלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

הערץ ריווקין אין קאטאָרגע־לאגער, אין קאזאכסטאן,
אויף הענט, אויף מיינע אויסגעגאן,
דעם זאק מיטן פארפייניקטן, אייזיקן גוף א געשפאן פון הינט
געשלעפט דורך טיפן שניי, זאווערוכע און ווינט,
און האַלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

איציק פעפער אלץ אונטערגעחתמעט „וועגן זיך און אזוינע ווי איך"*
דער "אויספאָרשער", דער קאט מיט א זאק־נאָדל פיאנע געשפילט אויף זיין פּי
(געשריגן: „טראָצקיסטיש־זשידלאקישער אקראָבאט,
געדרייט זיך אויפן קאָרעק מיט אלעמען בלאט!")
א קויל איבערגעריסן זיין סאַלטאָ־מאָרטאלע־פאראד.
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

אויף אייער יובל, האלקין, אומפארהאָפט נישט געבעטן,
געקומען אויך די פארפייניקטע, צעשאָסענע פאָעטן,
אויסגעזעצט זיך וואָס ווייטער פון טריבונע, אין פוסטן זאל,
נוסינאָוו טויט־בלייך, ליטוואקאָוו געל פון צעגאָסענער גאל...**)
און נסתר און בערגעלסאָן, צוויי סקעלעטן אין דער לעצטער ריי,
און אלע האָבן אייך באשיינט דעם יובילײ.

דער פאָרזיצער, שטייענדיק עפעס א מאך געטאָן מיט דער האנט,
די סקעלעטן: „ווייזט אויס, ווידער א באפעל זיך אויסשטעלן ביי דער וואנט
אָט, אָט וועט ווידער א הילך טאָן: („אָגאָן! אָגאָן!") פייער! פייער!
— „צי דארף מען דאָ אויך זיך אויסשטעלן לויט סטאזש, ראנג און ריי,
וואָס קומט דאָ פאָר, אן עקזעקוציע, א יובילײ?!"
— „א יובילײ! הורא! א יובילײ!!
האלקינען פייערט מען זיין יובילײ!"

---

* נאמען פון פעפערס ערשטן לידער־בוך.

** ליטוואַקאָוו — א גאליקער קריטיקער. מע האָט אים גערופן: „דער קטיגור פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראטור"

דער פּאָרזיצער, דער שבת־גוי, געבעטן נעמען א וואָרט,
נוסינאָוו און ליטוואקאָוו אויפגעשטאנען פון אָרט.
טיף געבויגן די סקעלעטן־קעפּ, אויף די שפּיצפינגער ארויס פון זאל,
ליטוואקאָוו ניט געוואָלט מער מיט זיין צעגאָסענער גאל
אייך פארשטערן דעם יובילײ.

נוסינאָוו און ליטוואקאָוו זיך מער נישט געקריגט, ניט געריסן,
די קויל האָט אויך צעשאָסן זייער פארטייאיש געוויסן,
ניט געזוכט מער איינער ביים צווייטן א „חטא"...*)
זייער געליבטע — די ראטנמאכט האָט זיי געגעבן א גט,
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

אויך דער נסתר און בערגעלסאָן זיך אויפגעהויבן, געבליבן שטיין,
מיט אויגן פארגלעזטע אייך לאנג באטראכט, געלאָזט זיך גיין,
(בלויז פעפער און פערסאָוו געבליבן אונטער דער וואנט
און סאלוטירט מיט סקעלעטישער האנט :)
— „הורא ! זאָל לעבן די ראטנמאכט ! זאָל לעבן די פארטיי !
האלקינען פייערט מען זיין יובליי !"

ווען די פרויען (פון די דערמאָרדעטע פּאָעטן) אומגעקערט פון סיביר,
חדשים־לאנג געבעטן, געגאנגען פון טיר צו טיר —
די פיר ווינקעלעך זאָל מען כאָטש אומקערן זיי —
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

דאָס הארץ פארשטאָרבן, אייזיק פארגליווערט יעדער אבר,
איין מוטיקע אלמנה : — „באווייזט כאָטש, ווו איז ער דער קבר,
פאר די קינדער (פאר די דורות ! ! !) כאָטש שטעלן א מצבה".
דער ענטפער, א דראָונג : ניט פרעגן ! ניט ריידן מער ! (א סוד ווי יעדע „גניבה")
און שטרענג פארבאָטן אפילו א הויכע טרער.
(און קיינער האָט ניט באוויזן דאָס אָרט —
דאָס אָרט פון געזעצלעכן מאָרד)
און האלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

* ביידע זיך אומאויפהערלעך עפנטלעך „געביסן", אפילו „צוגעטראָגן" איינער אויפן אנדערן
אין די „הויכע פענצטער".

איר, האַלקין, האָט דאָך אָנגעהויבן אויף לשון קדוש צו דיכטן,
איר ווייסט בעסער פון מיר: דיכטן — הייסט ריכטן!
(משפטן זיך אַליין און די גאַנצענע וועלט)
מיר פאַר אייך טוט אומענדלעך וויי:
— „וועד פייערט אייער יובילײ?!"

אַן אמתער דיכטער קאָן ניט זאָגן קיין ליגן,
אויף אייער יובל־וואונט האָט איר מערער געשוויגן,
געדוכט: אייך עקלט, עקלט פון אַלעמענס רייד —
די רייד... די רינגעלעך פון דער קייט. —
אייער שווייגן, איך פיל און פאַרשטיי —
וויי, וויי צו אַזאַ יובילײ.

צו אייער יובל אויף אייער ברוסט צוגעשפּיליעט אַן אָרדן,
דער אָרדן פאַר דער וועלט דאַרף פאַרדעקן די מאָרדן.
אייער שווייגן געווען דאָס גרעסטע געשריי.
וויי, וויי צו אַזאַ יובילײ.

דאָס יידישע פאָלק ס'שווער־געפּרווטע, שבעה נאָך זיצט,
נאָך זעקס מיליאָן, נאָך זיינע דיכטער, ליפּן ליפּן פאַרפּרעסט, ציינער
פאַרקריצט,
דאָס יידישע פאָלק האָט אויך זיין חלק אין פּעוראַל און אָקטאָבער־פּאַרזי
נאָר מען מאַכט אים בלויז אַ בלוט־יובילײ.

ניט געברענט אויף קיין שייטער די יידישע ביכער,
הערינג פאַרוויקלט, און אין פּלאַמיקן וויכער,
און אין קעלערס געשימלט, געפוילט, מאַקולאַטור?!
מאַקולאַטור די (אַזוי גערופענע) יידיש־סאָוויעטישע קולטור?!
און האַלקינען פייערט מען זיין יובילײ.

ווען איר וואָלט, האַלקין, זיי אַלע, די יידישע שונאים,
געוואָרפן דעם אָרדן אין קיניגשן פנים,
און צוזאַמען מיטן „בלעכל" אונדזער גרויל, אונדזער וויי, —
געפייערט וואָלט אייער יובילײ,
דאָס גאַנצע שווער־געפּרווטע —
יידישע פאָלק.

צום דיכטער מ.ג.

ווי קאָנסטו שאַפן,
אומעטום נעפל, ווירבל,
און דער ווירבל
דרייט דיך אריין —
אין געדריי,
אין געראנגל,
אין נעפל,
דו זעסט ניט
די אמתע שיין,
ווי קאָנסטו שאַפן
און אומאויפהערלעך
קוקן אויפן שטעקעלע
פון „דיריגענט",
און זיך בוקן
און בוקן
מיט געפענטעטן קול,
געפענטעטע הענט ?!

ווי קאָנסטו שאפן,
יעדן טאָג,
יעדע שעה
אן אַנדער „וואָג" —?
און דיך ציט
צו דנאָ
א בליי־שווערע שרעק ;
ווי קאָנסטו שאפן
ווען דו זעסט ניט
קיין ברעג, קיין וועג
און אויף דיינע וואָרצל
פארהויבן זיך העק ?!
ווי קאָנסטו פליען,
די פליגל
אין פלאָנטער,

אין פענט,
און ארום,
ווייט ארום
קיין הימל,
קיין ווייט,
בלויז קראַטן,
קראַטן און ווענט,
ווי קאָנסטו שאַפן
מיט רינגען
אייזערנע
אויף פיס,
אויף הענט ?!

ווי קאָנסטו זינגען,
אין גאָרגל
שטיקט א קנויל,
דו פילסט :
מיט פינגער
אייזיקע
דערוואַרגן
וועט דיך
דער גרויל...
ווי קאָנסטו זינגען,
אָ וויי! אָ וויי!
געווען טויב
און בלינד,
איצט ליגן מיר
ארויסגעוואָרפן :
ביינער —
פאר הינט.

שלמה מיכאָעלס

איך האָב צו אייך גאָרניט,
יעדן מענטש גאָט באַשאַפן
לויט זיין בילד,
און טאַקע אין אָט דעם בילד
האָבן די מערדער געצילט.

איך האָב צו אייך גאָרניט,
וואָס קאָן מען צו אַ קדוש האָבן,
און נאָך צו אַזאַ, וואָס באַגראָבן...
געטאָן אים זיין רעכט
די מערדער אַליין:
קנעכט, העלפּערס — פריינט...
(געגוג אויף דער וועלט
שוין געהבלט און געקינט —)

אויך אויפן הספד, —
באַהאַלטענערהייט —
די מערדער
זיך אַרומגעדרייט
איבערגעטאָנענע
ניט אין „בינע"
נאָר אין „אונטערקוליסן־קליידער".
שיר ניט איינער אין יעדער ריי
נאָך דער לוויה נאָכגעגאַנגען —
מיט זייערע שפּירהינט־בליקן
יעדן אומגעפעלשטן טרויער־שאָטן
אויפגעפאַנגען,
און ערגעץ־ווו, באַהאַלטן
פון יעדן מענטשלעכן אויג,
אין זייערע דינסטלעכע בלאָקנאָטן
פאַרצייכנט, פאַרשריבן...

גאָט! מיין גאָט!
עד כאן? עד כאן?!
(דעמאָלט אַ סך אינפאָרמאַציע
צונויפגעקליבן
און איבערגעפּולט דעם פּלאַן).

שלמה מיכאָעלס,
איך האָב צו אייך גאָרניט.
יעדער מענטש, אויב ניט ווו אכילעס,
האָט ער אַן אַנדער פאַרוווּנדבאַר אָרט,
ביי אייניקע איז עס —
אפילו אויפן געזעס
און זיצן זיי קאָנען נאָר
אין באַקוועמע, ווייכע שטולן, —
זיינען קיילעכדיק
און דורכזיכטיק ווי נולן,
ווי נולן...

און ווערן בלויז דאַן עפּעס,
ווען מע שטעלט צו זיי צו
צאָלן...

שלמה מיכאָעלס,
ניטאָ קיין הייליקע,
נאָר פאַר אייער פאַרוווּנדבאַר אָרט
נאָך ניט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט
(גאָט באַהיט, זאָל איך שוין בעסער אַליין
האָבן נאָך און נאָך אַ פּגם
איידער פאַר אייער פאַרוווּנדבאַר אָרט
געברויכן דאָס וואָרט
פּגם)
איך וויל בלויז פון ווערטער שטילע
אויסשניצן אַ ראַם, אַ באַשיידענע
פאַר אייער בילד,
אייער ברענענדיק
און ניט פאַרברענענדיק בילד.

אין מיין האַרצן וועט קיין מאָל,
קיין מאָל ניט ווערן געשטילט
דער לאַווע־שטראָם פון האַס,
צו יענע וואָס געמאָרדעט
אייך, זאָל זיין ניט מיט גאַז, —
צי איז דען ניט אַלץ איינס מיט וואָס,
צי מיט אַ גוט געצילטן,
מערדערישן שאָס,
צי מיט אַ שטיק אייזן — (!!!)
אין אייער סאָקראַטישן שטערן, אין קאָפּ...
שלמה מיכאָעלס,
איך לאָז זיך אַלץ טיפער און טיפער
אין אייער נשמה אַראָפּ,
(אין די אומדורכגענגלעכע
אָפּגרונטיקע לאַבירינטן...),
ווו נאָך ניט געגרייכט
קיין מענטשלעכער בליק.
(קאָן זיין אויך, פון דאָרט
ניטאָ קיין צוריק?)
ווי גוט, ווי גוט
וואָס קיינער, קיינער
קאָן שוין מיין טרויער, מיין האַס פאַרווערן.

איך קאָן זינגען, אַזוי ווי עס זידט מיין בלוט,
מוז ניט באַהאַלטן די קנייטשן
אויף מיין שטערן
און אויך ניט מיין מוט.

די געלע לאַטע מיטן מגן דוד
אויף אייער רוקן ניט צוגענייט.
(דעם כבוד אייך ניט אָנגעטאָן)
אויך ניט פאַרוויקלט אייך
אין דער רויטער פאָן,
טריפנדיקער פון אייער בלוט, —
דאָס בלוט פון אַ ייד,

(וואָס... אפשר אַ מבין
אויף אַ „טשאַד״ ! ?)
אייך אויך ניט פאַרשמידט
אין אַ קייט,
ניט אָנגעטאָן אייך אין בגדים
פון הוילער וואַטע,
מיט אַ נומער אויף פּלייצע,
ברוסט, קני.

אייך אַרונטערגעשאָסן
אין אייער העכסטן פלי,
אייך נאָך אַ הספד געמאַכט,
זיך געצירט מיט די פאַרבלוטיקטע פעדערן
פון אייערע (פון פיל שטיינער, שווערע...)
נאָר ווונדערלעכע פליגל.
(דערציילט: ווי אייך פאַרגעטערט,
געטראָגן אויף די הענט)
און איר זייט געלעגן
מיט אייער צעשמעטערטן סאָקראַטעס־קאָפּ
לעבעדיקערהייט, טויטערהייט
געשענדט.
און זייער צביעות געווען אַזוי גרויס,
ווי אומענדלעכע, אויסוועגלאָזע נאַכט
און ווי אַן אַבל אַ פאַרחושכטער —
די פענצטער פון הויז
פון מאָסקווער יידישן טעאַטער,
(ווו מען האָט אייך דעם הספד געמאַכט)

און דער אָבער־מערדער,
דער „גאָט פון די געטער״,
צופרידן געשמייכלט, די וואָנצן געדרייט,
און די כנופיה לאַקייען און סתם פאַררעטער
זיינע שטיוול געקושט און געלעקט די קייט.
געלעגן אויך צעשמעטערט

אייער כשופדיקער טעאַטער־שפּיגל
און אין די שערבלעך צעדרויבלט,
צעשטיקלט אייער בילד.
מיין האַס צו אייערע מערדער
וועט קיין מאָל ניט ווערן געשטילט
אַזוי לאַנג ווי עס וועט קלאַפּן
וועט מיין האַס פון אים שפּאַרן —
אַ לאַווע־שטראָם.
דער הימל — פאַרוואָלקנט —
אַ פינצטערער קופּאָל איבער יענע שטאָט. —
עד מתי? עד מתי? גאָט, מיין גאָט!
ווי קאָן אָטעמען אַ האַרץ אַ פּולס
מיט אַ לאַווע־שטראָם!?

און דאָך אַזוי פיל, אַזוי פיל גערעכטע
פאַראַן
אין אָט דעם סדום,
פאַראַן!
פאַראַן אזוי פיל גערעכטע!

איך און דער טויט —
מיר רוען אָפּ ביידע
אויף א פייכטן, צעפוילטן סלופּ, —
דער טויט — אין זיינע —
ווי די וועלט —
אלטע קליידער.
אויף וואָס פאר א שפּראַך
רעדט צו מיר דער טויט?
ער זאגט: „דו ביסט שוין א„טרופא״ (מת),
הויט און ביין
און דורכזיכטיק לייכט,
גרינג, אזוי ווי א פעדער.
איך וואָלט מיט מיין סערפּ
נאָך ניט געקומען,
ניט געשטרעקט נאָך דיר מיינע הענט,
ביסט נאָך ניט „רייף״ —
נאָר „זיי״, אָ ווי!
גרינערהייט דיך אונטערגעשניטן,
די געטער —
האָסט צו זיי זיך געבוקט —
מיט אייגענע הענט
דיך פארלענדט,
ביסט קיינעם גאָרניט שולדיק,
נאָר האָסט געצאָלט
און אזוי פיל, אזוי פיל געליטן...
איך האָב רחמנות אויף דיר,
נעם גלייך דיך מיט
אויף מיין בליצשנעל פערד,
אויף מיין אומדערמידלעך פערד
וועט פּלאַץ זיין
פארביידן,

ווערסט זיך אומקערן
צו דער מאמען צוריק, —
צו דער ערד,

איך ווייס:
אפילו מיט אַ לעבן אזא —
ניט לייכט זיך צו שיידן.

ביסט נאָך ניט „רייף“,
כאָטש קלינגענדיק דיין גוף,
דורכזיכטיק, דין אויסגעטריקנט די הויט.

ווער קאָן וויסן —
ווו און ווי אזוי, ווער און ווען
עס וועט דיך פארלענדן?

זיי האָבן אלעמען איינגעשפאנט,
אויך דיך און מיך —
דעם טויט.

ביי „זיי“ — אלץ איינס,
וואָס, ווען, ווי אזוי
און וועמען צו שענדן...

זיי רויק.
ווידער ווערסט ווערן שטויב, —
אויפן ווינט צעזייט,

ווידער וועט דאן זיך אָנהייבן
א נייער לויף
פונעם קרייז —

די זון גייט שוין ערגעץ־ווו אויף
אויך דאן, אויך דאן
ווען זי פארגייט,

(געוועלטיקט איבערן לויף —
אייביקן לויף
פון קרייז)

און איבער די אומענדלעכע,
אייביקע בערג
פון אייז.
די זון וועט ווידער געדולדיק
אָנגעהייבן שמעלצן
דאָס אומענדלעכע געפריר,

דאן וועט ווידער
זיך אָנהייבן —
א יאָרטויזנט פון שטיין,
און דאן... דאן...
וועסטו ווידער זיין...
און איך וועל ערשט קומען נאָך דיר,
ווען דער מארך
וועט טריקענען
אין דיין געביין.

איך בין אַ קאַטאָרזשניק

די מלוכה האָט מיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס
אין מלבושים פון הוילער וואַטע *,
(אַ נומער אויפן פּלייצע, אויפן ברוסט, אויפן פוס)
עס גייט מיר נאָך אַ וואַך מיט אַ שפּיז,
ער דרייט די וואָנצן אַזוי ווי דער „טאַטע"...

ער פירט אַ וואָלפישן הונט אויף דער קייט,
דער הונט באַהאַלט ניט זיינע געפילן,
אים אַ גלעט טאָן, דער חשק פאַרגייט —
דער הונט וועט מיט מיר זיך ניט שפּילן;

ער כריפּעט בייז, באַווייזט די שפּיציקע ציין,
אויפן גיריקן פּיסק די סלונע פאַרפראָרן,
ער באַניוכעט מיך ווי אַ ביין,
וואָס עמעץ אין וועג פאַרלאָרן.

און דער שניי, ער סקריפּעט אונטער די טריט,
ווי אויף גלאָז מיר וואָלטן געשפּאַנט,
דער טויט און די קייט און איך — פאַרשמידט,
ווי געפּענטעט, געשמידט ס'איז דאָס גאַנצע לאַנד.

די מלוכה האָט מיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס
אין מלבושים פון הוילער וואַטע:
(אַ נומער אויפן פּלייצע, אויפן ברוסט, אויפן פוס)
עס גייט מיר נאָך אַ וואַך מיט אַ שפּיז...
מיר איז גוט, איך לעב, איך געניס —
ווייל דער הונט און די וואַך זיינען זאַטע...

---

* אין די צוואַנגס־אַרבעט לאַגערן מוזן אַלע טראָגן אַזעלכע לאַגער־מלבושים פון דינעם תכריכים־מאַטעריאַל, אונטערגעבעטע מיט וואַטע און דורכגעשטעפּט אין קוואַדראַטן. אגב, אַן ענלעכער פאַסאָן איז היינט אין דער מאָדע. דער פאַסאָן זאָל חלילה ניט נאָכשלעפּן אלעס אַנדערע מיט אים פאַרבונדענע ?!

עפּיטאַף אויף די מצבות פון סטאַלין און זיין קליקע.

ניט דערצויגן (די מענטשן),
ניט געלערנט
פאַרשטיין
וואָס פרייהייט
באַטייט,
מענטשלעכע ווירדע און רעכט —
בלויז מושטרירט,
דרעסירט, אין שפאַן
צו גיין,
געהאָרכן
בלינד
און זיין אַ קנעכט.

בלויז געזייט זאָמען
פון קנאה
און שנאה,
די מענטשן דערנידעריקט,
צעצווייט,
צעריסן,
די איינע גרימירט
פּאַיאַצן
אויף דער בינע,
די אַנדערע
פאַרגוואַלדיקט
הינטער קוליסן.

מיט פּחד געצווונגען
זיך איינהערן
צו די סופלערן,
צובאָמקען, נאָכפּלאַפּלען —
טאָג און נאַכט בעאָבאַכטעט
פון געהיים־אַגענטן.

אין פחד אַראָפּשלינגען,
זיך וואַרגן
מיט אייגענע טרערן,
און נאָכפּאָלגן אויפמערקזאַם
די שטעקלעך
פון די „דיריגענטן" —
און פּאַטשן בראַוואָ
צו זייער יעדער —
שענדלעכער טאַט,
און שרייען הוראַ,
זיך אַליין פאַרטויבן
און צו זיי זיך בוקן,
און ווער ניט געקאָנט, ניט געוואָלט
קריפּלען זיין פּנים,
בויגן זיין רוקן —
ווי פון אַ פייל אַ פאַרסמטן,
געפאַלן
פון מאַגישן וואָרט : פאַרראַט !
די ירושה פון צאַרישן רוסלאַנד —
„די תפיסה פון פעלקער"
ניט געקלעקט :
„דער זשאַנדאַר פון איראָפּע"
טויזנטער קאַזעמאַטן (!)
אויסגעבויט נייע
אומזיסטע (ביליקע ? !)
„קאָמפּאָרטאַבלע אַפּאַרטאַמענטן"
מיט קראַטן,
טויזנטער טאָן
קראַטן,
און אַרמייען,
לעגיאָנען
געהיים־אַגענטן.

די קאַטאָרגע־לאַגערן
אויב ניט געקלעקט,
פּאָליטאיזאָלאַטערס * „דערפונדן"
קארצערס הערמעטישע,
פעלקער דעפּאָרטירט —
און „בורן" ** אויסגעקלערט
און מיט תפיסות
און קאַזעמאַטן
ווי מיט בלוטיקע וווּנדן
פאַרזייט
אַ זעקסטל ערד.

אומעטום נייע תפיסות,
אומעטום לאַגערן,
אין יעדן קאַנט,
קאַזעמאַטן,
שטייגן
אויף יעדן טראָט,
און דאָס לאַנד,
דאָס ריזיקע לאַנד אַרומגעצוימט
מיט שטעכיקן דראָט.

מיט זייער נישטיקייט, אויפן פאָלק
ווי אויף חיות
„עקספּערימענטירט",
דאָס פאָלק געפּייניקט,
געצוווּנגען זיי קרוינען
מיטן „לאָרבער־קראַנץ" ; —

* טפּיסות און לאַגערן וועלכע געפינען זיך דאָס רוב אויף ים־אינדזלען.
** אין יעדן לאַגער חוץ אַ קאַרצער, און אָפט אויך אַ תפיסה (אין אַ גרעסערן לאַגער), פאַראַן אויך אַ „בור" („באַראַק אוטילע־נאָגאָ רעזשימאַ") — באַראַק פון פאַרשאַרפטן רעזשים — אַ תפיסה, פון וועלכער מען פירט אויף די סאַמע שווערסטע אַרבעטן, אונטער אַ פאַרשטאַרקטער באַוואַכונג.

יעדן מבין
אויף זייער נישטיקייט
תיכף ליקווידירט,

און ווייטער געשפּילט,
געטאַנצט
דעם מתים־טאַנץ.

ווי... ווי... צום פאָלק.
א פּיגמייען־סטייע, תלינים־סטייע
די טרוימען די שענסטע געשענדט.
—,,צי קאָן מען דען אַ וועלט —
אַ וועלט אַ נייע

בויען
מיט בלוטיקע
הענט ? !"

וויפל דערנידריקונג, וויפל פּיין,
וויפל מאָל געזען די לעצטע מינוט;
אויפן שוועל פון זיין און נישט זיין,
מיט מיין אייגן בלוט,
און מיט ציטערדיקער האנט,
געשריבן אויף דער וואנט:
(ווי אין דער לעצטער מינוט
קלאָר און ניכטער)
— אָ, רוסלאנד! דיינע פעלקער!
דיינע דענקער! דיינע דיכטער!
האָבן פיל, פיל מיר געגעבן,
איך באצאָל, איך באצאָל מיט מיין לעבן.
(א שאָד נאָר, א שאָד, וואָס אזוי נוצלאָז,
און אָן שום ציל.)
אָ, גרויזאמע!
טייוולישע שפּיל!...

פון אלץ, פון אלץ —
אָפּגרונטיק וויסט,
ליגט אויפן האלדז
צום פארציען א שלייף —
דריקט,
שטיקט —
א אייזען־רייף,
טעמפּט און פארטעמפּט
דעם מוח
מיט רויך
מיט רויך.

פון אלץ, פון אלץ —
אָפּגרונטיק וויסט,
פאַראַן אין אייך
בלויז איין טראָפּנדל גוטס,
דאָס טראָפּנדל
אויך ניט אייערס,
אייך עס אונטערגעטראָגן
פּאַרטיקערהייט.
אייערס איז בלויז דאָס מיסט
און די פאַרזשאַווערטע קייט,
(איר האָט זי אויפגעקילבן
פונעם מיסט)
און די נישטיקייט,
דער האַס און די גאַל,
און מיליאָנען שאַרבנס —
אייער פּיעדעסטאַל.

אַ גוט מאָרגן !

(געזאַנג אין די ערשטע שעהן נאָך דער באַפרייונג)

אַ גוט מאָרגן, רחבות !
אַ גוט מאָרגן, ווייט !
דער קוואַל — נישט טרוקן,
דער קוואַל אין מיר — קוועלט,
איך בין יונג אַזוי היינט,
יונג און פאַרשייט —
אַ לאָשעקל — ערשט אַרויס אויפן פעלד.

אַ גוט מאָרגן אייך, ווערבעס, בעריאָזעס,
אין האַרבסטיקן קופּער צעשיינט —
איר זייט יונג אַזוי היינט,
אויף מיר נאָר דוכט זיך געוואַרט.
איך נעם אַרום אייך, איך טוליע זיך צו אייך,
ווי אַ גוטער, אַלטער פריינד, —
געבענקט נאָך אייך, —
געלעכצט, געגאַרט...

איך שטיי אויך אַזוי —
מיט קרוינען קעגן די שטורעמס געווענדט,
ווירדיק, שטאָלץ
נישט געבויגן.
דאָס בליציקע שיין־ליכט
מיך נישט פאַרבלענדט,
כאָטש נישט איינמאָל געטונקלט
אין מיינע אויגן...

אַ גוט מאָרגן סטעזשקעס!
אַ גוט מאָרגן וועגן!
צו יעדן פון אייך
ציט זיך מיין פוס.
ווער עס זאָל נישט גיין אויף אייך היינט,
ווער עס זאָל אָנקומען אַנטקעגן, —
גיט אָפּ אים פון מיר
אַ ליבן, אַ האַרציקן גרוס...

אַן עצה בלויז איך בעט, אויף וועלכער סטעזשקע,
אויף וועלכן וועג זאָל איך גיין?
נישט פּלאָנטערן מיך מער
זאָלן די וויסטע נעצן.
צו מיין האלדז
נישט צובינדן קיין שטיין, —
די גרויזאַמע
געזעצלאָזע געזעצן...

אַ גוט מאָרגן קעלבער!
אַ גוט מאָרגן אייך קי!
איך וואָלט אין אייער טשערעדע
זיך אויסגעמישט גערן.
אמת, איר ווייסט נישט
פונעם שווינדלדיקן פלי,
צו שווינדלדיקע הויכן,
צו פאַלנדיקע שטערן

איר ווייסט אויך נישט פונעם פאַלן
אין אָפּגרונט אַראָפּ,
פון ווו זעלטן,
זעלטן דאָ אַ צוריק —
אָ, קעלבעלע צאַרטע,
איך טוליע צו דיינעם מיין מידן, שווערן קאָפּ —
איך טרינק זיך אָן מיט אומשולד
פון דיין טוי־ריינעם בליק;

איך בין אויך געווען אַמאָל אַזוי ריין,
אַזוי אומשולדיק ווי דו,
נאָר אומשולד
מיט שולד איז פאַרקנאָטן ?
אויף אייביק, אויף אייביק
פאַרלאָרן מיין רו,
גיי איך אַרום נישט איך,
עס גייט אַרום מיין שאָטן...

א גוט מאָרגן דיר, שמעטערלינג!
ווי דיינע, מיינע פליגל ווי דער אָטעם צאַרט,
אויך מיך האָט דאָס ליכט צו זיך
פון ווייטן, פון ווייטן געצויגן...
געשטרעבט צו דעם,
געלעכצט, געגאַרט,
אָ וואָס האָבן געזען,
וואָס האָבן געזען מיינע אויגן ?!

איך וואָלט שוין בעסער געוואָרן בלינד,
נאָר כ'בין זעעוודיקער געוואָרן אָן שיר,
חוץ אויגן, פאַראַן נאָך אַ מוח
און אַ האַרץ מיט געפילן —
עפּעס האָט אויפגעוואַכט אין מיר,
עפּעס האָט אין מיר געטאָן זיך אַ ריר.
עפּעס מעכטיקס אַזוינס, קיין שום כוח
וועט עס ניט שטילן...

אָ, שמעטערלינג, ווי דיינע — אויך מיינע פליגל
אָפּגעסמאַליעט און שוואַרץ,
קוים, קוים
מיטן לעבן אַנטרונען.
נאָר ריין ווי אַ וואַלד־קוואַל —
מיין האַרץ,
און שיין —
פון אַלע זונען.

אַ גוט מאָרגן דיר, אָזערע, —
וויִ דו — צעפינקלט, צעבלישטשעט, צעהעלט,
אַזוי לויכט מיין שטרעבן
צו שיינקייט און גוטס.
איך וויל טיילן, פאַרטיילן,
קלעקן וועט פאַר דער גאַנצער וועלט,
כאָטש כ׳האָב אַזוי פיל פאַרלאָרן
אין בלאָטע און שמוץ...

— — — — — — — — — — — — — —

דער טרויער איז מיינער, איך טייל בלויז די פרייד,
אַ טראָפּן פרייהייט, — כישופדיקע פליגל ; —
(ווי גיך דער קאָפּ זיך פארדרייט)
אָ די קייט ! די קייט באגלייט שוין פונעם וויגל...

יזכור

יזכור

ווען אָן טאַטן, אָן מאמען, אָן ברידער,
אָן שוועסטער
ווען צוויי אויגן —
אייך אליין:
קוקן פון זיי ארויס
טאטע, מאמע
ברידער און שוועסטער,
אלע אויגן...
און דער ניט געשטעלטער שטיין;

דער ניט געשטעלטער שטיין
אויפן קבר —
אומבאקאנטן.
זוכן עס ווייסט מען ניט ווו?
געפינען
באזונדער
מע דארף יעדן אבר,
אַ גוף אָן אַן אבר
האָט ניט קיין רו. —

וויאזוי
זיי געפינען —
די לעצטע סימנים,
ווו געפינען אַן אָרט
פאר קבר און שטיין,
איך הער,
זיי רופן, זיי מאָנען...
איך הער אומעטום
אין דער ערד א געוויין;

זיי מאָנען א קבר,
מאָנען א שטיין, —

נאָר אים שטעלן
וויסט מען ניט וו? —
און איך, ווער בין איך?
איך בין אויך אַן אבר,
וואָס קאָן אָן דעם גוף
ניט געפונען קיין רו.

און וואָלט מען געפונען
אייך,
געלייגט צוזאמען,
וו איז שוין פאראן
אזא זיכערער אָרט? —
מיר קאָנען אייך טאטעס,
מיר קאָנען אייך מאמעס
בלויז שטעלן א שטיין
פון אונדזער יידישן וואָרט...

ווערטער פאראן —
ווער קאָן זיי פארלענדן, —
ווי יענע די אייביקע
אויף פארמעט — פאפירן,
א מצבה אזא
קאָן קיינער
ניט שענדן,
און — אויך ניט די בלוטיקע
גאסן ברוקירן...

ווערטער פאראן,
ווערן נישט פארברענט
אין קיין שייטער,
נישט דערשטיקט
אין קיין רויך,
הייבן זיך אויף
צו די שטערן
און ווייטער,
פון הארץ צו הארץ
פון מוח צו מוח.

...דיזעלבע האנט — דאָס מיידל געשענדט,
די מאמע און דאָס קינד פארברענט.
דיזעלבע האנט צערטלט א פרוי,
קעכלט און גלעט א קינד,
(צעטײַלט זיי ביידן זיין רויב)
און האָדעוועט א טויב
דיזעלבע האַנט.

איך פרעג דיך, מענטש,
ווו דו זאָלסט נישט זיין:
קאָנסט נאָך רואיק זיין,
נאָך האָבן פרייד,
נאָך לאכן?
הער זיך איין, שטילערהייט
ריידן אלע זאכן:
בערג מיט קינדער־שיך
מאנטעלעך און קליידלעך,
דרייען זיך נאָך גיך, גיך
פון שפּילעכלעך די רעדעלעך...
ריידן פּעק מיט זיידן־האָר
פון בליענדיקע מיידל־צעפּ.
וויפל טויזנטער, טויזנטער יאָר
נאָך באדארפסטו — אז דיינע טרעפּ
ניט זיין זאָלן שארבנס מענטשלעכע און קעפּ,
דיין שטרעבן, דיין האָפן;
מענטש —
אין דיין מאטראץ מיין מאמעס האָר,
קאָנסטו אויף אים שלאָפן?

צדיקים אין סדום

פאר מיין טייערער מומע רייזל פינדער — לאנגע, לאנגע יאָר

ווען אין קעלער (אונטערן דיל) זיך געעפנט די אויבערשטע דעק
האָט חיהלע געטוליעט זיך אין שרעק
צו דער מאַמען.

אין קעלער פינצטערניש געדיכטע, פייכט און קאַלט,
דער שאָרך דער מינדסטער אין אויער הילכט : אין וואַלד —
אַ ווידערקול.

פלוצים : ווי אַ שטיינער־האָגל אויף (צו דער קעלער־וואַנט) אָנגעלענטע קעפּ,
דער פויער אין יוכטענע שטיוול אַראָפּגעטאָפּטשעט די וואקלדיקע טרעפּ, —
פּאַוואָליע. פּאַוואָליע . . . (פון אויבן דער פויערטעס קול)

דער פויער האָט געריבן שוועבעלעד, אָנגעצונדן אַ וואַקסן ליכט
און דאָס ליכט צו דער מאַמעס געזיכט
צוגעטראָגן.

דער מאַמעס געזיכט אויסגעצויגן, בלייך, געל און רויט,
ווי עס וואָלט געברענט, זיך געקאָרטשעט די הויט
אויף איר פּנים.

חיהלע האָט ניט פאַרשטאַנען דעם פויערס רייד,
זיך געטוליעט צו דער מאַמעס קלייד
און געציטערט.

חיהלע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס די מאַמע זאָגט :
— „מירן אַוועקגיין מיקיטע נאָך איידער עס טאָגט,
וועסט פון אונדז קיין צרות ניט האָבן.

חיהלע האָט געזען : דער פויער מאַכט עפּעס מיט די הענט,
זיך געצלמט, און אויף די קעלער־ווענט
דריי שאָטנס.

די מאַמע מיט די ציין אָפּגעביסן (פון מאַנטל) די געלע לאַטע.
דער פויער שטאַמלט: ווען „זיי״ פּאַקן אַ „יעווריי״ (ייד) אין ז׳אָרפּישער כאַטע,
גייט די כאַטע אַוועק מיטן רויך. (און מיר אויך.)

דער פויער מיט האַרטער, פאַרהאָרעוועטער האַנט, חיהלען דאָס קעפּל געגלעט,
חיהלע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער פויער, וואָס די מאַמע רעדט,
נאָר דאָס הערצעלע האָט געצאַפּלט.

„פון אונדז, מיקיטע, גאָט באַהיט, חלילה ניט קיין שלעכטס,
פאַרן דאַך, פאַר דער באהעלטעניש, פאַר דער מילך, פארן ביסל געקעכטס,
אַ גרויסן דאַנק, דיר מיקיטע״,

„נאַ דיר, מיקיטע, דאָס קייטעלע, מיין לעצטס פאַרמעג, ס׳איז ריינע גאָלד,
פאַר דיין גוטער נשמה איז עס ניט קיין געצאָלטס,
דאָס קאָן מען ניט באַצאָלן״.

„נאָר איך בעט דיך, דאָס שטערנדל פון קייטעלע נעם אַראָפּ און גיב מיר צוריק,
די מאַמע מיינע, ווען איך בין נאָך געלעגן אין וויג,
האָט עס אָנגעטאָן אויף מיין האַלדז״.

„דאָס שטערנדל הייסט מגן־דוד, ביי יעדן ייד,
ביי יעדן ייד איז עס טייער און אָפּגעהיט
ווי ביי דיר דיין צלמל.״ (שיר ניט געזאָגט להבדיל)

„זעסט, מיקיטע, דאָס זעלבע שטערנדל אויף מיין געלער לאַטע,
זאָל שטענדיק געפינען די טיר פון דיין כאַטע
דאָס מזל״.

אויף די קעלער־טרעפּ אַ סקריפּ און אַ הילך,
די פויערטע — אין די הענט אַ קריגעלע מילך
און צוויי ערדענע טעפּעלעך.

אין לייוונט איינגעוויקלט אַ שטיקל קעז און ברויט,
די לבנה אויפן הימל — אַ דערטרונקענער, בלייך, טויט,
אָט, אָט וועט זי אויסגיין.

אפילו דער הונטבייםביידל פון שטרוי
האָט ניט געבילט, געקוקט אַזוי,
ווי ער וואָלט אַלץ פאַרשטאַנען...

שטיל אַרום. בלויז פון שטעלכל האָט זיך געהערט
ווי די קי מעלה־גרהעט, ווי עס כראָמטשעט דאָס פערד
היי און האָבער.

אין מיטן הויף אַ פויערישער וואָגן, ביים שטעלעכל אַ סטויג היי
און פולע זעק (פארבונדענע) מיט קאָרן און ווייץ, פאַרן האַרבסט־פאַרזיי —
אָפּגעקליבענע זאָמען.

לעבן וואָגן רעדער־שמירעכץ — אַ צעקרומטער, אויסגעדינטער עמער,
און אונטערן שטאַל בלעקען פאַרשלאָפן יונגע און אַלטע לעמער,
און חיהלע רופט אויס: די לעמעלעך! די לעמעלעך!

אויף די שטאַכעטן פון פלויט טונקעלע ערדענע טעפּ,
אין צאַנקענדיק־בלאַסן לבנה־שיין — אָפּגעהאַקטע קעפּ —
און ווי גופים — די אין ווינט ציטערנדיקע קוסטעס.

אַ וואָלקן פון וואַלד, די לבנה — ווי א בר־מנן פאַרדעקט,
אין כאַטע האָט אַ קליינס זיך אויפגעוועקט
און געוויינט דערשראָקן.

דאָס טירל פון פלויט — אַ סווישטש און אַ סקריפּ
און חיהלע — אַ שלוקערץ און אַ כליפּ
אין דער מאַמעס קלייד.

פון יענער זייט פלויט דער וועג, דער וואַלד און דאָס פעלד,
און דאָס יויזל אויפן צלם קלאָגט אויף דער וועלט
דער פאַלשער.

צווישן די פעלדער דרייט זיך דער וועג ווי אַ שלאַנג,
דער פויער און די פויערטע צלמען זיך לאַנג,
ביז חיהלע און די מאַמע פאַרשווינדן.

דער פויער און די פויערטע הערן ניט ווי עס וויינט
דאָס אייניקל אין כאַטע, שטייען ווי פאַרשטיינט
ביים טירל.

און ער —
אויכעט ענלעך
אויף אַ מענטש —
דער מערדער:
בלוטיקע
האַנט,
אומגעבראַכט
זקנים
און קינדער. —
ווו זיך אַהינטאָן
מיט מיין שאַנד,
אים
אויך אַ מאַמע
געהאַט
דעם שינדער;
אים
אויך א מאמע
געטראָגן אונטערן האַרץ,
אין אייביקע
ווייען,
און אַ גאַנצע וועלט
גורלדיקס,
צאַרטס,
געווען אין אירע
געשרייען.
דעם מערדערס
ערשטער
קוויטש
אויך געווען אַזוי ריין,
ווי נאָך אַ רעגן —
הימלישע בלויען;

ווּ זיך אַהינטאָן
מיט מיין ווײ,
ווּעמען
מיין בושה
פאַרטרויען — ?
דעם מערדערס
אויג
קאָן אויך פייכט ווערן
פון טרערן —
פון געלעכטער,
געוויין,
און די בלוטיקע
קנייטשן
אויף זיין שטערן
ווי באַגרייפן,
ווי פאַרשטיין ?!

דייטשע פרוי

אלע דייטשע פרויען אין געבעט־בוך

נישט פערל
אויף דיין האַלדז —
דייטשע פרוי!
טרערן,
בלוטיקע
פאַרפראָרענע,
שוואַרץ און גרוי,
רויט און בלוי
אויף דיין האַלדז —
דייטשע פרוי.

נישט
האָרנאָדלען —
גאָלדענע —
אין דיינע האָר —
דייטשע פרוי:
ציינער
גאָלדענע
פון פארגליווערטע מיילער
ארויסגעריסענע —
אין דיינע האָר,
דייטשע פרוי.

נישט זייד
שוואַרצע זייד —
דיין קלייד,
דייטשע פרוי:
פרעמדע,
שוואַרץ־געוואָרענע
פרייד
אויף דיין גוף,
דייטשע פרוי

נישט
אוירינגלעך —
שטיינער
זעלטענע
אויף דיינע אויערן —
דייטשע פרוי:
אויגן
פון קינדער
דערהרגעטע
אויף דיינע אויערן —
דייטשע פרוי;

אויגן
פון קינדער,
וואָס טרויערן
נאָך זייערע טאַטעס,
נאָך זייערע מאַמעס —
דייטשע פרוי —
און דו ביסט אויך
אַ מאַמע —
דייטשע פרוי.

1942

באַלאַדע פון גרויען אויג

רייזל פֿינדער —
מיין טייערער מומען — מיט ליבע.

ציטערט,
טרערט דאָס אויג,
דאָס גרויע אויג;
וואָס זעט דאָס אויג
אין דער נאַכט?
עס זעט א סטויג,
היי א סטויג,
און דאָס צווייטע אויג
שוואַרץ,
פארמאַכט.

פאַרוואָס ציטערט, טרערט
דאָס אויג,
דאָס גרויע אויג,
דאָס צווייטע שוואַרץ, —
פאַרמאַכט?!
געברענט, געפלאַמט
דער סטויג,
און מיר אין סטויג
(באהאלטן)
אין מיטן פעלד
ביינאַכט.
(און דער דייטש —
דער דייטש געלאַכט)

ציטערט, טרערט
דאָס אויג,
טרינקט זיך אין צער
און געוויין:
-- פון אַלע אין סטויג,
פונעם היי אין סטויג
אנטלאָפן
איך איינע אליין.

גייט מיר נאָך דאָס גרויע אויג,
דאָס שווארצע
פארמאַכטע אויג,
וואָס זעט דאָס אויג
אין דער נאַכט ! !
עס זעט א סטויג,
א צעפלאַמטן סטויג.

דאָס גרויע אויג,
בלינדע אויג
האָט מיך באגלייט
אין שלאַכט.

װוּ דער װעג זאָל מיך ניט פירן, —
אומעטום
איך זוך
מײַן הײם.
נישט קײן פענצטער,
נישט קײן טירן,
בלױז א בערגעלע —
לײם.
װוּ דער װעג זאָל מיך נישט פירן, —
אומעטום
איך זוך מײַן הײם.

װאָס עס װעלן פרײַנט
מיר זאָגן,
דאָס איז אלץ נישט
װאָס איך מײן. —
איך װעל שטענדיק
אין זיך טראָגן
אין מײַן נעכטיקן,
מײַן טאָגן
דעם געיאָמער,
דעם געװײן,
פון די בערגעלעך —
לײם.

און װען קומען װעט
דער טאָג
דער שענסטער
אין מײַן אלטער,
נײַער
הײם:

נייע טירן,
נייע פענצטער,
נאָר פון בערגעלע —
ליים
וועט דער שאָטן —
דער קלענסטער —
שטענדיק פאלן
אויף מיין היים.

אין טרעבלינקע און אָשווענטשים

מיין הארץ —
א קנויל:
ווײ,
האס,
גרויל.
ווי קאָן לעבן
א הארץ,
לויטער ווײ,
גרויל,
האס —
אין טרעבלינקע,
אין אָשווענטשים,
אין די פּושקעס
פאַראַן נאָך גאז,
גאז.

איצט דאָ —
אומהיימלעך,
קיל,
אומהיימלעך העל;
אונטער מיינע טריט
סקריפּעט
דער דיל,
(אויך ער ניט אויסגעהאלטן די לאסט)
זייער לעצטע,
לעצטע
שוועל,
טיר.
איך קוק אויף אָט דער טיר, —
דאָס גרויע „אויג,"
אויף פארזשאווערטער טיר
פון דער גאַזקאַמער —
איך קוק פארגליווערטערהייט
אויף די פּושקעס;

געווען פארגרייט
פאר דיר,
פאר מיר,
פאר דיין מאמע,
פאר דיינע קינדער
און מיינע טעכטער
צוויי;
איך זע זיי — די ברואים — די שינדער —
שטעקענעס אין האַנט:
און דיינע קינדער,
און מיינע טעכטער
אין דער ריי,
אין דער ענדלאָזער ריי
צום „אומשלאג־פלאץ."
און זייערע שאָטנס
נאקעטע
ציטערן אויף די ווענט,
אויף די אומהיימלעך
ווייסע ווענט
פון דער גאזקאמער.

מיין הארץ —
א קנויל:
וויי.
האס.
גרויל.
ווי קאָן לעבן
א הארץ —
לויטער וויי,
גרויל,
האס. —
אין טרעבלינקע,
אָשווענטשים,
אין די פושקעס
פאראן נאָך גאז..
אזויפיל גאז...

מיין הויז

די השגחה
באוואָפּנט
די רויז
מיט „שפּיזן."
ווען מיין הויז
וואָלטן באַוואַכן
ריזן,
(וואָלטן זיי אויך)
מיין הויז
ניט באַשיצט. —
אויף מיין הויז —
גיריקע בליקן:
(בלוט־פאַרגאָסענע
אויגן.)
בליקן,
שטריקן
אַרום מיין
הויז
א נעץ —
א נעץ
פון א ניט געשריבענעם,
מיט ציינער־קריץ
ארויסגעקריצטן
געזעץ.
א דונער —
יעדער קריץ,
יעדער קריץ —
אַ בליץ;
און איך —
אין שיין
פון בליץ

(מיט התלהבות)
צום הימל
א תפילה
געשיקט.
ווי אין אַן ערדציטרעניש
א וואָרף זיך
צו דער וויג: —
מיין בלוט!
מיין קינד!
נישט קיין קינד —
א שטיק קויל.
איצט וואנדל איך ארום
אויסגעהוילט —
שטום,
און איך וויג מיין גרויל,
און פון אלע פענצטער,
גאסן,
ליקן,
פארפאָלגן
בליקן,
(יענע בליקן...)
און שטיקן,
שטיקן,
שטיקן.

איך האָב אַ רחבותדיקן,—
אַן אומענדלעכן בית־עולם,
איך קום אַהין יעדן טאָג,
איך זיץ דאָרט פאַרזונקען
אין שווייגן —
איך שווייג אויס דאָרט
מיין וויי,
מיין קלאָג.
איך זיץ אויס דאָרט
אַלע שבעהס —
די שבעהס
נאָך אַלע, אַלע קדושים...
איך וועל אייביק
זיין שוין אַן אבל,
עס וועלן אייביק
דויערן
די שלושים.

איך האָב אַ רחבותדיקן,
אַן אומענדלעכן בית־עולם,
איך האָרעווע
דאָרט
איינער אַליין,
און מיט מיין ירושה־כלי־זין
איך טעסע
שטיין נאָך שטיין.
איך טעסע,
איך קריץ אויס
די נעמען,

יעדער אות
ווי בלוט,
ווי פייער —
גליט,
און איך זאָג —
אַ קדיש אַ שטילן —
מיין ציטערדיק,
צאַפּלדיק
ליד.

...ווער זאָגט — איך בין אָרעם, אָרעם —
איך שטרעק מיין האנט נישט אויס צו קיינעם; —
איך האָב אזויפיל קברים, קברים...
וו זיי זיינען ווייסט נישט קיינער.
(נאָך נישט געשטעלט אויף זיי קיין שטיינער)
ווער זאָגט — איך בין אָרעם, אָרעם —
צעשמעטערט ליגן מיינע געטער —
איך האָב אזויפיל, אזויפיל ספרים, ספרים,
מיט פארברענטע בלעטער.
וועל איך טאָג און נאכט זיי ליינען, ליינען —
וועט מען ווידער מיך פארשטיינען...

מיינע קינדערלעך

(לויט א פאָלקסמאָטיוו געזונגען אין די טראנסניסטרער לאגערן און געטאָס)

קוק איך אין מיין שפיגעלע,
וואָס זע איך —
אין מיין שפיגעלע!
איך זע: א וויגעלע,
אונטערן וויגעלע —
א ציגעלע, —
מיין ציגעלע.
מיין ציגעלע.

קוק איך אין מיין שפיגעלע,
וואָס זע איך —
אין מיין שפיגעלע!
נישטאָ,
נישטאָ מער
(דאָרט) קיין וויגעלע,
פון מיין ציגעלע —
נאָר ביינדעלעך —
א זעקעלע,
א פארדרייט,
פארשטארט
עקעלע.
מיין ציגעלע.
מיין ציגעלע.

פאלט ארויס
פון האנט
מיין שפיגעלע,
(האָב איך שוין)
שערבעלעך,
שפיגעלעך: —

אין אלע שערבעלעך —
ווײַגעלעך,
אונטער די ווײַגעלעך —
ציגעלעך,
און משהלעך,
שלמהלעך,
שײַנדעלעך —
פאַרגלייווערטע
קעפּלעך,
אין די הענטלעך —
שטאַרע —
פענדעלעך,
מיט רויטע,
שמייכלענדיקע
עפּעלעך;
מײַנע משהלעך
שלמהלעך,
שײַנדעלעך,
זאָל מיר זײַן
פאַר אײַערע
ביינדעלעך.

„...איר זאָלט זיך מערן,
מערן
און מערן,
ווי דאָס זאַמד,
ווי די שטערן"
און אויגן,
שוין בלינדע
פון טרערן:
אין יעדע טרער — אַ שערבעלע,
אין יעדער טרער — אַ שפּיגעלע,
אַ ווײַגעלע,
אַ ציגעלע,

און די משהלעך, שלמהלעך, שײַנדעלעך —
זאָל מיר זײַן פאַר אײַערע בײַנדעלעך,
פאַר די עפּעלעך, פאַר די פענדעלעך.

קלײַב איך אַלע שערבעלעך, שפּיגעלעך,
אַלע ציגעלעך, אַלע װיגעלעך,
די עפּעלעך, די פענדעלעך,
די רחלהלעך, די אַבֿרהמעלעך;
פֿאַרגליװערטע לעמעלעך,
אײַנגעשרומפּענע קעפּעלעך;
װער װעט זײ פֿאַרמאַכן —
די לעפּעלעך?
װער װעט זײ פֿאַרמאַכן —
די לעפּעלעך?
מײַנע קינדערלעך —
מײַנע קינדערלעך...

נאַכטישע זעונג

מיין טייערן ברודער יעקב כהן

איך כאפּ זיך אויף ביינאַכט,
ביי מיין בעט: —
אונדזער מאַמע —
אַ טונקעלער סקעלעט,
נאָר ניט גערירט, ווי אַמאָל —
איר איידל, צאַרט געזיכט,
ווי פרייטעק צונאַכטס
נאָכן בענטשן ליכט;
אירע אויגן קינדיש־בלויע
פייכטע פון דער טרערן־תפילה,
ווי אויף פּאַרטאָגיקע
מאַרגאַריטקעלעך — טויען,
ווען זיי בעטן ביים הימל
רעגן, רעגן און אַ שטילן
וואַרעמען אָטעם:
— „מיין זון!"
מיין זון!"

איר קול — אונדזער מאַמעס קול,
ווי זי פלעגט זאָגן:
„גאָט פון אברהם"
מיט אַ זיפץ אַ שווערן,
ווי זי וואָלט טראָגן
אויף זיך דעם עול
פון דער וועלט,
פון דער גאַנצער וועלט,
און פאַר דיר און מיר די טרערן־תפילה
ביים בענטשן ליכט.

מיטאַמאָל: פאַרנעפּלט —
דער מאַמעס געזיכט,
פאַריאָגט, מיד
ווי פון אַ ווייטן, ווייטן וועג; —
איין אויג פאַרמאַכט,
דאָס צווייטע גליט,
גליט אין דער נאַכט —
אַ ליכט אַ ווייטס
אין דער נאַכט.

דער מאמעס פארנעפּלט פּנים,
דאָס צעגליטע אויג,
גיט זיך אַ בויג
איבער מיין בעט,
אַ האַנט — אַ סקעלעט
גלעט
מיין שטערן, מיין קאָפּ
אויף מיין קאָלדרע,
קישן, פאַלן אַראָפּ
שטיקלעך ערד.
אַלץ טונקעלער, טונקעלער
אונדזער מאַמעס געזיכט,
איין אויג — אַ צאַנקענדיק —
יאָרצייט־ליכט:

— „מיין זון! מיין קינד!
ביסט אַוועק אין דער וועלט
זוכן דאָס ליכט,
האָסט עס געפונען —
מיין קינד?
אַ זונהעזל — דאָס ליכט,
אין דער טיף פון ברונעם,
דאָס זונהעזל —
אין עמער — קיינמאָל —
קיינמאָל נישטאָ.

בלייבט אייביק
אויפן גאָלדענעם,
זאַמדיקן
דנאָ;
ווי פון שפיגעלע —
די זונהעזלעך, אויף די ווייסע ווענט,
פלעגסט צו זיי שטרעקן
קינדערשע הענט (לעך,)
נישט דערלאַנגען,
און נישט פאנגען."

באלאדע פון סטריער שוחט, די ס.ס. אוקראינער און דער קאָן

אין ווינקל פיר נפשות, צונויפגעפרעסט געדיכט,
די אוקראינער: אין די הענט — צאנקענדיקע ליכט:

„איר זשידקעס די אוקראינע ניט געאקערט ניט געזייט,
ווו דאָס צירינג, די זייגערס, די גאָלדענע קייט?!"

גענישטערט די אוקראינער, געזוכט און געקערט:
„מיר וועלן אויך געפינען אונטער דער ערד."

געקוקט אין שפיגל, די טשופּרינעס זיך געקעמט:
„פון וואנען צו די יידן אזוי פיל גוטס זיך נעמט."

געקעמט זיך און געשפיגלט, פון זיך אליין געקוועלט:
„די דייטשן שוין דעראָבערט כמעט די גאנצע וועלט!"

„די דייטשן די אוקראינע וועלן אָפּגעבן צוריק —
אוקראינע אונדזער מאמע, אוקראינע אונדזער וויג."

„פון יידן און מאָסקאלן, אוקראינע, זיי געהיט. —
אין אוקראינע וועט ניט בלייבן קיין סימן פון א זשיד!"

און די ליכט זיי צאנקען מיט ציטערדיקן פלאם,
אויגן, ציין טשופּרינעס, און די פינצטערניש — א ראם

פונעם בילד דעם גרויזאמען אין דער שפּעטער נאכט,
האָבן די אוקראינער געוויצלט זיך, געלאכט:

„וואָס זשידקעס, זיך אויף אונדז פארקוקט,
און דערשראָקענע, ווי הינער אין ווינקל זיך פאררוקט!"

און אלץ די אוקראינער געשטופּט אין זייערע זעק,
און אין ווינקל פיר נפשות, פארגליווערטע אין שרעק:

דאָס פּאָר־פאָלק דאָס יונגע, דער שוחט — דער שווער,
און שנור און שוויגער געאָטעמט שווער,

דער טאטע און דער זון — זייער אָטעם (פארהאלטן) מיט די ציין,
און די שנור: עס וואַרגט און שטיקט זי א געוויין,

זי קאָן עס ניט דערדריקן, נאָר אין אויג קיין טרער,
און די אוקראַינער: בליקן — אומדערטרעגלעך שווער;

און אין מיטן צימער שוין פארדרייטערהייט,
פון אטלעס זילבער־ווייסן ליגט איר חופה־קלייד,

איר אויסשטייער, איר גאַנצער, פון סאַמעט און זייד־געוועב
און אירע מיידליש בליענדיקע, זיידן־שוואַרצע צעפּ;

מע האָט זיי אָפּגעשאָרן, זי געדענקט נאָך די מינוט,
געדוכט, פארפראָרן ווערט אין איר דאָס בלוט.

דאָס שייטל דאָס ווייבערישע, ליגט אויך אין מיטן דיל,
און די אוקראַינער מיט אים א שטיף געטאָן, א שפּיל —

אויף זיך אָנגעמאָסטן, געדרייט זיך און באַטראַכט,
און (אין שפּיגל), פריילעכע געטרייסלט, געקרומט זיך — געלאַכט.

אויף די ווענט: שאָטנס, צעשויבערטע קעפּ,
אויפן דיל זיך רירן ווי לעבעדיק — די צעפּ,

דער געלעכטער אויף דער שנור פאַלט אַראָפּ ווי קלעפּ:
„יאָ... יאָ... זיי רירן זיך, זיי לעבן נאָך די צעפּ,

זיי קאָרטשען זיך די צעפּ." (און איר) — ווי אין א פייער — הייס.
ביי דער שנור דער שטערן נאַס פון קאַלטן שווייס;

דאָס קלאָגט אזוי איר יוגנט, צעטראָטן אויפן דיל, —
זיי שפּילן, די אוקראַינער, זייער בלוטיק שפּיל..

און דער שוחט, דער שווער און טאַטע, געטראַכט:
געווען שוין אזא שחיטה, געווען שוין אזא נאַכט...

אין זיין באָרד דער שוואַרצער, קיין איין גרויע האָר,
אָפּגעלעבט זיך שטילע און ניט שטילע — פופציק יאָר,

נאָר קיין קנייטש קיין איינער אויף זיין הויעכן שטערן,
און זיין בליק א ריינער, ריינער נאָך פון טרערן,

און די פרומע אויגן, ווי צוויי שטילע טויבן,
ווי דער ים אַ טיפער לויכט אין זיי דער גלויבן:

„דער וואָס אייביק לעבט, אלץ, אלץ זעט און הערט, —
וואהין אנטלויפן פון דעם וואָס ס'איז באשערט...“

אין ווינקל פיר נפשות צונויפגעפרעסט געדיכט,
און די אוקראינער — אין די הענט צאנקענדיקע ליכט,

„איר זשידקעס די אוקראינע ניט געאקערט ניט געזייט,
ווו דאָס צירינג, די זייגערס, די גאָלדענע קייט?!“

געגישטערט, די אוקראינער געזוכט און געקערט:
„מיר וועלן אייך געפינען אונטער דער ערד!“

ניט דייטשער וואקס, נישט חלב — געטריפט האָט דער „ערזאץ“,
און ווי צום שפרונג אַ גרייטע, געלויערט האָט די קאַץ,

געלויערט אין אַ ווינקל, אין פינצטערניש פארוקט.
אומהיימלעך אויף די רוצחים האָט די קאַץ געקוקט,

די קאַץ — נישט פארשטאנען די אוקראיניש־דייטשע שפראך, —
אויס מיטן פרידן אונטער אָט דעם דאך,

געפילט האָט אויך די קאַץ: אויס מיט רו, און זעט,
זי וועט שוין מער נישט דרעמלען אויף אַ צוגעבעטן בעט,

און פון טעפ און טעלער נישט לעקן מער איר צונג,
נישט קיין שטיקל קישקע, נישט קיין שטיקל לונג;

נישט שפילן זיך מיטן קנייַלכל, מיט פראַנדזן פון אַ שאַל
זי' שטאמט פון לייב־און־טיגער און נישט פון דעם שאקאל!

און ביי דער קאַץ די אויגן, ווי זי וואָלט געגאַרט,
זיך צוריק פארוואנדלען אין אַ לעאָפּארד

אָט וועט זי בייז אַ ברום טאָן, אַ ריטשע און אַ שפּרונג,
אויסשטרעקן נאָך בלוט, נאָך ווארעמען, איר צונג,

אין די וויסטע גאָרגלען זיך איינבייסן זי וועט —
און דאן שוין מער נישט דרעמלען אויף אַ צוגעבעטן בעט!

נאָר די קאַץ — זי ליגט זיך, דרעמלט פויל און אלט,
און פון איר זיידעס, פונעם דזשונגל־וואלד,

פון איר אלטן וואָרצל, פון איר אלט געשטאלט,
וואָס איז נאָך פארבליבן פונעם דזשונגל־וואלד,

וואָס איז נאָך פארבליבן פון איר אלט געשלעכט,
דער מענטש פארקנעכט זי און פארשוועכט!!

די קאַץ — בלויז געלויערט אין פינצטערניש, פאררוקט,
אומהיימלעך אויף־די אוקראינער — געגלאָצט, געקוקט,

אַ שפּרונג טאָן אופן שונא זיך געטרויט און נישט געטרויט:
„ניט אנדערש, נאָר זיי זיינען שלוחים פונעם טויט"! —

און ווייסן, ווייסט די קאַץ, דער טויט — אזא געוואלד,
ווי דונער, בליץ און שטורעם, ווי ברענענדיקער וואלד.

און אויפן דיל זיי ליגן די ליכטער פון „ערזאַץ,"
און אַ ריס פונעם ווינקל געטאָן האָט זיך די קאַץ.

באשמעקט די הרוגים, די ריטשקעלעך בלוט —
ווו זי איז געלעגן, ווו זי האָט גערוט.

די קאַץ צו דער טיר — זיך אַ ריס,
געדראפּעט די טיר מיט די פֿאָדערשטע פיס,

געמיאוקעט, געבעטן, געריסן זיך ארויס,
דערפילט: אויס אין אָט דעם הויז

דער פרידן, די רו און די זעט,
זי וועט שוין מער נישט דרעמלען אויף אַ צוגעבעטן בעט.

די לעצטע ראָל

...ניט וויכטיק צי האָט עס טאַקע אַזוי געקאָנט געשען, צי אַזוינס איז מעגלעך געווען, בּיכלל פאַרשטעלבאַר אַזאַ אָדער ענלעכער פאַל? אויב דעם מחברס וויזיע האָט אייך ניט „געפּאַקט“, ניט געוועקט אייער פאַרשטעלונגסקראַפט, אַפילו אין דער מינדסטער מאָס אייך ניט איבערצייגט, אַז אַזוי אָדער כמעט אַזוי האָט ווירקלעך געקאָנט פּאַסירן, פאַרקערט ביי אייך געשאַפן דעם איינדרוק פון אַ אַבסאָלוט געקינסטלטער אויסטראַכטעניש, איז עס בלויז אַ סימען: אָדער דער מחבר, אָדער דער לייענער איז דער „אָרעמאַן“? קיין שום שרייבער, אַפילו מיט דער גרעסטער פאַנטאַזיע און וויזיאָנערישקייט וועט קיינמאָל ניט אימשטאַנד זיין „צוטראַכטן“ אַזעלכע „אומוואַרשיינלעכע“ און „אומגלויבלעכע“ געשעענישן, סיטואַציעס, מיזאַנסצענעס, וועלכע עס „טראַכט צו“ דאָס לעבן אַליין, חוצדעם לאָמיר זיך דערמאַנען אין דער „אומרעאַלער“ רעאַליטעט פונעם מעשׂלה?!

I

פאַרטאָג. צוויי רייטער גערייטן פון אַ שוימענדיק שיכורן באַל,
דורך דער צעשטערטער הויפּטשטאָט פון פּוילישן לאַנד:
אַן עס־עס־גענעראַל
און זיין אַדיוטאַנט.
ערגעץ ווו שויבערט דער ווינט די זיידענע האָר פון אַ קינד,
כוואַליעט תבואות און גרעזער ערגעץ ווו אויף פרידלעכער ערד,
נאָר דאָ טראָגט ער מתים־געררוך דער ווינט,
שמעקן אים און הירזשען אומרויק די פערד;
די רייטער — שטייף אין די זאָטלען, די פערד געמושטרירט,
אין זונאויפגאַנג די רוקנס, די גריוועס, די קעפּ, צעבלישטשעטע גלאַנצן,
אויסגעפּאַשעטע, אויסגעקעמטע גלאַט, ווי פּאָלירט,
ניט זיי שפּרייזן, די פערד,
אויף דער פּוילישער ערד,
זיי שוועבן, זיי טאַנצן.

א גאַנצע נאַכט געווילט זיך, געהוליעט און געקוועלט,
מיט אַלץ און מיט זיך אַליין צופרידן,
זאָגט דער גענעראַל: „מיר דעראָבערן די וועלט,
לאָמיר אַ קוק טאָן, ווי האַלט עס מיט די יידן,
קרעפּירן און קרעפּירן, נאָר צום געטאָ נעמט ניט קיין סוף,
וואָס איז דער טויט דען מער: אַ קורצער, זיסער שלאָף,
ווערט מען ווידער וואַך, איז מען שוין אין בלויען, הימלישן געצעלט,
שפּאַצירט פראַנק און פריי אַרום אין דער גן־עדן־וועלט —
די יידן זיינען דאָך דאָס פּאָלק, אויסדערוויילטע פון גאָט,
דער הערגאָט האָט געפירט און באַוואַכט זייער יעדן טראָט,
איצט וויל ער נישט מער לאָזן זיי אויף דער פאַרפּירערישער ערד,
געשיקט אונדזער אַדאָלף, ער זאָל מיט זיין שווערד,
זיי ברענגען צו אים מיט געוואַלד, פרייוויליק נישט געוואָלט
פאַרלאָזן די זינדיקע ערד, ווידער געמאַכט זיך אַ קאַלב פון גאָלד,

ווי אין דער וויסטע, ווען זייער גאָט האָט מיט מאָן זיי באַשאָטן,
און מאָזעס, זייער פאַסטעך, אויף די טאָוולען פאַרקריצט זייערע געבאָטן;
ווען דער הערגאָט אויפן פאַסטעך גיסט אויס זיין צאָרן, שיקט אים אַ שטראָף
איז אָ ווײַ דאַן, נישט נאָר צום פאַסטעך, נאָר אויך צו די שאָף,
דער הערגאָט האָט אויך ליב אמאָל אָפּטאָן עפּעס, מיט פרעמדע הענט,
אונדזער אדאָלף איז אויך ניט מער ווי אַ רעזידענט, אַן אגענט
פונעם הערגאָט, און ער פירט אויס זיין שטרענגן און געטלעכן ווילן,
צום גליק, פאַלט צענויף זיין ווילן מיט אדאָלפס אייגענע צילן,
דער הערגאָט באַפוילן אים, אפילו מיט פיין און מיט מאָרד,
אָרגאַניזירן וואָס גיכער דעם יידן־טראַנספּאָרט,
געלענקט, באַשיצט און געבענטשט אונדזער אדאָלפס שווערד —
געטלעך פאַרטיילט: די יידן — דעם הימל און אונדז, דייטשן — די ערד."

אזוי — דער ס.ס.־גענעראַל זיך געוויצלט, געלאַכט,
און זיינע אויגן: געפינקלט מיט וויין און מיט נאַכט,
און ווען ביים געטאָ־טויער באַגעגנט די סאַלוטירנדיקע וועכטער,
די רייטער די צוויי געקייכט פון געלעכטער.

II

הויפנס ברוכווארג, געדריי און געפלעכט,
אָפּגרונטן אָנדנאַיקע די טעג און די נעכט.
גרייזגרויע געביין צעשאָטן, אייזערנע רעלסן — ריזיקע פינגער,
צעקרומט און פאַרדרייט —
אַ וואלד נאָך אַ שטורעם צעשמעטערטערהייט,
ווי פון אַ פייער־לאווע צעשמאָלצן, פאַרברענט,
פויסטן פאַרקראַמפטע, צום הימל געווענדט ;
קיין צווייג, קיין בלאט (ארויסגעשליידערטע) ביימער, ניט דערברענטע,
בעריאַזעס פאַרקוילטע — בתולות געשענדטע,
קיין פייגל, קיין קאץ, בלויז די איינציקע חיות,
שטשורעס און מייז אומצאָליקע סטייעס,
אין געטאָ : — אויסגעברענט, אויסגערויכערט, די לעצטע גבורה,
ליגן די טויטע און ווארטן אויף קבורה.

שוין ביי דער ערשטער פאַררויכערט־צעקרישלטער וואנט,
דער גענעראל אַ געשריי געטאָן : סטאָפּ !
און מיטן, יאַמשענעם רייט־שטעקל אין האנט
באוויזן זיין אדיוטאַנט
א קאָפּ פון אַ פרוי :
—,,מיין לייטענאנט, איר זעט —
איך בין און בלייב אַן עסטעט,
מיטן פּרעכטיקן טוט וואָס איר ווילט, אומזיסט —
דאָס שיינע שיינט ארויס אפילו פון מיסט,
דאָס באשטעטיקט אָט דער פרויען־קאָפּ,
קוקט זיך צו, פּרוווט, לייקנט עס אָפּ".

קאָן זיין דעמאָלט, אויף אַ רגע,
אַ פּינטעלע מענטש אויפגעוואַכט,
נאָר זיינע אויגן — געפינקלט מיט ווייַן,
מיט בלוט און נאכט.

III

און די פרוי,
ווער איז זי די יידישע פרוי ?!
אַן ארטיסטין איז זי געווען די יידישע פרוי,
אַ פוילישע ארטיסטין, אין פוילישן לאנד,
יונג נאָך, נאָר שוין גרוי
די פאסמע האָר, וואָס זי האָט מיט איר האנט,
מיט איר שוואכער, שיינער האנט
פון אירע אויגן אַוועקגענומען ; —
און דער גענעראל און דער אדיוטאנט
פארווונדערטע, שטומע !

וואָס נאָך פארבליבן איר — דער יידישער פרוי, וויפל שעהען, וויפל טעג,
ווען און ווו, ווי אזוי וועט זיין איר לעצטער וועג ? —
נישט רייכטום, נישט צירונג, ניט רום (געווען) איר שטרעבן,
איצט — איר רייכטום : אליין אנטשיידן איר טויט, איר לעבן ?
אָ יאָרן, יאָרן . . . טעאטער־קונסט, ביכער, פילאָסאָפן, פּאָעטן,
דער גרעסטער אוצר איצט : אירע טאבלעטן :
זיי געשענקט איר אַן אפטייקער אין זיינע רגעס די לעצטע :
(„היט זיי, חלילה ניט ווערן פארנעצטע.")
ליגן זיי אין א פילקעלע ביי איר אויפן ברוסט,
און זי הערט נאָך דעם אלטנס פארקייכטן, טרוקענעם הוסט,
זעט אים לעבדיק לעבן זיך, דעם הויכן, גרויען זקן,
קראנק, ציטערדיק שוואך, נאָר נישט געבויגן, אומדערשראָקן :
—„אָ, ווען איך וואָלט האלטן געקאָנט אין האנט אַ געווער !
אָ, ווען מיין אסטמע וואָלט נישט געמוטשעט אזוי שווער !"
און פלוצעם דערפילט זיין לעצטע מינוט,
דורך ציין און ליפּן פארפרעסטע — אַ שנירעלע בלוט,
קאָן זיין (געווען) דאָס גאנצע בלוט, וואָס ער האָט נאָך פארמאָגט:
—„טאָכטער מיינע" — ציטערנדיק, קוים הערבאר געזאָגט : —

„איך שענק דיר מיין אוצר, ער וועט צונוץ קומען דיר אין דער נויט,
בלויז עטלעכע רגעס און שוין איז ער דאָ דער טויט,
דער באפרייער דער בעסטער פון אַט דער מערדערישער וועלט.״
און דאָס הארץ זיינס — זיך אָפּגעשטעלט.

פלייצע לעבן פלייצע אויפן דיל אויפן פייכטן געלעגן
און דער סם — זיין גרעסט פארמעגן. —

... פון דרעמל זיך אויפכאפן, דאָס ערשטע — ער א טאפּ געטאָן די הויזן־מאנזשעטן,
וו פארנייט, באהאלטן זיין אוצר — די טויט־טאבלעטן; —
אומקומען ניט געוואָלט פון מערדערס האנט,
נאָר אליין, אליין דאָס לעבן זיך נעמען; —
... און זי, אַן ארטיסטין אַ בארימטע אין פוילישן לאנד,
אַ שטאלטנע, מיט אויגן שווארצע און שווארצע ברעמען,
פארגעסן איר פאָלק, זיינע זיטן, זיין שפראך,
גערעדט פויליש קלינגעוודיק, זינגעוודיק שיין,
(נישט געפילט:) נישט אירע די פענצטער, נישט אירער דער דאך,
נישט אירע דאָס גאנצע געביי,
און זי אין געביי אַ פרעמדער — שטיין;
די, וואָס בראווע געפאטשט איר אין פוילישן לאנד,
טאקע יענע, זי פון איר וווינונג געשלעפט,
אויך יענע, זי אין איר אָפּשטאם דערמאנט,
און אויפן פלייצע אַ לאטע אַ געלע איר צוגעקלעפּט.
אָ ניין, זי וועט נישט אומקומען פון מערדערישע הענט,
און ווי אַ אוצר אַ גרעסטן דעם סם זי באהאלט,
אָטעמט נאָך קוים, גייט זי, האלט זי זיך פאר די ווענט,
אָט אַ פארחלשטע געפאלן אויפן אספאלט. —
וואָלט זיך געראנגלט מיט זיי ביז דער־לעצטער מינוט,
לעבעדיק זיך נישט אונטערגעגעבן,
ביז זי זעט נישט זייער מפלה, זייער בלוט,
אנטשיידט זי אליין אויף איר טויט, אויף איר לעבן.
שטענדיק געטרוימט פון אַ גרויסער ראָל,
וו נעמט מען אַ כוח אזא, ווי איר ווילן,
אָ הארט און שארף זיין ווי שטאָל,
זי האָט שוין די ראָל, נאָר זי קאָן זי נישט שפּילן?!

...ליגט נישט־געוואשן, האלב נאקעט, אָפּגעריסן,
שוואך, שלאף, אָפּגעלאָזן איר גוף,
וויפל טעג שוין קיין ביסן,
און פלוצעם א הילכיקער רוף
אין אירע אויערן געטאָן האָט א שאל:
— „היי, דו פרוילײן, שטיי אויף
און פארנויג זיך פארן דייטשן גענעראל!"

...זי איז געשלאָפן,
שוין טאָג, צי נאָך נאכט,
אירע אויגן אָפן,
צי פארמאכט? —
נעכטן, צי היינט דאָ געגאנגען,
לעבן וואנט אויפן טראָטואר
א וואקל געטאָן זיך, אַ פאל,
אַ דייטשער גענעראל —
וואָס זעט זי, אַ דייטשן גענעראל —
וואָר, צי אַ קאָשמאר?!

איר קאָפּ אָנגעשפּארט אָן דער וואנט,
פארפלאָנטערט די פּעכשווארצע האָר,
ליגט זי אויפן טראָטואר,
הייבט קוים, קוים אויף די האנט,
רייבט זיך אויס די אויגן,
די האנט ווי בליי איז שווער,
פאלט צוריק אראָפּ;
צי איז זי טויב (ווו איר געהער?)
און דאָ האָט דער אדיוטאנט
פונעם פערד זיך אראָפּגעבויגן:

— „היי, דו פרוילײן, ריר זיך, שטיי אויף,
אָט וועל איך מיט מיין שווערד צום לעבן דיך דערוועקן,
און שנעל, דו זאָלסט די רגע אויף דיין גוף
די שאנד דיינע — די שמוציקע פארדעקן."

...זי פּרוּווט זיך אוּפהויבן און טוט צוריק אַ פאַל,
ווי עס וואָלטן זיך צעשאָטן אירע גלידער:
— „הער זיך איין! — צום אדיוטאנט רופט אויס דער גענעראל, —
הער זיך איין, עפּעס שעפּטשעט זי שוין ווידער!"
און עס בויגט זיך דער אדיוטאנט אראָפּ פונעם פערד,
הערט זיך איין מיט אויערן פארשפּיצטע;
בויגט זיך אלץ טיפער, קוים, קוים וואָס ער הערט,
די ווערטער צעקרישלען אירע ציינער פארקריצטע:

— „אויב דאָס איז וואָר און איך זע אייך אין העלן טאָג,
און הערן ווילט איר, וואָס איך זאָג,
טאָ הערט מיין לעצטן מאָנאָלאָג:
(פון אירע ליפּן די ווייסע, פון איר אויסגעטאָקט מויל,
ברעכט ארויס איר פארצווייפלונג, איר גרויל.)

— „געקומען זייט איר צו דער צייט,
אויב איך זע אייך און דאָס איז וואָר,
איך הויך שוין אויס מיין לעצטן אָטעם,
און דער לעצטער אָטעם מיינער שרייט:
פארשאָלטן זאָלט איר זיין פון דור צו דור
און דער קין־צייכן אויף אייער שטערן,
אייביק ברענען זאָל — גליענדיק רויט,
ביטער (זאָל זיין) אייער וואסער ווי טרערן
און אייביק — אין אייער ברויט —
דער ריח פון הרוגים נישט געבראכטע צו קבורה."

נישט אלץ פארשטאנען, נישט אלץ דערהערט,
דער אדיוטאנט ווי א וויכער אראָפּ פונעם פערד,
זיך אַ כאַפּ געטאָן פארן שווערד,
אונטערן גענעראל האָט אַ טענצל געטאָן דאָס פערד,
ער האָט אַ געשריי געטאָן: „סטאָפּ!
לייטענאנט, פארלירט נישט דעם קאָפּ,
קעגן אַ ליגנדיקער פרוי מיט אַ שווערד?!"

און ביי זיך, דער גענעראל געטראַכט:
„ניט געוואַשן, נאָר וויפל ווייעט פון איר שיין,
מע קאָן מיט איר פארברענגען אַ נאַכט (?!)
סאַרא געשטאַלט, סאַרא פיסלעך; —
אַ פרוי — אַ פלאַש ווייַן,
מע קאָן זי אויסטרינקען מיט אַמאָל,
און אויסטרינקען צו ביסלעך...
און איך —
איך האָב ליב מיט אַמאָל!
איך האָב ליב דאָס פייער,
און אויך דאָס אַש,
דעם ווייַן אויסגעטרונקען —
צעברעך איך די פלאַש.

IV

פונעם געטאָ מע פירט זי ארויס אויף אַ מאשין.
— אַ מאשין ? !
ווער פירט זי, וואהין ? !
ערשט זיך געהאלטן ביי דער צעקרישלטער וואנט,
זיך אַ וואקל געטאָן, אַ פאל,
אַ פאל צו דער ערד :
אן אדיוטאנט ? !
א גענעראל ? !
פערד ? !
ערשט דאָ געלעגן פארשמאכט
אויפן טראָטואר,
(ווּעמען פרעגן,)
ס'איז טאָג, צי נאָך נאכט,
ס'איז וואָר,
אַ קאָשמאר,
אַ מאשין,
וואהין ? !
עס יאָגט די מאשין אוןווארפט זי אהין און אהער,
און ווייטער, ווייטער געדענקט זי ניט מער...

און שפּעטער, שפעטער לעבן זיך, ערגעץ זייער נאָענט,
דאָס רינען, דאָס פליעסקען פון וואסער דערהערט,
איר געווען אזוי גוט, זיך דערמאנט :
זי ליגט צופוסנס פון בארג אויף גרינער, שמעקנדיקער ערד,
פון בארג ריטשקעלעך רינען און רינען,
אַ ווינטל, ווי אַ מאמע, צערטלט און וויגט די צווייגן,
איר אזוי גוט, איר קינד און איר געליבטן געפונען,
און גליקלעך זיי זיצן אין דרייען און שווייגן ;

הערן זיך איין אין די זילבערנע שטראָמען, —
פאלן פון די בערג אראָפּ אין טייך,
ווער קאָן אויסמעסטן די אומענדלעכע תהומען
פון גליקלעכע רגעס, וואָס איז נאָך ווי זיי אזוי רייך ; —
אין טייך זיך שפּיגלען און כוואליען די זוניקע פלאמען,
און רויט ווערן די שווימענדיקע אָסיען־בלעטער,
און אָט זעט זי זיך אין קרייז פון טאטן און מאמען,
זיי לעבן, שמייכלען, די באָבעס, זיידעס, מומעס, און פעטערס ;

עס לעבן אומעטום די קינדער, נאָר עפּעס ווייטע, ווי ווינטערדיקע שטערן,
ווער דייטשן, וואָס דייטשן, — אלץ בלויז אַ נאכט־קאָשמאר...
זי וויינט ? טרערן ?
פאר וואָס אין הארצן ביי איר — אַ מעסער — דער צער ?
זי הערט די שטים פון איר ליבן, זי בעט זיך : רייד העכער, העכער,
וואָס איז מיט אים, ער ווערט אלץ בלאסער און בלאסער,
זי עפנט די אויגן : ווי איז זי, אנטקעגן איר אַ פּנים אַ פרעכער,
א דייטש ! ? דאָס פּנים זאָגט : — פרויליין ! פול שוין פול די וואנע מיט וואסער
אָט איז זייף, אַ קעמל, קעלניש פלאקאָנען און די פיינסטע פאריזער פערפומען
צי פליסקעט דאָס וואסער אזוי, צי אין קאָפּ טוט ביי איר זשומען ? !
דאס פּנים פארשווינדט. ניט קיין בערג, קיין ריטשקעלעך רינען,
א פשוטער באָד־צימער, אַ בלישטשענדיקער קראן, אַ וואנע — ווייסע קאפּל־פּלי
קיין טאטע, קיין מאמע קיין ליבער, זי האָט קיינעם, קיינעם ניט געפונען
די קינדער, די באָבעס, די זיידעס, מאמעס, פעטערס,
אלע, אלע פארשניטן און שחיטות.

V

..זי באַדט זיך, זייפט און וואַשט זיך און קעמט,
די פעכשוואַרצע האָר פון פיינסטן זייד,
דאָס וואַסער ווי זאַלץ עסט זיך איין און קלעמט,
בריט, בראָט און שניידט;
דאָס פרעכטיקע לייב איין רויטע, ברענענדיקע ווונד,
נישט געזען שוין קיין וואַסער, ווי לאַנג, ווי לאַנג —
און ווידער דער הויכער צעפּאַטלטער הונט
און דער עס־עס מאַן, זי גייט ביי זיין זייט,
פירט זי אַריין אין אַ האַלב־טונקעלן זאַל אַ גערוימען,
פון דיל ביז דער סטעליע (אַקוראַט צונויפגעלייגטע) קליידער, סאַמעט און זייד,
זילבערנע מנורות, לייכטער, אָ זי ווייסט, ווייסט פון וואַנען זיי שטאַמען; —
דער ס.ס.־מאַן איר הייסט זיך אויסקלייבן די שענסטע מלבושים,
אָט וואַך, אָט פאַרטונקלט און ווידער וואַך אירע חושים:

...ליגן דאָ קליידער פון קינדער, פון אַלטע לייט, מענער און ווייבער,
פון כלות חופּה־קליידער, שלייערן שניי־ווייסע,
פון די קליידער שטייען אויף בלוטיקע לייבער,
און יעדער מלבוש דערציילט איר זיין בלוטיקע מעשה...
ליגן אויסגעמישט ווינדעלעך פאַר נישט־געבוירענע קינדער פאַרגרייטע,
אויסשטייער פאַר כלה־מיידלעך, פאַרביקע וויקלשנירן און טערקישע שאַלן,
גאַרסעטן און מידערס און פעלערינעס מיט טייערע שטיינער פאַרנייטע;
און שייטלען פון ווייבלעך פון יונגע און פון יונגע אַלמנות וואַלן,
ליגן געבונדן אין פּעק זיידענע גאַרטלען, שטריימלעך און טליתים,
לאַנגע זשופּיצעס, בעקעשעס און קאַפּאָטעס פון לוסטרין, סאַמעט און זייד,
ליגן דאָ אַלע שבתים, יום־טובים, יום־כיפּורדיקע תענתים, —
אָ, זי קאָן יעדעס פּיצל, זי ווייסט פון וואַנען עס שטאַמט;
אָט — אַ טלית אַ פאַרגעלטער, ווי ביי איר פאָטער, מיט אַ זילבערנער עטרה,
אָט אַ טליתל אַ שמאָלס פון איר ברודער ווייטן און ליבן,
די טליתים בעטן זיך, שרייען: ברענגט אונדז אַהין צו די קברים,
ברענגט אונדז צו די גריבער, אַהין וווּ מע האָט זיי געטריבן...

אַט איז אַ חופּה־קלייד, ווי זילבער־שטויב צעשאָטענע פליטערלעך,
פינקלען, שעמערירן — אויפן הימל די ווייטסטע שטערן,
אזוי פארן ווערן ווייב געשוימט אין איר בלוט הייסע ציטערלעך
און אירע מיידלשע, איר כלהשע, טוייקע טרערן;
דאָס ווייסע אטלעס־קלייד, דאָס חופּה־קלייד וועט זי אָנטאָן,
זי גייט צו דער חופּה מיטן טויט, אונטערפירעכץ נעמט נקמה,
ווי אַ כלה־מיידל אַ ריינס, זי וועט אנטקעגנגיין איר אומקום,
דאָס חופּה־קלייד אירס נישט ווערן וועט טמא.
אַט שטייט זי אין אטלעס־קלייד פארן שפּיגל, פעלט נאָר דער שלייער,
די זיידענע האָר פארקעמט (די גרויע פאסמע) פארפלאָכטן אין בלענדיקע צע
נישט זיך, נישט די הויפנס קליידער זעט זי אין שפּיגל, נאר אַ פייער
מיט ברענעדיקע אברים, פלאמענדיקע קעפּ.
דאָס פייער פארשווינדט, אַ זילבערנער טייך ווערט דער שפּיגל,
איבערן פלאך פון טייך גייט אַ צארטער, לינדער ווינט,
קיין קליידער, קיין פייער, קיין טייך, נאָר פלוצעם אַ וויגל
דערזעט זי אין שפּיגל, און זי ווידער אַ מאמע און אין וויגל איר קינד;
שווינדלט — טונקל אין אויגן, דער שפּיגל זיך וואקלט און פאלט,
ווערט צעשאָטן אין זון־העזלעך — פינקלענדיקע שפּליטער, —
וו איז זי, ערגעץ אויף אַ בינע, צי אין אַ געדיכטן וואלד,
אין שטורעם זיך וויגן און קרעכצן דיביימער, אין בליצן און דונער־געוויטער?
די לעצטע שוואכקייט, דויערט נישט לאנג, ווערט צערונען, פארשוונדן,
אין זאל געראמען, ווי אויף אַ בית־עולם שטיל,
אויף די מלבושים די זון־העזלעך — בלוטיקע וואונדן,
זי האָט שוין די ראָל, זי קאָן שוין די שפּיל...

VI

אין אַ טעאַטער־זאַל, אַ לאַנג באַקאַנטן, מע פירט זי אריין,
גרויסער טאָג, נאָר זשיראַנדאָלן פלאַמען איבער געדעקטע טישן,
פלעשער שאַמפּאַניער, קרישטאָלענע באָקאַלן און קרוגן מיט קאָניאַק און וויין
און אויף בייערישן פּאָרצעלאַן: וווּרשטן, פליישן און פישן:
פּאַרוויילן זיך וויל היינט דער גענעראַל,
מיט איר קונסט זיך פאַרשאַפן פאַרגעניגן,
שטייט זי, באַטראַכט דעם בלענדיק באַלויכטענעם זאַל,
זי ווענט, די בינע, די לאָמפּן, די סטעליע — זיך וויגן, —
פון די ווענט גלאָצן אויף איר מונדירן, וואָנציעס — אין גאָלדענע ראַמען — פּאָרטרעי
דער ס.ס.־מאַן פאַרשווינדט, עטלעכע ווײַלעס בלײַבט זי אין זאַל אליין,
געשווינד שלעפּט זי פון בוזעם אַרויס דעם פּילקעלע מיט טאַבלעטן,
צעדרויבלט, צערייבט זיי, און ווי זי וואָלט צו דער חופּה גיין,
גייט זי צום טיש, שיט אויס דעם סם אין די קרוגן מיט קאָניאַק און וויין,
זי גייט צו דער חופּה מיטן טויט, אונטערפירערס נעמט די נקמה, —
בלישטשען די פליטערלעך אויף איר חופּה־קלייד מיט אַן אומהיימלעכער שײַן,
דאָס אַטלאַס־קלייד, איר חופּה־קלייד ניט ווערן ווערט טמא.
פאַרגלויוווערט, קוקט זי ווי אָפּוועזנד אויף דער בינע, סופלער־קאַסטן און קוליסן,
און דאָס האַרץ אירס זיך קראַמפּט, ווערט (שיר נישט) צעריסן: —

וויפל לאָרבער־קרענץ, וויפל בלומען־קוישן, וויפל בוקעטן,
און זי אַ גליקלעכע געשווומען אויף כוואַליעס פון אַפּלאָדיסמענטן,
און געלעבט אַ לעבן אַזאַ אַ בלינד־פאַרבלענדטן:
געהויבן זי אין הימל, און אָדעס געזונגען איר האָבן פּאָעטן:
— „איר אלע, וואָס בראַוואָ געפּאַטשט מיר אין פּוילישן לאַנד,
איר האָט מיך פון מײַן וווינונג געשלעפּט,
אַ דאַנק אײַך, איר האָט מיך מײַן אָפּשטאַם דערמאָנט,
און אויפן פלייצע מײַן מגן־דוד מיר צוגעקלעפּט.
מײַן מוח, מײַן האַרץ, איך האָב אַלץ אײַך געגעבן,
פרומע טאַטע־מאַמע פאַרלאָזט, פאַרוויסט, געקירצט זייער לעבן,

געמיינט, די קונסט ווייסט נישט פון גרענעצן און ראסן,
איך — געלערנט אייך ליבן, איר — געלערנט מיך האסן.
אָ פאלשע וועלט, פאלשע סופלערן, אלץ — קוליסן,
וואָס שוייגסטו, וועלט, ווו — דיין געוויסן — ?!
הייב אויף דעם פאָרהאנג, די קוליסן צעשמעטער,
אין בלוט פון מיליאָנען, אין בלוט דיינע (אלע) געטער."

עפנט אויף זיך די טיר, אויף דער שוועל — דער גענעראל,
נאָר אים טראָט־נאָך־טראָט זיין צאָלרייכע סוויטע,
באלד וועט יעדער אויפהייבן צו אַ טאָסט דעם באָקאל
פארן זיגרייכן סוף פון דער גרויסער שחיטה.
דער שמייכל פארגליווערט, שטייף דעם קאָפּ אויסגעצויגן,
דער גענעראל באטראכט זי לאנג דורך זיין לאָרנעט,
זוכט, געפינט נישט קיין טראָפּן הכנעה אין אירע אויגן
און פון איר שיינקייט שטייט די סוויטע ווי געפּלעפּט.
און עס זאָגט דער גענעראל צום אדיוטאנט:
— „דערקלערט איר, לייטענאנט, אין דער שפּראך פון איר לאנד,
נישט בלויז אַ קריגסמאן בין איך — אַ פאַרמונדירטער סאָלדאט,
נאָר אויך אַ באוווסטער אין מיין היימלאנד מעצענאט,
ליידנשאפטלעך ליב די קונסט, ליב געניסן
פון אַ טאלענטירטער, גאָטגעבענטשטער, גראציעזער ארטיסטין;
דאָס טעאטער־שפּיל ליב איך ווי דאָס קריגס־שפּיל,
ביידע פולן אויס דיך מיט אַ מעכטיק געפיל,
ביי ביידן אומענדלעך — דאָס שטרעבן נאָך זיג,
אויפן שונא דער זיג — אין שפּיל פונעם קריג,
און אין טעאטער־שפּיל — דאָס לעכצן נאָך זיג —
און גליקלעך ווערן פון אַ האָפענונגספולן ... בליק
פון דער בינע, צי אונטער די קוליסן, —
פון דער פארערטער, פארגעטערטער ארטיסטין.
דאן באגייסטערט, דערהויבן צוזאמען געניסן —
אַ באפליגלט געשפּרעך וועגן קונסט און קולטור —
און פון דעם אייביקן... וואָס באשאפן אליין די נאטור..."
און צו דער סוויטע: „נעמט פּלאץ, מאכט אייך באקוועם, מיינע הערן,
מיר האָבן היינט אַ גרויסן גאסט, אַ טעאטער־שטערן!"
און צום אדיוטאנט: — „זאָגט איר, מירווארטן, זי זאָל אונדז באגליקן!"
און געקוקט אויף איר און אויסגעטאָן מיט די בליקן.

...ווי פון אַן אָרגאַן אַ שאַל געטאָן איר וויברירנדיק קול:
מיינע הערן! איך וועל פאַר אייך שפּילן היינט מיין לעצטע ראָל!
מיינע הערן! איידער מיין קונסט וועט פאַר אייך זיך צעשטראַלן,
לאָמיר טרינקען פאַר דער קונסט, לאָמיר אויסלערן די באָקאַלן; —
פאַר דער קונסט אַ מענטש צו בלייבן אין דער גרויזאַמסטער צייט,
לאָמיר טרינקען פאַר אַ מענטש אַזאַ, פאַר זיין אייביקייט.

און אויפגעהויבן איר פרעכטיקע האַנט מיטן באָקאַל,
און זיינעם צו אירן צוגעטוליעט דער גענעראַל,
דאַן איינער נאָכן אַנדערן די אָפיצערן, לויט ראַנג און אַמט,
געטרונקען פּראַזיט און אַנידערגעוואַלגערט זיך, און — ליגן געבליבן פאַרסמט
דאַן האָט אויך זי אין מויל איבערגעקערט דעם באָקאַל,
אַ וואַקל געטאָן זיך, אַ וואַלגער, אַ פאַל.
אויף דער בינע, ווי אַ זונפאַרגאַנג — אַ רויטער קאַוויאַר,
אויף אים צעוואָרפן אירע פעכשוואַרצע, גרוילעכע האָר:

„אַ פאַלשע וועלט, פאַלשע סופלערן, אַלץ איז קוליסן!
וואָס שווייגסטו, וועלט, וווּ איז דיין געוויסן?!"
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

איך זינג דאָס געזאַנג,
איך הער איר קול,
אין מיין בלוט
וועט עס הילכן מיין לעבנלאַנג,
דאָס קול פון איר לעצטער ראָל.

ברודער מיינער ייד *

ווו דו זאָלסט ניט זיין ברודער מיינער ייד,
ווו דו זאָלסט ניט שטעלן די באפרייטע דיינע טריט ; —
זאָלסט עס קיינמאָל, קיינמאָל ניט פארגעסן..
ניט ביים שלאָפן, ניט ביים עסן,
ניט ביים אופשטיין אינדערפרי.
און אין יעדן שטילן פויגלפלי,
אין שיינען פון דער זון, אין בינען־זשום,
אין אלץ, אין אלץ וואָס רינגלט דיך ארום, —
אין ווילדן וואָיען פונעם ווינט,
אין די אויגן פון דיין קינד,
אין זיין געוויין, אין זיין געלעכטער,
זאָלסט זען און הערן יענע זין, יענע טעכטער,
יענע מאמעס, יענע טאטעס,
מיט די געלע בלוטבאשפריצטע לאטעס,
און מיטן מגן־דוד אינדערמיטן
אין פריען אומקום פרי פארשניטן.
אין דיין יעדן קער, אין דיין יעדן ווענד,
זאָלסטו געדענקען ווענמענס הענט
עס האָבן זיי געפייניגט..
און געשענדט..
זאָלסט געדענקען : נאָר דיין אייגן לאנד,
קאָן דיר אויסשטרעקן א האנט,
און דיך באשיצן פון די, וואָס קומען וועט זייער סוף.
זאָלסט עס געדענקען אין דיין וואך זיין,
זאָלסט עס געדענקען אין דיין שלאָף..

* עטלעכע חדשים נאָך דער דייטשער קאפיטולאציע האָבן אין טשערנאָוויץ — דורכפאָרנדיק — סטאציאָנירט יידישע מענטשן פון 10 איירופעישע לענדער, באפרייטע דורך דער העלדישער סאָוויעטי־שער ארמיי פון פארשיידענע דייטשע פארניכטונגסלאגערן. ביים געזעגענען זיך מיט זיי האָבן פון מיר ספאָנטאַן ארויסגערעדט די־דאָזיקע ווערטער, פארשטייט זיך ניט אין דער פאָרם.

חטאות הנעורים

קינדהייט

מיין מאמען — רחל שערף

א קרעדענץ, טעלער,
א אויוון —
שיסלען. טעפּ ;
א קאסטן מיט וועש,
אויפן דנאָ —
א לעדערנער בייטל.
אין בייטל
דער מאמעס
מיידלשע
צעפּ.
אין א האנטעך
לעבן בייטל —
דער שייטל.

איר לעבן אויסגענייט
אויף טישטעכער, האנטעכער.
אין ווינקלען פון קיך :
לאטען,
צערעוועט זאָקן ; —
ווינטער גייט :
קארטאָפל ? !
מאנטלען ? !
שיך ? !
די מאמע :
שטענדיק פארהאָרעוועט
פארזאָרגט, דערשראָקן.

וואָס האָט די מאמע
פון איר לעבן
געהאט ? —

די ווינקלען פון קיך —
איר היים,
איר וועלט.

שבת, אמאָל
ארײַנקוקן
אין א בלאט,

און דרעמלען —
און יעדן יאָרצײַט
גיין „אויפן פעלד"

פּארהאָרוועט, פּארטאָן:
ארויף און אראָפּ
פון די טרעפּ,

אונטערן טיכל
איר יינגלישער
אָפּגעשאָרענער קאָפּ.

און אין קאסטן,
אין בײַטל ווײַנען —
די (אָפּגעשאָרענע,) פּארוויאנעטע צעפּ.

און איר לעבן,
שרײַט ארויס
פון א ליידיקן טאָפּ.

ביינאַכט עמצער געקלאַפּט אין מיין טיר.
אפשר א פארבלאָנדזשעטע לבנה —
געקומען צו מיר?
אראָפּ פון בעט, געעפנט די טיר,
צוריק פארמאכט.
האָט עמעצער פון ווייטן, פון ווייטן
זיך שפּאָטיש צעלאכט.

דער אומרו פון מיין יונג פארבליטן לעבן,
ביינאכט געקלאפּט אין מיין טיר.
די יונגע יאָרן —
דער פאבריק אוועקגעגעבן,
קומען יעדע נאכט
און בעטן זיך צו מיר.

בלאָנדזען זיי ארום — די היים פארלוירן —
שטיינער — קיין מאמע געבוירן,
פאַרלאָשענע פון הימל,
געפאלענע שטערן
ווערן זיך קיינמאָל, קיינמאָל
צום הימל נישט קערן.

לייבקע

די שטוב — קליין,
די אויגן — טיף,
כוואליעט, רוישט
אין קינדישן קעפל; —
אַמאָל — חלומט אַ שיף
אַמאָל — אַ בוים —
גאָלדענע עפּל.

ביי דער מאשין געבויגן
די מאמע שטעפּט,
דאָס ברויט פארשלאָסן,
באהאלטן די שליסל; —
גלאָצן, אָפּעגע מיילער —
די ליידיקע טעפּ,
די איבערגעקערטע,
ערדענע שיסל.

אויפן טיש אַ לאָמפּ,
פאַרצויגן דער קנויט
זשומעט ארום אים
אַ הונגעריקע פליג:
— „דער טאטע ברענגען וועט
הערינג און ברויט."
זינגט די מאמע,
וויגט מיטן פוס די וויג.

אופן טיש ביים לאָמפּ
דער מאמעס געניי,
פון יענער זייט שוועל
מיאוקעט דאָס קעצל,
(דראפּעט מיט די פּיסלעך.)
און אין פענצטער ווינטער,
זאווי און שניי.
פלינק ביי דער מאמען
טאנצן די שפּיזלעך.

שנייקע, ווינטיקע נעכט,
פֿאַרפֿראָרענע שטערן.
שנייען — ווייסע פעדים
וועבן אַ קאָלדרע דער ערד; —
אַמאָל חלומען זיך טיפֿע היילן,
וועלף, בערן,
און ריטער מיט שווערדן
פליען אויף פערד.

ווער זיינען די ריטער,
ווער זיינען זיי —
די ריטער —
פון לייבקעס ביכלעך,
צו טאָפּטשן זיי אויך
באָרוועס אין שניי,
צי האָבן זיי אויך ניט
קיין שיכלעך?
ווער זיינען די ריטער
ווער זיינען זיי
וואָס יאָגן, פליען
איבער פאַפּירענע בריקן; —
צי שטייען זיי אויך
נאָך זופּ אין ריי,
צי ארבעטן זיי אויך
אין פאבריקן?

ווער זיינען די ריטערס,
ווער זיינען זיי,
טאַנצן און הוליען
אויף בעלער,
טיילט מען זיי ברויט —
רייפטעלעך צוויי, —
האָקן
אין קאַלטן,
פינסטערן
קעלער?

ליד פון אַ היימלאָזן
אין דער נאַכט פאַרן ערשטן מאי

נאַכט.
פאַרמאַכט
אַלע טירן
וואָס פירן
צו רו און ברויט,
צו רו און פרייד,
און מאָרגן: ערשטער מאי
וועלן פאָנען
פלאַטערן רויט,
פאָנען, פאָנען —
וואָס מאָנען!
און איך בין גרייט,
גרייט צו גיין
מיט די פאָנען.

נאָר איצט — אַליין,
אַליין,
מיט מיין בינטל ביינער,
און אַזויפיל,
אַזויפיל „פאַרוואָסן"?
איך — און מיין שאָטן.
אַ גליק: ניט פאַרשלאָסן,
ניט פאַרבאָטן
די גאַסן,
די ווענט; —
הענגען איבעריקע
אַראָפּ מיינע הענט,
וואָס טאָן
מיט מיינע הענט?!

נאַכט. פאַרמאַכט
אַלע טירן
וואָס פירן

צו רו און זעט,
צו אַ ריינעם,
היימישן בעט
און, איך ; —
הויט און ביינער
יעדע נאַכט איך פאַרקריך
אין אַ אַנדער לאָד,
האָק פאַרשמאַכט
צווישן שטיינער.
אין מיין בראָד
פאַרקלעמט. —
פאַרטאָג
אויסבאָדן (וועל איך)
מיין זעקל הויט,
מיין בינטל ביינער
אין דער ווייסל,
און אויסוואַשן
מיין העמד,
אַ ריינע העמד
צום ערשטן מאי.

ווער ווייסט, ווער ווייסט,
ווען איך וועל מאָרגן גיין
געוואַשן און פאַרקעמט
מיט די פאָנען
וואָס מאָנען ; —
וועט אפשר
מיין העמד —
אויך ווערן א פאָן, א בלוטיקע פאָן
זאָל כאָטש ריין זיין
מיין העמד,
מיין בלוטיק העמד.

נאַכט.
פֿאַרמאַכט
אַלע טירן
וואָס פֿירן
צו רו און ברויט,
צו רו און פֿרייד,
און מאָרגן: ערשטער מאַי!
וועלן פֿלאַטערן רויט
פֿאָנען, פֿאָנען..
וואָס מאָנען!
און איך בין גרייט,
גרייט צו גיין
מיט די פֿאָנען.

דעמאָנסטראַציע אין תפיסה

טירן. טירן. טירן. טירן.
יאָרן. יאָרן. יאָרן. יאָרן.
אייזערנע היטלען,
גרויע מונדירן,
טונקלע,
לאַנגע
קאָרידאָרן.

טרעפּ.
טרעפּ.
טרעפּ.
טירן. טירן.
יאָרן. יאָרן.
דורך לאַנגע,
טונקלע
קאָרידאָרן
די וועכטער פירן,—
פירן
שפּאַצירן.

אויף די טרעפּ
די גרויע,
(איינע אַרויף,
אַנדערע אַראָפּ)
ווער מיט געהויבענעם,
ווער מיט געפּאַלענעם
קאָפּ.
אויף די טרעפּ
די גרויע
ווענט. ווענט.
שוואַרצע אויגן
טרעפן זיך מיט בלויע,

און הענט, הענט,
דריקן זיך הענט;—
א ווונק,
א בליק א שטומער:
נאָך ניט אוועק —
א גאַנצער זומער,
—ביסט ווידער, ווידער
דאָ צוריק,
לאָז ניט צו, לאָז ניט צו
דעם זשאַוער
חבר!"

אין הויף: וועכטער,
קראַטן, מויערן,
שטעכיקע דראָטן,
אייזערנע טויערן;—
אין הויף, דער אספאלט
גלאַטיק. אייז.
געשליפן פון טריט,
פון טריט אין קרייז.
אַקסל ביי אַקסל
צו צוויי אין ריי.
פנימער: בלייך, געל.
מיטאַמאָל א געשריי,
אַ באַפעל:
—„טראָט, ביי טראָט,
רונדער גאנג!"
און טכף פון ברוסטן, העלדזער
רייסט זיך,
רייסט זיך ארויס א געזאנג
פון אָנגעדראָלענע אָדערן,
שטייגט צו די פענצטער
און ווענט,
צו די אייזערנע טויערן;—

און הענט,
הויבן זיך הענט,
גיסט דאָס געזאַנג
זיך אריבער די מויערן.

אין די פענצטער —
וועכטער־קעפ:
אייזערנע היטלען
טיף פּאַרוקט אויפן שטערן; —
טריט,
טריט
אויף טרעפּ,
לויפנדיקע טריט,
טריט,
שטייען אין הויף—
געצילטע רערן.
דאן פאלן טעמפּע קלעפּ
פון קאָלבעס
אויף פּלייצעס, ברוסטן,
נאקנס, קעפּ
(די פּולסן און שלייפן — האמערן)
און אויף הענט—
(הענט דאָס פּנים
פארשטעלן)
קייכן, קייכן
און הוסטן
בלוט!
שפּייען מיט בלוט אין די קאמערן —
צעלן.
דרייען זיך,
דרייען זיך אייליק
אין שלעסער
די שליסלען,

א קאַלטע וואַנט
קילט דעם הייסן שטערן:
— „חברים וואַרפט אַרויס דאָס עסן –
די שיסלען,
קלאַפּט אין טירן,
אַ הונגערשטרייק
דערקלערן!"

טירן, טירן. טירן. טירן.
יאָרן. יאָרן. יאָרן. יאָרן.
אייזערנע היטלען,
גרויע מונדירן,
טונקלע,
לאַנגע
קאָרידאָרן.

פּאַוויאַק וואַרשע 1932

ליד פון
א לומפּנפּראָלעטאריער

(סלאווישע לאָרעליי.)

פאַר רחל האלצער — אין ליבער דערמאנונג

היי ציגיינער
לייג אַוועק די פּייקע,
נאַדיר אַ דרייער,
שפּיל און זינג
אויף דיין באַלאַלאַייקע ;
היינט אין שענק
צעבראָכן טישן און בענק,
טעלער, גלעזער פיל,
שפּיל ציגיינער שפּיל, —
אַנטלאָפן מיין שיינע מאריוסא
מיט מיין פריינט,
מיין בעסטן — וואַסיל.

ציגיינער ! איך גיי אין דער פרעמד,
איך גיי זוכן אַ ווייב,
נאַדיר מיין רעקל,
מיין העמד,
עס גליט, עס ברענט
מיין לייב ; —
נאַדיר מיין טייסטער,
מיין גאַנצן מיט געלד,
נאָר זאָג, זאָג, —
איך בעט דיך — מיר
וועט זיך נאָך ערגעצווו
אין דער וועלט
עפענען פאַר מיר
דעם שיכור — אַ טיר ? !

איך בין אַ פּראָסטער
טרעגער־יונג
פון מעלשטויב — צען יאָר
אויפן דיל
געשפּיגן מיין לונג,
און — אין שענק
געבראָכן טישן, בענק,
טעלער, גלעזער פיל; —
שפּיל די ציגיינער, שפּיל,
אנטלאָפן מיין שיינע מאַריוסא
מיט מיין פריינט,
מיין בעסטן — וואַסיל.

מיין מאַמע איך געדענק —,
אַ פּנים: געלע ליים —
פלעגט מיך זוכן
אין שענק —
און וויינען, און פארן ארבל
שלעפּן — אהיים.
שפּיל ציגיינער, שפּיל!
אנטלאָפן מיין שיינע מאַריוסא
מיט מיין פריינט,
מיין בעסטן — וואַסיל.

מיין שוועסטער:
בלוט און מילך,
(איך געדענק! איך געדענק!)
אַ פּנים — אַ בלום,
אָן ביינער — איר לייב.
די יונגען זי רופן:
קום! קום!
ווער מיין ווייב!
און דאן אין שענק
די שרפה געקילט.

(איינמאָל איינער
צו מיר אַזוי געזאָגט:)
דיין שוועסטערס קול — פידלען
צעגייט זיך אין יעדן אבר
דיין שוועסטערס קול — רידלען,
גראָבן אויס פאַר מיר אַ קבר.

דאַן ער — ווי איך
אוועק אין שענק
געבראָכן טישן און בענק,
טעלער און גלעזער פיל,
שפּיל ציגיינער, שפּיל
אַנטלאָפן מיין שיינע מאַריוסא
מיט מיין פריינט,
מיין בעסטן — וואַסיל.

בראָדיאַגן ליד

נייע טעג,
נייע דאגות, —
מיר — הפקרע
צעזונגענע בראָדיאַגעס;
מע רייצט —
אויף אונדז די הינט,
פאַרקלאַפּט די טירן. —
וואָס האָבן מיר —
וואָס דאַרפן מיר —
וואָס קאָנען מיר —
פאַרלירן?

נייע טעג,
נייע דאגות, —
מיר — הפקרע
צעזונגענע בראָדיאַגעס; —
צו די שטיינער אין גאַס
זיך מתוודה,
און פריילעכע
אַוודאי און אוודאי.
מע רייצט
אויף אונדז די הינט,
פאַרקלאַפּט די טירן. —
וואָס האָבן מיר —
וואָס דאַרפן מיר —
וואָס קאָנען מיר —
פאַרלירן?!

נייע טעג,
נייע דאגות, —
מיר — העפקערע
צעזונגענע בראָדיאַגעס; —

געזאַנעגן ווילדע
זינגען מיר,
שפּילן זיך מיט טרעלן.
שלאָפן אויף די בוידעמער,
מיידן אויס די שוועלן; —
די ערד, דער וואַלד — אונדזערער,
אונדזערער — דער וועג,
זאַנגען פול צעבליטע —
רייפן —
אונדזערע טעג.

נייע טעג,
נייע דאגות, —
מיר — הפקערע,
צעזונגענע בראָדיאַגעס; —
האַרבסט —
צייטיק שווער.
לאַכן מיר, זינגען מיר,
לאָזן ניט קיין טרער; —
קומט א יונגע שניטערן,
קאָסעט אונדז אַוועק,
בינד צענויף אין סנאָפּעס —
אונדזערע יונגע טעג.

נייע טעג,
נייע דאגות, —
מיר, — הפקערע,
צעזונגענע בראָדיאַגעס; —
מע רייצט —
אויף אונדז די הינט,
פאַרקלאַפּט די טירן. —
וואָס האָבן מיר —
וואָס דאַרפן מיר —
וואָס קאָנען מיר —
פאַרלירן?!

וועט זיין אזא טאָג :
קומען וועט דער טויט,
אויסשטרעקן
א טונקלע, ביינערדיקע האנט ;
וועל איך אים בעטן,
מיך לאָזן אָפּעסן
די סקאָרינקע ברויט
אין מיין שוואכער,
ציטערדיקער האנט.
(דאן וועל איך אזוי אים זאָגן :)
זייט אזוי גוט, ווארט צו א ווײַלע
ביז אויף טאָג וועט אָנהויבן העלן,
כ'קאָן נישט איבערלאָזן
די שטוב מיינע אליין, —
גנבים . . . ביי אלע טירן
און שוועלן.

און ווען אהייקומען מיין ליבע
וועט פונעם באר
וו זי טאנצט אויס יעדע נאכט
איר טרויער, איר צער,
וועל איך אזוי צו איר זאָגן :
— זייט באקאנט —
(און אופציטערן, זעענדיק
ווי זיי דריקן זיך די הענט)
א אימפּרעסאריאָ ! וויל מאכן מיט מיר א אנגאזשאמענט,
א טורנע איבער דער ווייטער פּראָווינץ,
כ'וועל זיך אומקערן (זאָגט ער)
מיט גאָלדענע רינגען אויף הענט —
שטאָלץ און רייך —
א יונגער פּרינץ

(און זיך טרייסטן:
א ליגן אזא — יעדער מעג זאָגן,
ווער ניט הערן וויל
ווי מע וועט אים באקלאָגן)
און ווען אין פייגל געזאַנג
וועט דער זונפארגאַנג
צינדן מיין קאָפּ
בלוטיק — רויט
וועל איך שטיל
אוועקגיין
מיטן טויט.

ווארשעווער פאָרשטאָט־נאַכט 1932

צעגליטע קופּאָלן דרעמלען איין
אין לעצטן בלוט־רויטן שיין.
ערגעצוו ווייט, ווייט ציטערט א גוסס — א גלאָק
און א מענטש, אַ שאָטן אין ווינקל פון ראָג
חלומט: ברויט, און מילך פאר די קינדער,
א קלייד פארן ווייב; —
אנטקעגן א בעטלער א בלינדער,
טראַנטעס, טונקל, נאקעט לייב.

עפענען זיך און פארקלאפּן זיך טירן,
עמעץ שיט ארויס א קויש מיט פאפירן,
אויסגעברענטע שוועבעלעך און פאפיראָסן,
אלע טירן שוין פארשלאָסן,
דער בעטלער ווייטער רוקט זיך,
קוקט, פארקוקט זיך
אויף אַ הינט. דער הינט — א ביין
אין די ציין.

נאכט.
אין די שמאָלע, קרומע געסלעך, אין לבנה־שיין
טאנצן קינדער־שאָטנס ארום אין א ראָד
פונדערווייטנס דונער־גערויש פון דער שטאָט.
א גאסנפרוי א שיכורע פארשארצט ביז די לענדן דאָס קלייד,
לאכט, צעווארפט אירע גראָשנס מיט א פּליוסק פון גאליקע רייד;
קלייבן די קינדערלעך די גראָשנס צענויף,
לויפן פריילעכע פון הויף צו הויף
און די גאסנפרוי פארשארצט ביז די לענדן דאָס קלייד
לאכט און לאכט און — פאלט
און ליגט אויפן אַספאַלט
פארגליווערטערהייט.

א בלינדערביים פלויט פון משוגעים־הויז

נאָך זונפארגאנג —
צווישן טאָג און נאכט —
זיצט ער אומבאוועגלעך
אויפן גראָז —
די פיס שטאר —
אויסגעשטרעקט —
ווי אין א הינער־פלעט,
ציט אויס אלץ לענגער
דעם בלייכן, אָנאָדערדיקן,
ווי מיט מאָך באוואקסענעם האלדז,
דאָס בלוטלאָזע פנים —
די וואקסענע טויטנמאסקע,
די (שיר ניט אינגאנצן) פארקלעפטע
אויגן־שפארונעס
צום טליענדיקן ראנד
פון מדברדיק — צעגליטן זאמד
אויפן האָריזאָנט ; —
ווי ער וואָלט זיך געטרונקען
און אַ פארכליניעטער —
שטומערהייט
גערופן נאָך הילף,
(ווי שרייען געוואָלט)
מיט שטארער צונג.

און אמאָל — אין זונפארגאנג
זיצט ער אזוי אומבאוועגלעך —
און שמייכלט
(א דאנקבארער שמייכל)
צו די בהמות
זוכנדיקע א גרעזל
אויפן אָפגעקאָסעטן פעלד

און ווען דער פאסטעך
טרייבט זיי צענויף
בלאָזט אין האָרן
און די זון —
א פלאמיקער קאָפּ
פארזינקט
אין דער טיף
פון טליענדיקן מדבר־זאמד
אויפן האָריזאָנט, —
לעשט זיך אויס דעם בלינדנס
צאנקענדיקער שמייכל —
און דאָס פנים —
ווידער
אַ וואקסענע טויטנמאסקע.
און יעדן טאָג אין דער דעמערונג
זעט ער דאָסזעלבע:

לאנגע פיס אין ווייסן
שפאנען איבערן אָפּגעקאָסעטן פעלד.
לאנגע פיס אָן א גוף
שטייגן ארויף אויף א הויעכער לייטער
און א האַנט
הענגט אויף די לבנה,
די פיס שטייגן אראָפּ פון לייטער,
די לבנה — צערינט אין פלאמיקע פאסן —
רעגנבויגנס.

און ארום קיין לעבעדיק נפש,
בלויז חלול און איבערן אָפּגעקאָסעטן פעלד —
די רעגנבויגנס.

דאן הערט ער פליגל־פלאטער,
פייגל קומען געפלויגן,
טרעטלען אויף זיין פנים,
טרינקען אויס די ווייסלען,
דזאָבען אויס די אויגן.

דאן קומען אָן פון אלע זייטן בלינדע
און האנט אין האנט,
גייט ער מיט זיי אויפן סאמע ראנד
פון אָפגעקאָסעטן פעלד,
קומען צו א שטאָט — הויעכע פינצטערע מויערן,
מיידלעך שטייען פאר די טויערן
מיט נאקעטע, ווייסע רויזנברוסטן,
און הינט ראָיען
אין קופּעס מיסט ;
די בלינדע אנטלויפן
און ער בלייבט אליין.
די הינט טוליען זיך און באשמעקן
און פאָרן זיך.

ער שטרעקט אויס זיינע הענט צו די מיידלעך,
זיי אנטלויפן מיט געשריי און געלעכטער
(פון די הונט וואָס פאָרן זיך)
און ער שטייט — פארשטאַרט. —
איין הינט טוליעט זיך צו זיינע פיס
און זיין האנט בלאָנדזשעט
אין דער לופטן
און געפינט
און גלעט די האָריקע,
שטעכיקע פעל
און דער הינט לעקט, לעקט
זיינע פינגער.

אין קרייז

וואָלט געווען דאָ
אַ בלאַט,
אַ בלום,
אַ בוים,
וואָלט איך —
דערציילט זיי
פון מיין טרוים,
פון מיין בענקשאַפט,
און ווי דו ביסט מיר ליב.
נאָר דאָ —
שטענדיק נעפלדיק,
שטענדיק טריב; —
בלויז רויטע,
בלוטדורכטריפטע ערד,
בלויז שטיין
און אויף זיי
און צווישן זיי
דו און איך,
איך און דו —
אַליין.
עס וואַקסט
ניט גאָרניט
אויף דעם אָרט —
און אויף ליפּן
וויאַנעט אויך
דאָס וואָרט.
נאָר אין האַרצן
גליט
און בליט
אַ ליד
ווי אַ געבעט:
זאָלסט זיין באַשיצט,
געהיט.

צו שמואל האַלקין

פרעגט מיך ניט גאָרנישט.
אויך אין שווייגן —
אַלץ, אין מיר,
פאַר אייך
וואַך ; —
מיר ווילן דאָך ביידע
ניט לייגן
אין אָט דער
(דורך און דורך)
פאַרפעלשעוועטער
שפּראַך.
זאָל אויסגעמעקט,
פאַרגעסן ווערן
יעדער אות,
און ווידער באַשאַפן
זאָל ער ווערן
פון אָנהויב,
און וווּ ער
געשטאַנען
זאָל ניט וואַקסן
קיין גראָז,
זיין זאָל בלויז שטויב,
שטויב,
ערד,
הימל
און וואַסער
און חלל,
חלל.

אַ צלמל

פאר יעקב פרידמאן — אין שטענדיק ליבער דערמאנונג

אויפן האַלדז אַ צלמל פון אַלומין,
קוק איך אויף זיינע פליישיקע, האָריקע הענט; —
איך וויל באַגרייפן, פאַרשטיין זיין מין,
זיין אָטעם, יעדער קער און ווענד מיך פענט.

פונקט ווי איך: בלאָנדע האָר, אויגן בלויע
מיין שאָטן, זיין שאָטן אויפן דיל, אויף ווענט.
וויפל מיידלעך יידישע, וויפל פרויען,
ער געשענד און פאַרלענד.

און איך — איך מוז ליגן מיט אים אויף איין געלייגער
און פרעסן מיט אים פון איין טעלער,
און הערן: פאַר געלד, רינגלעך און זייגערס
אויסבאַהאַלטן יידן — דאַן אַריינגעשאָסן אין קעלער;

און איך — איך כאַפּ אויף זיך זיינע בליקן,
ער פרעגט: — „ווו ביסטו געווען אין יענער צייט?"
פאַרוואָס קאָן איך אים ביינאַכט ניט דערשטיקן,
פאַרוואָס שווייג איך ווען ער שפּייט?!

ער שלאָפט: אָפענע, שטאַרע אויגן — אַ גרויל!
אַלץ באַגרייפן מיר קלעקט ניט קיין שכל
אַרום זיין געטאָקטן (שיר ניט) מיידלשן מויל:
אַ ריינער, ניט קיין ערדישער שמייכל.

ער שלאָפט. מיך שוידערט זיין גלעזערנער בליק,
זיין שמייכל אין שלאָף, ער וועט מיר פאַרסמען.
על שלאָפט ווי אפשר אַ קינד אין וויג,
ער ליגט ווי (קאָן זיין) אין בויך ביי דער מאַמען:

צו דער האָריקער ברוסט צוגעטוליעט די מגושימדיקע הענט
די קני, די שווערע קלעצער־פיס ביז צום נאָפּל פאַרדרייט; —
וויפל פרויען, וויפל יידישע מיידלעך געשענד און פאַרלענד,
אין שלאָף אויף זיין צורה אַ פרייד, ניט קיין ערדישע פרייד?

די קלאָטשענע, צעפּאַטלטע האָר צעוואָרפן אויפן שטערן,
אין ריטמישן אָטעם כוואַליעט זיך זיין ברייטע, בערישע ברוסט.
— פאַרוואָס ציטער איך, פאַרוואָס אין מיינע אויגן טרערן,
פאַרוואָס אַרום מיר אַזוי פינצטער וויסט און פוסט.

אָ דאָס צלמל... דאָס צלמל פון אַלומין אויף זיין האַלדז,
צום בענדעלע (ברודיקן פון שווייס) צוגעבונדן;
עס וואַקסט און וואַקסט דאָס צלמל, אין אים איז אַלץ,
אַלע, אַלע אונדזערע פּיינען, אַלע טויזנטעריאָריקע ווונדן.

אָ גאָט פאַרוואָס בין איך אַזוי שוואַך —
ווי צו מיר — צו מיין לעבן,
ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ שפּראַך
מיין פאַרצווייפלונג איבערצוגעבן.

אָ גאָט פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף. —
דורך פענצטער פאַרגראַטעטן זאָגט דער טאָג מיר: אַ גוט מאָרגן!
יעדע נאַכט, יעדע נאַכט איך שריי פון שלאָף,
און מיר חלמט: איך האָב אים דערוואָרגן.

און ביידע — איך און ער — אין איין „זומפּ" — פאַרקנאָטן,
און ביידע — איך און ער — אונטער שטעכיקע דראָטן,
און אויף די שטעכיקע דראָטן
צאַפּלט, ציטערט מיין שאָטן,
מיין שאָטן,
און זיין שאָטן,
מיין שאָטן
און אויך זיין שאָטן.

איך ווייס ניט ווען איך בין געוואָרן גרוי,
קאָן זיין אין יענער נאַכט
ווען מיך געפונען די רוסישע פרוי,
אין זאַוויי און שניי פאַרשמאַכט;
איך ווייס ניט ווען איך בין געוואָרן גרוי,
איך גלויב שוין ניט קיין שום באַווייז,
נישטאָ מער קיין ווייט, קיין הימל, קיין בלוי,
אַלץ איז תכריכימדיק ווייס,
צי איז עס אויפגיין, צי פאַרגיין,
איך שלעפ אַרום זיך אַליין
צווישן בערג פון אייז.

דער אמת און דער ליגן *

געטראָפן... ווי געוויינלעך, דער ליגן
פארפוצט אין לאָרבער־קראַנץ פון אמת, —
מיט תמימות און לאקריץ זיסן נגון
געדרשנט: „פרייהייט! רעכט! אמת"!
און פון שיינע, גוטע, נאָבלע טאטן; —
און פעך און שוועבל ער געגאָסן
איוף די אלע וואָס פאראטן,
פארשלאָסן
די פרייהייט; — אירע פליגל
אין קייטן געפענטעט:
—"די שענסטע טרוימען זיי באפלעקן,
טוט א קוק אויף זיך אין שפיגל
וועט איר זיך אליין דערשרעקן;
ווי פאלש איר זייט, ווי מאסקירט,
ווייסט שוין ווייסט די גאנצע וועלט!"
דער ליגן געגרויסט זיך געצירט,
פון זיך אליין געקוועלט:
—"וואָלט חלילה איך געהאט אזויפיל שונים?—
לעבדיקערהייט זיך באגראָבן — (האָט ער געשריגן)
נאָר מער, מער פון אלץ געשראָקן אים זיין אייגן פנים.
מע זאָל ניט דערקאָנען אים — דעם ליגן.
און אין זיינע פרייהייט־רייד —
געבראזג פון דער קייט.

זיצט דער ליגן אויפן טראָן
קוקט דער אמת ארויס דורך גראטן,
ארום דעם ליגן אויבנאָן
די אלע וואָס פאראטן —
דעם אמת.
און דער אמת — אין קלעם פון געוואלט,
אין צוואנגס־העמד פון ליגן; —
כאָטש פארקריפלט (מע האָט) זיין געשטאלט, —
דער אמת ווי א פעלדז האָט געשוויגן.

פארקלעמט אין העמדל פון צוואנג,
נאָר קיינמאָל וועט ער נישט לייגן,
קאָן ער נישט גיין מיט זיין אייגענעם גאנג,
בעסער ליידן און שווייגן;
זאָל אין זיין לאָרבער דער ליגן זיך פּוצן,
בעסער זיצן אונטער די קראטן,
נאר זיך אליין ניט באשמוצן,
זיך אליין ניט פאראטן;—
פונעם ערב־רב, ווילד געהעצטער,
גענערט זיך מיט זיין אייגענעם נגון,
און דער נידריקסטער, דער סאמע לעצטער
האָט אים אין פנים געשפּיגן:
„אָט איז ער, אָט איז ער דער ליגן!"
און דער אמת: אים האָבן בלויז געקרענקט
די בלינד־געבאָרענע. אָ זיי זעען ניט דאָס אמתע ליכט!
און נאָך גאָרניט, נאָך גאָרניט, אזוי געבענקט
ווי נאָך זיין אייגן געזיכט.

* ווי אסך אנדערע לידער און טעקסטן אין דעם בוך האָט אויך „דער אמת און דער ליגן" זיין (אויסער־טעקסט) געשיכטע: כדי ניט אראָפּזינקען אין אָפּגרונט אין וועלכן געוויסע מאכטהאָבער / איך ווייס ניט ווי זיי אָנרופן / האָבן מיט אלע זיי צו דער פארפיגונג שטייענדיקע געוואלט־מיטלען זיך באמיט אונדז אראָפּנידריקן, האָבן מיר — אין תפיסה־שטייג, געהאלטן רעפּעראטן, דערציילט די אייגענע און אנדערע לעבנס־געשיכטעס, אינטערעסאנטע באגעגענישן, פּאסירונגען; אויף א קול געבענקט, געטרוימט, געווייטעקט איבער די האלב פאריתומטע קינדער און פרויען, אנדערע ווידער האָבן אסך געשמועסט פון באגעגנטע און ביכלל וועגן פרויען, וועגן די דערפּאָלגן און דורכפאלן ביים „שוואכן מין.."

פון די רעטראָספּעקטיווע באזיגער (באַרימער) פון פרויען־הערצער (א פארקריפּלטע שיר ניט פּערווערזע אויסלאָדונג אין רעזולטאט פונעם יאָרנלאנגן סעקסועלן הונגער) האָט מען — ניט געקוקט אויף אלץ — שיר ניט זאָרגלאָז געלאכט און געחוזקט און געווען איז אויך גענוג פון וואָס צו לאכן און אָפּחוזקען סיי פון די אויסגעלאכטע, סיי פון די אָפּלאכער וועלכע האָבן אפילו די קלאָמפערשטע דערפּאָלגן אויך ניט פארגינען די בארימער.

מיר האָבן אפילו „אָרגאניזירט קאָנקורסן" מיט פּרעמיעס, למשל: ווער עס האָט טעקסטועל פארגעדענקט מערער לאטיינישע שפּריכווערטער און אפאָריזמען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער עפּאָכע, אין וועלכער זיי זיינען אנטשטאנען. אין דעם קאָנקורס האָט דער אדוואָקאט אָליעג באָריסאָוויטש קוליקאָוו באקומען דעם ערשטן, דער אינזשינער רוזשאנסקי דעם צווייטן און איך דעם דריטן פּרייז: (א לעבל שווארץ, ליימיק ברויט, א האלבן קילאָ „קילקעס" — אזעלכע פּיצלעך געזאלצענע פישלעך — און א האלבן

קילאָ גריס־צוקער). אין א צווייטן קאָנקורס ווער עס וועט אליין שאפן דעם בעסטן אפאָ־ריזם, האָט די זשורי מיר צוגעפסקנט דעם ערשטן פרייז: (א לעבל ברויט, מארגארין, „פריאַניקעס" — אזא רוסישער קעקס פון קונסט־האָניק און ראזעווע מעל מיט א צוקער־גלאזור — און א זעקעלע צוקער, אלץ צו א האלבן קילאָ). כדי פארשטיין דעם רעאלן באטייט פון דער „פרעמיע" איז גענוג זאָגן: דער טפיסה־„פאיאָק" (ראציאָן) איז געווען וויינִיקער ווי א הונגער־נאָרמע (אפילו פאר מענטשן וואָס טוען ניט גאָרניט) און אין אונדזער קאמער (160 ארעסטאנטן) זיינען בלויז 19 געווען פאוואָריזירט מיט דער פריוועלעגיע צו קאָנען זיך עפעס צוקויפן אין תפיסה־„לאַוואָטשקא" (קיאָסק). דער פונדאטער פון די פרייזן איז געווען אד־וואָקאט קוליקאָוו — דער „מיליאָנער" פון אונדזער קאמער און ער אליין איז בלויז סימבאָליש פרעמירט געוואָרן.

איך האב „צוגעשטעלט" צום זשורי פון קאָנקורס צוויי טעקסטן: 1. דער אמת אין צוואנגסהעמד פון ליגן בענקט נאָך גאָרניט אזוי שטארק ווי נאָך זיין אייגן פנים. דער ליגן אין לאָרבער־קראַנץ פון אמת האָט פאר גאָרניט אזו מורא ווי פאר זיין אייגן פנים...
2. די לעבנסדערפארונג איז א רייכטום וועל־כער שעפט זיך קיינמאָל ניט אויס.

די פרעמיע האָט באקומען דער ערשטער טעקסט, וועמענס אינהאלט ס'איז אלעמען געווען וווייטעקלעך נאָענט, ווייל אלע זיינען געווען דירעקטע קרבנות פון ליגנס און סקרופּוללאָזע פעלשונגען. שפעטער זיינען אויפן סמך פונעם ערשטן טעקסט אנטשטאנען די פערזן „דער אמת און דער ליגן". איך גיב זיך אָפּ א דין וחשבון, אז, אין די אפשר האמעטנע פערזן און פילוועריטערדיקייט, איז דער קאָן זיין אינטערעסאנטער געדאנק „צעשמירט" און פארוואסערט געוואָרן, נאָר איך האָב דעם טעקסט אריינגענומען אין בוך ווי א אָנדענק פון יענער צייט, ווען די גייסטיקייט, דאָס באפליגלטע מענטשלעכע וואָרט איז געווען דאָס רעטונגס־אינדזעלע אין א צעבושעוועטן ים פון הפקרות און סקרו־פּוללאָז געוואלט־טעטיקער גרויזאמקייט.

דער וואַסערפֿאַל

דער וואַסער־שטראָם —
באַפֿרייט
פֿון אייזיקן
פּענט,
אַנטלויפֿט
פֿון אייז,
און שווינדליקע
הויכן ; —
וואַרפֿט זיך אַראָפּ
פֿון פֿעלזיקע
ווענט; —
זילבערנע לאַווע
פֿון אַ וווּלקאַן.
איבער פֿעלזן —
רויכן,
נעפּלען,
און אויף יעדן שפּאַן
דער אַנטלויפֿנדיקער
וואַסער־וווּלקאַן
צעשפּריצט
טויען —
זילבערנע
פֿונקען.
געוואַשן
(מיינע) פֿאַרבלוטיקטע
הענט,
און גיריק
מיט די אויגן
געטרונקען
די הויעכע
שווינדליקע שפּיצן ;
פֿון די פֿעלזן — בערג —

אין אייביקן
אייז ;
די זון
ווערט נישט מיד,
ווערט נישט מיד
עס צו שמעלצן,
און איבער די שפּיצן
אין אייז
דער אייביקער
גורלדיקער
אָדלער־געשריי ; —
אים טראָגן אוועק
די פון אייז
און שווינדליקע
הויכן,
אנטלויפנדיקע
וואסערן.

אין די פעלדזנבערג —
הייכן,
דורכגענג —
ענדלאָזע
לאבירינטן ;
(אומבאטראָטענע)
ריכטן אָפּ דאָ התבודדות,
פייגל,
פלעדערמייז,
שלענג, —
און צפנדיקע ווינטן.
נאָך לאנגע
שטורעמס
כאפּן איבער דאָ דעם אָטעם ;
אמאָל פארבלאָנדזשעט אהער
א בארג־גאזעל,
א ווילדע ציג,
א מענטש. (פארשטויסן פן דער סטאַדע)

מיט נייגיר,
פחד
אין בליק ;
קוקט יעדער אריין
אין די ענדלאָזע
לאבירינטן :
(און אין די אויגן איינער דעם אנדערן)
„— קומט אריין ! קומט אריין !
פון דאנען
ניטאָ קיין צוריק."
פייפן און וואָיען —
(פארבעטן און וואָרענען)
צפנדיקע ווינטן.

..און אונטן — דער אורוואלד,
די זעגן,
די העק. —
און דער ערשטער
דורכן אורוואלד
אויסגעטראָטענער
וועג.
(דער וועג — פון אורוואלד
אין לאגער,
פון לאגער —
אין אורוואלד)
און ווייטער —
(ניטאָ קיין ווייטער —)
א קרייז,
א פארשלאָסענער
קרייז :
אורוואלד —
אורוואלד,
פעלדזיקע בערג,
שניי,
אייז,

און א הויכער,
צעפלאמטער
שייטער
און א קרייז
און אויפן ראנד
פון קרייז
די וועכטער —
(אויסגעדרעסירט,
אויסגעמושטרירט.)
די צווייפיסיקע, פירפיסיקע,
הינט ; —
און א דעמאָניש,
טייווליש
געלעכטער
פון דער טיף,
פון ענדלאָזן
לאבירינט.

II

איך בין אויך א פעלדז,
בלאָנדזשע
אין מיינע לאבירינטן ; —
אומגעבויגן
(מיט אָפענער ברוסט)
קעגן אלע ווינטן,
אויף מיינע שפיצן
גליט
דאָס אייז, —
איך ווער נישט מיד,
ווער נישט מיד
עס צו שמעלצן.
דריי זיך אין ווירבל,
דריי זיך אין אייגענעם און אייזיקן קרייז,

און מיט מיר
רעדט דער הימל
מיט דונערס,
און בליצן,
(און אויך פון זיי
זיך שמעלצט דאָס אייז..
דער שניי..
אויף מיינע שפּיצן)
און מיינע אויסגעשריי,
מיין גורלדיקס
קאָלערט זיך אראָפּ
פון פעלדז
און אים טראָגן אוועק
די וואסערן —
די פון אייז
און שווינדליקע הויכן
אנטלויפנדיקע
וואסערן.

...אַפילו דאָס קריגעלע
(פון וועלעכן איך טרינק)
הענגט
איך אויף אַ שווערער,
לאַנגער
קייט ;
אין וואַסער—
אַ פּנים,
אַ בלאַסער :
—דאָס בין איך,
איך ?
ביים פּנים
אין וואַסער
איך פרעג —
שטילערהייט.

קריגעלע !
קריגעלע !
ראַם
פון מיין שפּיגעלע,
ביי יעדן וויגעלע
פאַרגרייט—
א קייט.
און אומעטום,
אומעטום—
די קייט
באַגלייט.

קריגעלע !
קריגעלע !
ראַם פון מיין שפּיגעלע,

דו הענגסט
אויף אַ קייט,
און איך—
אויף אַ האָר!
. . . .

...אַ אייביקייט —
די צוואַנציק יאָר!

ווזשע זייט איר מיינע ליבע *

ווזשע זייט איר מיינע ליבע,
ווו קאָנט איר איצטער זיין ?—
אין מיינע טעג — די טרויריק טריבע,—
בלויז איר זייט מיר — מיין שיין ;
בלויז מיט אייך נאָר בין איך אייניק,
בלויז פון אייך איך טרוים,
איך בין מיט אייך אַזוי פאַרייניקט,
ווי דער וואָרצל מיטן בוים.

אין דער תפיסה יעדער וועכטער,
יעדער איינער טרינקט מיין בלוט,
בלויז מיין ליבע, בלויז מיין אומשולד
גיט מיר קראַפט און מוט.
צי' וועט דען שוין דער טאָג ניט קומען, —
דער טאָג פון רו און גליק ;
און מיך וועט ווידער אַרומגענומען
צערטלען אייער בליק... ? !

עפעס פיל איך, עפעס גלויב איך,—
אַזאַ טאָג וועט זיין,
און ווי א בייזער, שווערער חלום
וועט פאַרגייען אונדזער פיין ; —
און איך וועל ווידער דאַן ווי פריער
זיין אומענדלעך רייך,—
טאָג און נאַכט פאַר אייך זיך מיען,
טאָג און נאַכט בלויז זיין מיט אייך.

זייט געזונט איר מיינע ליבע,
אַ גוטע, גוטע נאַכט ; —
כ׳האָב היינט נאָך אַ טאָג אַ טריבן, —
די אויגן צוגעמאַכט,
אין דער תפיסה, אין מיין קאַמער
גליווערט אָפּט מיין בלוט.

נאָר יעדע שעה מיט אייך צוזאַמען,
לויפט אַדורך ווי אַ מינוט,
נאָר יעדע שעה מיט אייך צוזאַמען —
אויך זייער, זייער שווער
פון די קינדער, פון דער מאַמען
יעדע, יעדע טרער.

אין דער תפיסה, אויף מיין געלייגער
פאַרפייניקט שלאָף איך איין,
נאָר אין שלאָף אויך וועט מיר לויכטן
אייער מילדע שיין...
בלויז מיט אייך נאָר בין איך אייניק,—
בלויז פון אייך איך קלער.
איך בין מיט אייך אַזוי פאַרייניקט,
ווי דער וואָרצל מיט דער ערד...

מאָסקווע. עטאפּ־תפיסה קראסנאָ־פּרעסנאיא 1950.

* דאָס ליד — האָבן מיר — איך און מיינע ארעסטאַנטן־ברידער — געזונגען מיט א מעלאָדיע פון שובערט. און אזוי עס „צעטראָגן" איבער תפיסות און לאגערן.

עפּיטאַף אויף סטאַלינס קבר

דאָ ליגט דער רויטער, לעצטער (?) צאַר פון קרעמל,
זײַנע פּאַיאַצן און תּלינים גערימט אַלע זײַנע טאַטן:
„טאָג און נאַכט געזאָרגט, באַשיצט און באַהיט דאָס פאָלק: —"
אונטער שטעכיקע דראָטן און קראַטן.
(פעלערלאָז ווי דער הײליקער פּויפּסט)
גערימט אים אין סאָלאָ, אין כאָר: „געגאָסן פון שטאָל.."
און ער אַלײן זיך אויסדערוויילט: אַ אומפאַרבײַטלעכער אײנער!
און ער אַלײן אין שײַן פון יופּיטערס מיט זײַן אָרעאָל,
מיט זײַן כּנופיה, אויף אַ באַרג פון מענטשלעכע בײַנער..
נאָך בײַם לעבן אים (און ער זיך אַלײן) דענקמעלער געשטעלט,
(אַפילו די קומענדיקע דורות ער ניט געטרויט..?)
אַ פאַרגליווערטע כמאַרע זײַן שאָטן געפאַלן אויף דער וועלט,
מורא געהאַט פאַר אים, ווי פאַרן טויט.
מיט זײַן נאָמען שטעט, גאַסן, און פּלעצער באַצירט,
זײַנע שטיוול געקושט — געלערנטע און פּאָעטן,
אַפילו זײַנע נאָענטסטע פרײַנט, די אַגענטן זײַנע נאָכגעשפּירט,
מע האָט אים אָדער געחנפעט אָדער בײַ אים זיך געבעטן.
געלויבט אים און באַזונגען אין הונדערטער ביכער,
(קינדער, נאָך אין דער מוטער־טראַכט שוין אָנגערופן מיט זײַן נאָמען)
נאָר רײדן מיט אים?! בלויז צוגײן געווען שטרענג פאַרבאָטן!
אַפילו אין דער קרעמל־פעסטונג ער ניט געפילט זיך זיכער: —
פּאַניש מורא געהאַט פאַר זײַן אײגענעם שאָטן.
אַ באַרג, אַ בײנער־באַרג געווען זײַן פּיעדעסטאַל,
דער באַרג געוואַקסן אַלץ העכער און העכער,
ער איז אַלץ געווען: אַ געלערנטער, אַ פילאָסאָף, אַ מאַרשאַל,
(געווען אַ גאַנצער אוניווערסאַל)
אָבער אינדערעמתן, אין תּוך —: אַ פאַנטאַסטישער —
אַ דעמאָנישער פאַרברעכער.

וועלף

אויך די ליד האָט איר „אויסער־טעקסט״־געשיכטע: אין טפּיסה־קאַמער פּלעג איך אָפט זינגען מיין ליד: „וואָזשע זייט איר מיינע ליבע. „די אַלטע יידישע באַלשעוויקעס, אָנטיילנעמער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָבן זיך אויסגעלערנט די ליד אויסנווייניק און מיט מיר מיטגעזונגען. פאר אָט דעם קוים הערבארן זינגען, זיינען מיר ניט איינמאָל באשטראָפט געוואָרן מיט 5 טעג קאַרצער. (איך האָב אויך אויסנווייניק, שטיל פאָרגעליינט לייוויקס סיבירער לידער וועלכע די אַלטע קאַטאָרזשניקעס האָבן פון אמאָל גוט געקענט, אָבער שוין געהאט פארגעסן און זיי איצט — אין תפיסה־קאמער נאָכמאָל אויסגעחזרט, (קלייבנדיק זיך דאָס צווייטע מאָל, נאָר איצט שוין אויף סאָוויעטישער קאטאָרגע) און דעמלט האָבן זיי מיך געבעטן, איך זאָל „פאר זיי אויך עפּעס „פארפּאסן, עפּעס אזוינס וואָס זאָל אויס־דריקן זייער איצטיקן מצב...״ אזוי איז אנטשטאַנען דאָס דאָזיקע ליד, אונטער דער דירעקטער השפעה פון לייוויקס א ליד (צו וועלכן ס'איז אין אַ געוויסן זין טאקע ענלעך און אויך אונטער דער השפעה פונעם פאקט וואָס א היפשער טייל פון די אלטע באָלשעוויקעס האָבן זיך אין טפּיסה צוריק „אומגעקערט״ צום אלטן גאָט).

אַ גאָט מיינער, גאָט מיינער העלף,
באפאלן זיינען מיך וועלף,
ניט יענע וועלף פונעם וואלד,
נאָר וועלף אין מענטשן־געשטאלט..

אַ גאָט מיינער, גאָט מיינער העלף,
באפריי פון צווייפיסיקע וועלף.

אין וואלד ווען עמעצער שרייט,
הערט מען דאָס ווידער־קול ווייט,
קומט עמעץ דאן אפשר צוגיין —
און באפרייט דיך פון וועלפישע ציין;
נאָר דאָ ביי די וועלף אין די הענט,
אונטער די שטיינערנע ווענט,
מע הערט ניט ארויס ווי מע שרייט,
מע הערט ניט דאָס ווידער־קול ווייט.

אָ העלף מיר, אָ העלף מיר מיין גאָט,
ניט לאָז מיך אויף זייער באַראָט.

דער וואָלפ שלייכט ארויס פונעם וואלד,
לויערט, שפּירט אויס און באפאלט,
פּייניגט זיין קרבן ניט לאנג,
צערייסט אים און גייט זיך זיין גאנג.
דער וואָלף אין מענטשן־געשטאלט,
אויך ער שפּירט אויס און באפאלט,
נאר ער פּייניגט, וואַרגט און שטיקט,
ווי און צער אים דערקוויקט,
נאָך בלוט גארט ער און לעכצט,
קוויקט זיך מיט יעדן מיין קרעכץ.

א גאָט מיינער, גאָט מיינער העלף,
באפריי פון צווייפיסיקע וועלף.

איך רוף שוין א שעה נאָך א שעה,
נאָר ס'איז קיינער, קיינער נישטאָ,
איך רוף שוין א טאָג און א יאָר,
סע זיינען שוין ווייס מיינע האָר,
שטרעק איך און שטרעק מיינע הענט,
צו שנייקע, אייזיקע ווענט,
קיינער מיין רופן פארנעמט,
יעדער אין שרעק — פארקלעמט.

אָ העלף מיר, א העלף מיר מיין גאָט,
ניט לאָז מיך אויף זייער באראָט,
אָ העלף מיר, אָ גאָט מיינער העלף,
באפריי פון צווייפיסיקע וועלף.

איך ווייס: איך האָב ניט קיין רעכט,
צו בעטן הילף ביי דיר גאָט,

געוועז דאָך א וועלפּישער קנעכט,
געגאַנגען אין וועלפּישן טראָט,
זייער לאַפּע איצט ליגט אויף מיין ברוסט,
גלויב מיר, כ'האָב ניט געוווּסט
אַז איך כאָווע אין בוזעם א שלאַנג —
און א פאַלשער איז ער מיין גאַנג.
אָ העלף מיר, גאָט מיינער העלף
באַפריי פון צווייפיסיקע וועלף.

אין קרייז

אכט שפּאַן,
אכט שפּאַן —
פון וואנט
צו וואנט,
און פיר שפּאַן,
פיר שפּאַן —
פון וואנט
צו וואנט ;—
איך דראפּע
דראפּע זיך,
איך הענג
אויפן ראנד
פון באוווסטזיין,
פון פארשטאנד.

אכט שפּאן אהין,
אכט שפּאַן צוריק ; —
בלאָדזשעט,
קלעטערט
מיין בליק
אויף גליבעס,
שטיינער
גרויע
אויף טויבע,
אומדורכדרינגלעכע
ווענט ;—
צווישן גראטן
אינדזעלעך
בלויע,
הויב איך,
שטרעק איך, צו זיי מיינע הענט
ווי דער פויגל —
די פליגל

און איך פרעג,
און איך מאָן —
און דער מלוכהשער הערב: —
סערפּ און האמער,
און די פאָן,
די רויטע פאָן,
צעטראָטן,
געשענדטע
ביי דער טיר
פון מיין (תפיסה־) קאמער.
און די גלויביקע —
די פארבלענדטע
וועלן בלייבן
פארבלענדט,
ערשט פארבלענדט,
און דאַן געשענדט.

אכט שפאן
פון וואנט
צו וואנט,
און פיר שפאן
פון וואנט
צו וואנט;—
איך דראפּע זיך,
איך הענג
אויפן ראנד
פון בוווסטזיין,
פון פארשטאנד.
אכט שפאן אהין
אכט שפאן צוריק,
און פון אלע,
אלע מיינע טעג
איך דריי,
איך פלעכט א שטריק..

אכט שפאן אהין,
אכט שפאן צרויק

ווײַפל אויסגעשפּאַנט
קילאָמעטער —
און אַרום מיר—
א ים
א ים—
מיט סם
קײן בריק,
קײן ברעג,
קײן רעטער.

מיט זיך אליין

די זעונג רוימט דיר אין אויער (אירע רייד.)
ווייל דעם, וואָס קאָן זיי דערהערן.
אזוי פונעם הימל שטילערהייט
פאלן שטערן.
פאלן פון די ווייטסטע ווייטן,
קיינמאָל קערט זיך (צום הימל)
זייער ליכט נישט צוריק.
ווען דו פילסט עס,
ווען דו זעסט עס,
אויף אלע צייטן —
שיינט פון דיין בליק.

אפשר דערפֿאַר, ווייל כ׳האָב אַזויפֿיל געגלויבט,
געוועזן — און — ניט געווען פֿאַרטויבט?!
אפשר דערפֿאַר, ווייל כ׳האָב אַזויפֿיל געליבט,
בין איך איצט אזוי באַטריבט?!
נאָר גלויבן און ליבן מען קאָן קיינמאָל צופֿיל,
אָ, פֿאַרלאָז מיך נישט קיינמאָל, הייליק געפֿיל.

. . . אזויפיל
גע׳ביסן
די ליפּן,
געשוויגן, —
ווייל איך קאָן נישט
זינגען
קיין ליגן.
אזויפיל
טיף
אין זיך
פאַרבאָרגן,
אזויפיל
געשטיקט
אין זיך —
געוואָרגן ; —
קאָן איך —
דעם נעכטן,
דעם היינט,
און דעם מאָרגן,
גלייך,
גלייך
אין פּנים
אריין
קוקן,
מיט א שווערן,
שווערן
נאָר א גלייכן
רוקן . . .

... אויסגעשעפּט. אַלץ אין מיר — מיד,
איך קאָן נישט מער, איך וויל שוין גאָרנישט, גאָרנישט נישט הערן.
בלויז איינהערן זיך צו מיינע אייגענע טריט,
זיין אַזוי ווייט, אַזוי שטיל ווי אַ שטערן

איינהערן זיך צום מורמל ריינעם פון קוואַל, צום ווינט
צווישן גראָזן געדיכטע, צווישן נעסטן און מאָכיקע שטאַמען,
זיין — אַ פאַרבלאָנדזשעט, פאַרלאָרן קינד, —
אַ שולדיקס זיך אומגעקערט צוריק צו דער מאַמען.

צופּאַלן מיט ליפּן פאַרברענטע צום קוואַל און הערן אַלע שאָרכן,
מיט חושים אַלע דערפילן דעם טעם פון גרינעם געלייגער,
זופּן, און קילן די ליפּן די ווייסע, און אויפהויבן דעם קאָפּ און האָרכן —
אַ הירש אַ צעפּאַלאָשעטער — ניצול געוואָרן פון יעגער.

ליגן לאַנג אַזוי שטיל און קומען צו זיך פונעם שווינדליקן וויכער,
און פילן ווי אויף די וויעס די מידע די זון פאַרגייט
און פאַרגעסן אַלץ, אַלץ — אַלע לערער, אַלע לערעס, אַלע ביכער,
און אַלע נישטיקע, געפּעלשטע, מלפּישע רייד.

ליגן לאַנג אַזוי און איינהערן זיך — אין זיך אַליין, די אויגן פאַרמאַכט,
פילן די קילקייט פון קוואַל אויפן טרוקענעם גומען,
ווי עס וויל נישט אוועקגיין דער טאָג, און ווי די נאַכט
איילט זיך, איילט זיך, גיכער, גיכער צו קומען.

זען, אין דער הויך גייט אויף דער ערשטער, ציטריקער שטערן,
און די לבנה, אייביק, וואָך און אייביק גלייכגילטיק קאַלט.
אַלץ איינזאַפּן, אַלץ אָפּוועגן, באַזיניקן, טראַכטן און הערן
יעדן שאָרך, יעדן ריר פונעם פאַרטייעטן, פונעם נאַכטישן וואַלד.

ווי ניי־געבוירן זיך אויפכאַפּן פאַרפרי, פאַרן ערשטן שטראַל
פילן: ער איילט זיך דער טאָג, איילט זיך גיכער, גיכער צו קומען;
עפּעס אָנגעקוואָלן אין מיר פון דער טיף פון אייגענעם קוואַל, —
פאַרברענט, אויסגעטרוקנט געווען ווי מיין גומען.

איך קער זיך אום צוריק צום אָנהויב, צום ריינעם קוואל,
צו מיין קינדהייט־סטעזשקע וואָס איך האָב אויסגעטראָטן ; —
פון איר אַוועק אין צווייפל, נאָר אָן האַס, אָן גאַל,
מיט הייליקע, אומבאַפלעקטע געבאָטן ;

געווען דאַן פול מיט ליבע און מיט העכסטע טרוימען,
און גרייט פאַר זיי אויף אַלץ, אויף אַלץ ;
אפילו דער מאמעס טרערן ניט געקאָנט מיך צוימען —
ברענען נאָך איצט אויף מיין האַלדז.

איך קער זיך אום דורך אומקום — ווירבלען, גרוילן
צו מיין קינדהייט־סטעטשקע — אייביק גרין,
מיר אַנטפּלעקט זיך אַזויפיל פאַרהוילנס
און אַלץ האָט אַ אַנדערן, אנדערן זין.

איך בין אַוועק — אַ פויגל אין זיין ערשטן פלי,
איך קער זיך אום פון אָפּגרונטן טיפע ; —
אָ וויפל אומזיסטע, וויפל נוצלאָזע מי !
אָ וויפל אונטערגעגאַנגענע שיפן !

אָ גורל ! ניט געקאַרגט מיר מיט די שענסטע געשאַנקען,
נישט איינמאָל געהאָלפן מיר אין מיין ווירבל־וועג ; —
איך קער זיך אום רייך, געדאנקען, געדאַנקען —
מיין איינציק פאַרמעג.

איך קער זיך אום נישט געבויגן, נישט געבראָכן,
נישט צעריסן און נישט צעצווייט,
מיין נשמה נישט פארקריפּלט די שקלאפישע יאָכן,
און אויך ניט די שענדלעכע קייט.

איך קער זיך אום ריין פון גאָרנישט באשווערט,
פאַר מיינע טעותים גענוג געליטן; —
קיינמאָל די מערדער ניט גערימט, זייער שווערד
האָט מיך אויך, ווי אלע — געשניטן.

איך וועל נאָך לאַנג זיך זיפּן און זיפּן דורך געדיכטע זיפּן,
נאָך לאנג זיך טובלען און לייטערן; —
ביז עס וועלן ווי ביים אָנהויב ווידער ריין זיין מיינע ליפּן,
ביז איך וועל זיך אַלץ מערער און מערער דערווייטערן,

ביז איך וועל אַלץ ווייטער, ווייטער אַוועקגיין פון דאַנען
צום ריינעם קוואַל, צום ערשטן פאַרטאָגיקן פלי פון פויגל,
נאָר שטענדיק ווען מע וועט אָן דעם מיך דערמאַנען
וועל איך שווייגן און אַראָפּלאָזן די אויגן.

טראָג מיך אַוועק
אויף אַ אינדזל,
ווו ס'איז קיינער,
קיינער נישטאָ; —
זאָל איך כאָטש
אַליין זיין,
אין מיין לעצטער
שעה.
אויפן אינדזל
כ'וועל דורכזיפן
אלץ,
אַלץ,
אויך זיך אַליין
דאַן זאָלן צונג
און ליפן
פאַרוואַנדלען
זיך אין שטיין.

עס טאָגט. איך שטיי ביים טייך, שטילן,
רירט זיך קוים, ווי אָפּעשטעלט זיין גאנג —
און פידלען הימלישע שפּילן
אויף סטרונעס פונעם זונאויפגאנג ;
ווארף איך אוועק „פּייל און בויגן" —
פייגל און פלאטערלעך מיך באגלייטן,
גיי און גיי מיט הימל אין די אויגן
אראָפּפעוואָרפן אלע קייטן.
די אויגן טרינקען פונעם גרינס, ראָז און בלוי
און קלייבן אויף די טראָפּנס טוי.

די מעשה
הויבט זיך אָן
פון דער ערד:
צוואנציק, דרייסיק
איילן ערד, —
און ער שלעפּט שוין פון וואלד
גערילץ אויף א פּלויט —
א פּלויט ארום זיינע
צוואנציק, דרייסיק
איילן ערד.
שולדיק
אין אלץ —
דער פּלויט,
אלץ
הויבט זיך אָן
פונעם פּלויט, —
פונעם פּלויט
ארום דער ערד...
און ענדיקט —
מיט שווערד,
און מיט טויט.

איך זינג ווי מיט טויזנט,
טויזנטער יאָר צוריק,
ווען דער נביא —
פֿאַרשאָלטן דעם קריג,
און די מאַמעס זיך געעקט ; —
די מאַמעס די געשענדטע
געשטרעקט
פֿאַרבראָכענע הענט
צו די וויגן —
פֿאַרברענטע.

איך וויין ווי מיט טויזנט,
צוויי טויזנט יאָר צוריק,
ווען דער נביא —
געטרוימט פֿון פֿרידן,
מענטשלעכן גליק ;
און זיין טרוים, —
איבערן הימל אַ רעגנבויגן —
א שמעטערלינג
אַ בלענד געטאָן די אויגן
און אַוועקגעפֿלויגן.

דער שטורעם־ווינט
קוים,
קוים
גערויגן —
די יונגע נאקעטע
בעריאָזע.
די פייגל —
אוועקגעפלויגן ; —
נישט אָפּצווענדן
די אויגן
פון דער יונגער,
נאקעטער בעריאָזע,
פון די פּוסטע
נעסטן.
מיין טרויער —
נישט אויסצומעסטן.

די יונגע,
נאקעטע
בעריאָזע, —
איר קרוין —
א דינע סטרונע.
אונטן אויפן שטאם,
אויף וואָרצלען :
העל־גרויע מאָכן.
די יונגע בעריאָזע לויטער אמונה,
לויטער בטחון :
דער שטאַם,
די צווייגן —
מאטער זילבער־בלענד,
און אינגאנצן —
אומגעוואקלט,
אויסגעצויגן,

און אלע אירע
כוחות —
געוועגד :
שטיין ניט געבויגן,
און פון שטורעם־ווינטן
פארהיטן
שטאם
און נעסטן.
קאָן איך נישט
אָפּוועגדן
פון איר
מיינע אויגן,
און מיין בטחון —
מיין אמונה,
נישט אויסצומעסטן.

איך הויב זיך אויף בארג ארויף
(בארג־ארויף... לייכט צו גיין)
דער הימל אלץ ווייטער און ווייטער,
לייכט, באפליגלט — דער גוף
וויל פליען ווי דער וואַלקן־רייטער.
בארג־ארויף... לייכט צו גיין,
ווארף איך אראָפּ א שטיין,
הער זיך איין ווי ער קאָלערט זיך אין דער טיף
אין אָפּגרונט אראָפּ,
אים אלץ איינס, צי אונטן, צי אויבן, —
זיין רו קאָן קיינער נישט רויבן.

וואָס העכער, אלץ לייכטער הארץ און געמיט
ווען דאָס אויג טרינקט דאָרשטיק די ווייטן.

די זון פארגייט
און די בארג־קייט
ווערט ווייט, מילד און פארקלערט,
דראָט נישט דעם הימל און נישט דער ערד,
די וואָלקנס שוועבן טיפער אראָפּ,
הילן איין די בערג מיט א העל־בלויען שלייער,
דורכגעוועבט מיט פעדעמער פון פייער.

די כוואליעס פונעם בארנשטראָם
טראָגן אוועק דעם זון־פארגאנג,
דער גרינעם מאָך אויף די שטיינער
ווערט רויט און בלוי און זילבער־ווייס,
די כוואליעס רוישן — א שטילער פרידלעכער געזאנג.
(אפשר טייעט אויף די בארגשפיצן איצט דאָס אייז)
וואהין טראָגן די כוואליעס
אוועק דעם זון־פארגאנג?

בערג און טאָלן און בארג־שטראָמען,
איך קני פאר אייך,
איר האָט מיך באפרייט פון יעדן פארדראָס; —
עפּעס שורשעט,
עפּעס גנבעט צו מיר זיך אין גראָז.
אָ, ס'איז די אלטבאקאנטע,
די ליבע שלאנג;
אין זון־פארגאנג בלישטשעט איר הויט,
זילבערווייס און גרין, גרוי און ברוין און בלוי
(די שלאנג זיך געוואשן אין טוי?
פריש ווי, נאָך פייכט יעדע פארב).
אין דער שטילקייט איך הער איר שיפּען
און יעדער שיפּע:
שטארב!
שטארב!
שטארב!
און ווי די אומשולד —
אירע בליקן.
(אפשר איז עס יענע שלאנג,
וואָס האָט אָנגערעדט חוהן — אונדזער מאמען?)
— און ווען דו וועסט אונדז אלע שוין פארסמען,
אָדער דערשטיקן,
און בלייבן אויף דער ערד
איין אליין, איין אליין —
און זיך וויקלען
ארום אונדזער אוסגעטרוקנט געביין,
ארום מאָכיקן שטיין,
וואָס וועט זיין —
וואס וועט דעמלט זיין?!

אפשר וועט דעמלט נאָך א מבול —
טויבלען די טמא (געמאכטע) ערד.
אָ גאָט! גאָט.. ווי לאנג, ווי לאנג קאָן מען גיין,
אויף דער שארף פון דער שווערד?!

פאַר אַ פּריינט א שרייבער וואָס איך טאָר ניט...
דערמאנען זיין — ליבן מיר נאָמען.

אין דער פינצטער טליעט מיין פּאַפּיראָס —
אַ גליווערעמל אין אָוונטיקן גראָז.
אין דער שטילקייט פיל איך טיפער זיך אַליין, —
מיין אויפגיין און פאַרגיין...
אין דער שטילקייט — מיין יעדער טאָג
דאָס צינגל פון דער וואָג.
אויף איין וואָג־שאָל — א טרער,
אויף דער צווייטער — פרייד ; —
און ביידע — שווער
פאַרגליווערטערהייט.

אין דער פינצטער טליעט מיין פּאַפּיראָס —
אַ גליווערעמל אין אָוונטיקן גראָז.
אין דער פינצטער פיל איך אַלע זאכן שארף,
איך נעם וואָס איך דאַרף,
וואָס איך דאַרף נישט לייג איך אַוועק אין א זייט,
קוק עס נאָכאַמאָל איבער און ווארף עס אַוועק ווייט, ווייט,
הער זיך איין צו זיין פאלן, לאַנג, לאַנג.
ווערט נישט פלאָנטערן מער מיין גאַנג.

אין דער פינצטער טליעט מיין פּאַפּיראָס —
אַ גליווערעמל אין אָוונטיקן גראָז.

אין דער שטילקייט גליט מיין מינדסט געפיל,
איך הער זיך איין צום ליד פון דער גריל ;
וויגט איין די וועלט אין זומערדיק־זיסן שלאָף,
זינגט פון אָנהויב און סוף,
פונעם גאַנג אויף דער ערד, פונעם קריכן, און פליען,
פונעם פריצייטיקן וויאנען און פארשפעטיקטן בליען ;
פונעם זינגענדיקן קוואל און לעבנסגעטראנק,
פון דער צאַרטער, זיסער, שלאַנג —

זי איז אין אַלץ, אין אַלץ פֿאַראַן
און לויערט אויף יעדן שפּאַן...
איך הער זיך אַיין אין דער גרילס געזאַנג,
מע הערט עס נאָך לאַנג, לאַנג, נאָכן זון־פֿאַרגאַנג,
און אויך די לבנה — דער לויטערער אות הערט זיך איין —
און דאָס גליווערעמל אין אָוונטיקן גראָז...

מיך שרעקט ניט קיין שום גהנים,
איך האָב שוין אין אים געברענט,
ניט צום גאָלד, נאָר צום פייער
געשטרעקט מיינע הענט
(ווי מושה זיינע הענטלעך — קליינערהייט.)
און ווי מושה — מיט אייגענע ציין
צעביסן די קייט —
די קנעכשאפטס־קייט..

אָ גאָט !
האָסט שטענדיק געלינדערט מיינע ליידן,
ווען כ'האָב זיך געקלאָגט :
מיר איז ענג און פינצטער
ארום און ארום
ביז אין די איינגעווייידן.
אָ גאָט !
האָסט דאָך דערהערט מיין שטים
ווען איך בין נאָך ניט געווען,
און ווען איך בין שוין געווען
א זעמדעלע, א שטויבעלע,
(א אינפוזאָריע ?)
דו האָסט מיך דערהערט,
מיך אויפגעהויבן
פון דער ערד
און מיך באשאפן ;
און אָט — ליג איך שוין אין וויגל,
האָסטו נאָך געגעבן מיר הימל
זון, לבנה און שטערן
און ערד
און אויגן (ניט אויף טרערן ?)
נאָר צו זען דיין באשאף
און מערן זיך און פארמערן.
(האָב אין זיך געקלאָגט :)
מיר איז ענג אין וויגל ; —
האָסטו מיר געגעבן פליגל,
נאָר מיינע ברידער,
בלוט פון מיין בלוט,
גליד פון מיינע גלידער
(מיט א גוטן מיין)
באצירט מיינע פליגל

מיט אזויפיל (אומנויטיקע:) געוויכטן; —
גאָט דערהער מיין געוויין
מיינע ברידערס גוטער מיין
וועט מיך פארניכטן. —
א גאָט.. באפריי מיינע פליגל
(פון דער באצירונג,)
פון די געוויכטן...

ווערטער פאראן —
רייד :
רינגען
פון דער קייט,
ווילן דיך פארשמידן ;
און ווען —
אַ פארשמידטער
פארפלאָנטערט,
פארדרייט
(מע וועט דיך טרייבן)
ווען שפּילן
פידל
און פלייט, —
מע זאָל ניט הערן
דעם פייף
פון די ריטער,
דעם געבראזג
פן דער קייט.

ווערטער פאראן,
רייד
זאָמען — סם
פארזייטע ; —
נעצן געדיכטע
שטילערהייט
אונטער טריט
דיינע
געשפּרייטע
ווערטער פאראן
מע טשעפּעט זיי צו
צו דיר —

ריידער,
שרויפן,
וועסט זוכן
און ניט געפינען
קיין רו.

ווו מע וועט טרייבן,
אהין
וועסטו לויפן.

אָ גאָט! גורל!
היט מיך פון אזעלכע ווערטער,
פון אזעלכע רייד.

ווען מיר ווערט אומעטיק, שווער,
זינג איך, — מיין קול כאָטש הערן.

דאָס אויג, דאָס הארץ איז מיד,
נישט הערן מער וויל מיין אויער,
פון די יונגעביימער פאלט דער צוויט,
אין שטויב ער ווערט — טרויער.

דער שפיץ פון בעריאָזע יונג, בויגעוודיק שלאנק
ברענט אין זונפארגאנג אין שטילן.
אזוי ברענט איצט מיין געדאנק
אויפן שייטער פון געפילן.

אוןביים טויער פארמאכטן — דער הונט
מיט מויל אָפענעם גרייט צו בילן,
די לבנה גייט אויף — אן אומהיילבארע וווּנד,
קיינער קאָן איר ווייטיק נישט שטילן...

און איך ביים טויער, די נאַכט באגעגן,
דאָס אויג און דאָס הארץ איז מיד,
אויף דער נשמה, ווי אויף דער ערד נאָך א רעגן,
אָן סימונים פון ערשטע טריט...

פאר ל. פ.

ווען קומען וועל איך
צו דיין שוועל,—
אַלצאיינס
דו וועסט
ניט זיין...?

וועסט ניט זיין.

און ווען דו וועסט זיין,
אלצאיינס
דו וועסט ניט זיין,

וועסט ניט זיין.

וועל איך אַוועקגיין
ווי איך וואָלט קיינמאָל,
קיינמאָל
ניט געווען דאָ,
ווי דו וואָלסט קיינמאָל,
קיינמאָל
ניט געווען דאָ?!

...און דאָך—
דו וועסט נאָך לאנג
אומאויפהערלעך,—
אפשאר אייביק
לעבן
אין מיין דמיון...?
און דו —
וועסט זיין—
ווען איך וועל
שוין ניט זיין...?

ווען איך וועל שוין ניט זיין.

פאר ל. פ.

פון זינט טרערן געטריבט
דיינע אויגן —
מיינע טרערן
אין דיינע אויגן —
דיינע טרערן
אין מיינע אויגן.

איצט שוין פוסט —
מיינע אויגן —
א טייך
נאָך אלץ פארלענדטער
טריקעניש.

זיינען מיר טרערן־קרובים
אומצעטיילבאר,
אומצערייסבאר —
אויף אייביק פארבונדן.
מיין הארץ,
מיינע אויגן —
וווּנדן —
א טייך
פארצויגן מיט אייז,
פארשאָטן מיט שניי.

און אויפן דנאָ
פון טייך —
איך און דו —
דו און איך —
פארצויגן מיט אייז
פארשאָטן מיט שניי.

אָ דער עבר..

ווּיפל מענטשן ווייסן ניט :
. . . מיר געשענקט אזויפיל פרייד,
ווען כ׳האָב זיי באגעגענט
און שטילערהייט,
שטומערהייט
מיטגענומען
מיט זיך זייער געזיכט —
און עס געטראָגן —
דורך דער פינסטערניש —
א ליכט.

...דוכט זיך שוין אינגאנצן פריי,
נאָר סייווי — אלץ נאָך אין תפיסה־קאמער,
גיי איך לעבן דער תפיסה פארביי,
לעבן דער תפיסה — סערפּ און האמער: —

דוכט מיר: איך הער א קייכן און הוסטן,
און געשרייען פון פרויען:
— „ניט אין די ברוסטן!
ניט אין די ברוסטן!"
(די געשרייען ניט איינמאָל געהערט,
די פרויען געפייניקט אויפן פארהער,
און איצט — וווּ איך שטיי און גיי
הער איך זייער געשריי.)

דוכט זיך שוין אינגאנצן פריי,
נאָר סייווי — אלץ נאָך אין תפיסה־קאמער,
און גיי איך לעבן דער תפיסה פארביי —
לעבן דער תפיסה — סערפּ און האמער;
צוים איך א ווײַלע מײַנע טריט:
— ווער ליגט איצט געשמיד
אין קייטן, אין קאמער, טאקע דאָרט
אויף מײַן אלטן אײַנגעלייגערטן אָרט,
אויפן אייזיקן, פארזשאווערטן,
צום דיל צוגעשמידטן בעט,
וואָס האָט סקריפּעדיק צו מיר גערעדט,
אויף פראָסט שטום־לשון,
מיר דערציילט,
וויפל לעבנס,
וויפל נשמות
(אויף אים)
זיך אויסגעלאָשן.

הערץ ריווקין־גייסינער — דעם בעסאראבער דיכטער געהייליקט
(פארפייניקנט אין עקיבאזטוז, צפון־קאזאכסטאנער לאגער 1951)

אייביקע גרינקייט,
אין־סופיקע ווייט —
אייביקע נאָענטקייט
אין־סופיקער בייט ; —
אין אייך אופגיין,
אין אייך פארגיין,
זיין דער וואָרצל
און אויך דער שטיין,
ניט געריירטער פון אָרט,
זיין דאָס שווייגן
(פון תוהו — ובוהו)
און אויך דאָס וואָרט
אויף די לוחות פארקריצט ; —
זיין דער דונער
און דער בליץ ;
און זאָמען
און פרוכט ;
דעם זאָמען געזוכט,
געפונען,
נאר אים פארזייען
האָב איך ניט וווּ, —
וואנדער אין וואָגל,
אָן פרידן, אָן רו,
אין שטורעם און האָגל
מיין זאָמען צעווייט,
פאר וועמען געאקערט,
פאר וועמען געזייט ? !
ליג איך א צווייג,
געבראָכן, אָן בלי,
פענטעט די שטייג
פליגל־פלי.
און מיין יעדער טראָט
צו שאנד און שפּאָט.

דער דאָקטער און דער חולה

...ווער איז מערער קראנק,
דער דאָקטער, צי דער חולה? —

קוקןביידע אָן זיך לאנג,
און בלייבן טיף פארהוילן.

דער חולה רעדט, דער דאָקטער הערט,
נישט דאָסזעלבע ביידע הערן. —
איין אויג גליט, דאָס אנדערע טרערט,
דער דאָקטער קנייטשט דעם שטערן.

דער דאָקטער דעם חולה לאנג באטראכט. —
די פענצטער ברענען בלוטיק רויט, —
און צווישן זיי — א אָפּגרונט — נאכט,
צווישן זיי — דער טויט; —

טונקל, שווער זיין שאָטן פאלט
אויף אלץ, אויפן דאָקטער, אויפן חולה.
ביידע נעבעך קראנק, אלט
(און איינער פון צווייטן)
טיף פארהוילן.

איך — א קליין טייכעלע,
איך טראָג
און טראָג דעם ים
אומאויפהערלעך
אלץ וואָס איך פארמאָג,
אלע מיינע אוצרות:
מיין גאנצן הימל;
ראָזעווע און שאפירענע
און פלאמענדיקע וואָלקנס,
און אלע מיינען, זיי פולן אויס
מיין פוסטקייט,
נארישע! זיי מיינען,
אַליין — אָן מיר
זיי זיינען עפעס —?

איך — א קליין טייכעלע
איך טראָג
און טראָג דעם ים
אלץ וואָס איך פארמאָג,
אלע מיינע אוצרות:
אויפגייענדיקע און פארגייענדיקע
זונען און לבנות.
וואָס מיינען, (געהערט אזוינס!)
זיי באשיינען מיך?
ווערבעס, בעריאָזעס,
דעמבעס און טאָפּאָלן, וועלדער
(וואָס קיינער ווייסט ניט
וווּ זייער אָנהויב, וווּ זייער סוף!)
און זיי רוישן, וויגן זיך
און קלאָגן זיך: זיי איז ענג
אין מיר; —
זיי מיינען, זיי זיינען עפעס
פאר זיך אליין,
נארישע! זיי וואָלטן דען געווען —
אָן מיר..?

א ביימל — א קאַליקע

ארום אזויפילביימער
מיט שיינקייט
ניט אויסגערעדטער —
רייך
און אויפן בארג
ביים סאמע ברעג
פון טייך
א ביימל
א קאליקע —
א הויקער,
צעקרומט,
צעדרייט.
דוכט: עס האָט די „פאליקע"
ציטערט,
קרעכצט
שטילערהייט.

אויף די צעקרומטע
(ווי געשטיקעוועטע)
צוויי שטאמען, —
צווייגעלעך,
ציטריק־דין.
און ווייטעקלעך ליב
האָט די ערד —
די מאמע
איר נישט געראָטן קינד.

דער הימל, די זון
ניט קארגן
קיין שטראלן, —
די ערד —
קיין זאפט —

קיינער,
קיינער טראכט:
פארפאלן
גייט אזויפיל קראפט..?

פארחלשט —
מיד
ווי פון א ווייטן וועג,
אויף אים די פייגל
קיין נעסטן
ניט בויען; —
אָט, אָט וועט עס שפרינגען
אין טייך, —
א בליק —
א לעצטן
אויף הימלישע בלויען.

איך הער זיך איין
אין זיך אליין, —
וואָס שעפטשען
מיינע ליפּן!
אין פלאָנטער,
אין ווירבל
בלייב איך שטיין:
— שוין דורכגעזיפּט
דורך אַזויפיל זיפּן,
דעם ארום —
און זיך אליין.

איך ווייס: איך בין ניט אָרעם,
ניט רייך; —
פיל פארלאָרן,
און געפונען
אויף די וועגן: —
א טיפער,
א מוטנער,
אומרויקער טייך,
אים איז ענג,
גיסט זיך — גיסט זיך אויס
אויף די ברעגן.

איך לאָז זיך אראָפּ
אויפן אייגענעם
דנאָ, —
צום אָפּגעזעצטן
אין ווירבל פון די יאָרן...

יעדעס זעמדל — רגע,
יעדע פארשטיינערטע שעה
אלץ געפין איך ?
די טעג —
די ריפן,
די פעלדזן,
די אייזבערג —
די טעג, די נעכט,
די קאיאָרן ;

און די שליימען —
פון דנאָ ביז דער פלאך, —
פון דער פלאך ביזן ברעג,
די שליימען ווי נעפלען
טריבן
מיין לויטערע טיף ; —
די שליימען,
די אייזבערג
די פעלדזן,
די ריפן —
דער טויט —
די אונטערגעגאנגענע
שיפן.

ליגט אויפן וועג
אַ צווייגעלע —
גלאַנציק גרינע
בלעטער:
— צווייגעלע,
קליין צווייגעלע,
איך קאָן ניט זיין
דיין רעטער,
איך ווייס ניט
פון וועלכן בוים
דו ביסט,
ווי דיך —
צו אים באַהעפטן,
צי וועט דער בוים
דיך צונעמען,
דיר שענקען
זיינע קרעפטן?
אויב זיין וועט ער —
— אַ שטיפטאַטע,
פון זיך וועט ער
דיך טרייבן,
וועט סייווי,
סייווי
(אויף דיר)
דיין גרינקייט
ניט פאַרבלייבן; —
שורשען
וועט דער בוים
אויף דיר
(מיט אַלע
זיינע
בלעטער:)

„— ווער איז צו מיר
פאַרקראָכן ? !"
... פאַרשאָלטן
זאָל זי זיין
די האַנט
וואָס האָט אונדז —
אָפּגעבראָכן.

איינמיטן פעלד אביימעלע

פאר העניע אקסלעראָד.

אימיטן פעלד א ביימעלע — איין אליין.
אין שניי, אין אייז, אין שטורעם־ווינט
קיינער, קיינער קומט צוגיין; —
נאָר די זון די איינציקע, דאָס ביימל ניט פארלאָזט,
אין וואָלקנס, שניי און שטורעם־ווינט,
אין גליווערדיקן פראָסט.

און ווען זון און הימל לויטערער,
די גרינסן (די ערשטע) ניט באטראָטן,
צום בוימעלע א סטעטשקע, (טרעט אויס) א וואנדערער
און ער בענטשט זיין שאָטן; —

דרעמלט אין גראָז דער וואנדערער,
דאָס טלומעקל צעקאָפּנס,
טריפן פון די צווייגן
ווינטיק קילע טראָפּנס.

רוט זיך אויס דער וואנדערער,
האָט א גוטן חלום —
בענטשט ער שטיל דאָס ביימעלע
און גייט אוועק בשלום.

שטייט אין פעלד דאָס ביימעלע —
איין, אליין — פארלאָזן,
הערט, עס שעפּטשען
ארום אים די גראָזן:
— „שטארק זיין שטאם, הויך זיין שטאם,
גרעסער נאָך זיין שאָטן,
וויפל זון ביי אונדז גערויבט,
וויפל אונדז צעטראָטן..״

ווערט אומעטיק דאָס ביימעלע,
א ביימעלע ? (וואָס קאָן א ביימל טאָן ?)
רוישט מיט אַלע בלעטער,
פרעגט ביים רויטן מאָן :
— „דו ביסט מאָן — דער שענסטער,
דער קליגסטער אויפן פעלד !
אין דיין קעפּל פינטעלעך.. — (א גאנצע וועלט)
און איין אליין ווי איך, שטייסט אינמיטן פעלד."

ניט געגעבן דער באשעפער
דעם רויטן מאָן קיין צונג ; —
(נאָר פינטעלעך...) און דער מאָן דער שווייגער
ענטפערט מיט א ווונק.

נאָר דאָס בוימעלע, עס ווייסט ניט
וואָס דער ווונק באטייט,
מיינט : ניט ריידן וויל דער שטאָלצער
מיט קיין פּראָסטע לייט.. ?

נאר די זון די איינציקע,
אלצדינג זעט און ווייסט,
נאר די זון די איינציקע —
דעם ביימלס פרייד און טרייסט..

שטייט אין פעלד א ביימעלע,
פארלאָזן און אליין,
די זון אין זיינע שפּיצן וועט אויפגיין און פארגיין.

כאפסט זיך אויף פארטאָג:
אויף די וויעס
פון דיין קינד —
א הימלישער חלום.
און איבערן וויגל
הענגט די וואָג —
די גורלדדיקע וואָג, —
(פון מלחמה און שלום)
דאָס קינד —
אין שלאָף
רויק אָטעמט,
דאָס צינגל —
פון דער וואָג
ציטערט קוים,
און די געוויכטן
הענגען אין חלל
שווערע — א געוויטער.
און די ווייזערס — בלינדע
דרייען זיך, דריין זיך
אין קרייז,
זוכן און זעען ניט
די ציפערן —
די מיילנשטיינער.
און א אויסגעשטרעקטע האנט
פון א פארשמאכטן, —
דער צווייג אין פענצטער —
(פונעם פארדארטן בוים.)
און אויף די בעקלעך פונעם קינד
א ראָזעווער הויך —
די בין־השמשותן,
די שקיעות.

געבורט

מיין טייערער טאָכטער וויטא

פון דער מוטער־טראַכט
ביזן ערשטן שפּאַן:—
(א נאכט, א לאנגע נאכט)
א וועלט,
א גאנצע וועלט פאראן.
און אין אָט דער וועלט—
דאָס קינד — איין אליין,
איין אליין
מיט זיין געוויין.

פון דער מוטער־טראכט
ביזן קליינם וויגל
מוז דאָס קינד א פלי טאָן
(דורך דער נאכט)
מיט די צארטע פליגל,
און דער וועג—
האַרב און שווער,
גיט די מאמע מיט
אויפן וועג א טרער,
און די טרער לויכט אים
אין דער פרעמדער וייט
קרומט דאָס קינד און ווארפט זיך
וויינט און שרייט,
ווייל דאָס קינד זיך ראנגלט,
ראנגלט איין־אליין ;—
פון דער מאַמעס ברוסט
ביז די ערשטע ציין,
פירט א וועג א שווערער
דורך א הארבער וועלט,
און די מאַמע ווייסט נישט,
די מאַמע קוועלט :

— גערעטן דאָך דאָס קינד,
קלאָר אזוי און שיין.
נאָר פון אלץ — אינדערלופטן
(קאָן בלייבן)
בלויז א געוויין ; —
א געוויין א שטילער,
ביי דער מאמעס ברוסט,
און די וויג די צארטע
עלנט, שטום, פוסט.
און וואָס די מאמע ווייסט נישט —
דאָס איז זייער גוט,
די מאמע וואָלט אינגאנצן
אָפגעגאן מיט בלוט ;—
זינגט די מאמע, וויגט
אין די שטילע נעכט,
און דאָס קינד — זיך ראנגלט
אין א גרויס געפעכט,
אין געפעכט פאר בליען,
פאר לעבן און זיין,
אין דעם צארטן וויגל
אויף ווינדעלעך פון ליין,
און סיי פרייד, סיי וויטעק—
דער ערשטער צאָן,
ביי דער מאמעס ברוסט
הויבט די וועלט זיך אָן.

בלייב איך אזוי שטיין
אינמיטן גאס ;—
ביי קיינעם,
ביי אלעמען
פרעגן :
וואהין לויפט איר אזוי
און איילט,
ליגן דאָך נעצן
אומעטום
אויף די וועגן,
און איר פלאָנטערט זיך
אין זיי
און פאלט,
פיל מער, פיל מער
ווי די חיות
אין וואלד ! !

...און ווייל איר האָט פארלאָזט די ערד,
געדינט דער וואָג,
(אָ ווי וואָג און געוויכטן אייער טרוים !)
איז אייער יעדער טאָג —
א אייזערנע קראטע פון דער שטייג
וו מע האָט אייך, וו איר האָט זיך אויך אליין פארשפארט.
געזעגט, אָפּגעזעגט (אונטער אייך) דעם צווייג
(וו געזעסן,)
און אייער תורה —
די סטשורעס
און מייז
געפרעסן...
און ווייל איר האָט פארגעסן,
אייער ערד
אין לאנד,
אין הייליקן לאנד,
וועט אייך נאָכגיין
די שווערד
ביז איר וועט ווידער
אקערן,
זייען,
און באפרוכפערן,
די ערד.
אין אייער לאנד,
אין הייליקן לאַנד.

חלמישן — מיין יוגנט־פריינט.

וווּ איז מיין וואָרצל,
וווּ — מיין ערד,
וווּ מיין צוויט
און וווּ מיין פרוכט ? —
אַזויפיל,
אַזויפיל יאָר
(איך גיי)
אויף דער שאַרף
פון דער שווערד !
איך האָב זי
און זי האָט מיך
געזוכט. —

וויי, וויי, געדינט
אַ פאַלשן גאָט : —
שווינדלדיק
געוואָרן,
אין ווירבלדיקן
קלעטער ;
אויף חורבות
איצט פלאָנטערט
מיין טראָט,
ווער, ווער וועט זיין
מיין רעטער ? —

(וווּ מיין פריינט)
נעמען כוח,
מוט,
אָנהויבן פונסניי,
פון אלף ; —
ווען אין יעדן
טראָפּן
פון מיין בלוט
גליט נאָך
דער אָפּשיין
פון חלף ? —

מדינת ישראל צען יאָר

מדינת ישראל —
צען יאָר!

און טרוים,
טרוים —
וואָר!
און ביי מיר
שוין ווייס
די האָר,
ווייס, ווייס,
שניי. אייז.
און איך —
ניט פאַרזעצט
דאָרט
קיין איין בוים —
ניט געטרוימט
דעם צווייטוויזנטיאָריקן
טרוים;
ניט צוגעלייגט
קיין האַנט
צו מיין אייגענעם,
מיין יידישן
לאַנד —
נאָר צו אַ בנין
אַ פרעמדן
געטראָגן שטיינער...
איצט —
געבליבן איינער,
איינער אַליין
אויף דער וועלט
דער גאָרער;

פון אַלץ און אַלעמען
פאַרגעסן: —
אַ סטראַשידלע
אויפן האַרבסטיקן
פעלד,
פון וואָראָנעס,
און ראָבן
צעפּרעסן . . .

א. ר.

וועך געבאָרן
די ליד
בלויז אין אָנשטרענג
פון מוח,
זאָל אפילו דער מוך —
זיין א פולער שייער.
אזא ליד —
בלויז א רויך,
א רויך —
אָן פייער.

אַ אומבאַקאַנטע

די יונגע פרוי —
טראָגט אין זיך
אַ זאָמען
פון א נייעם לעבן,
פלוצים אַ כאַפּ זיך פאַרן האַרץ,
הויבט צום הימל די אויגן, —
און פון אירע אויגן
עפּעס ארויסגעפלוינן...
די יונגע פרוי, —
פאַר איר, מיין קאָפּ,
מיין גרויען געבויגן.

איר האַרץ
אויפגעהערט שלאָגן,
כ׳האָב זי געטראָגן
אויף מיינע הענט
צו איר טיר.
און —
דאָס נישט געבאָרענע לעבן
אין איר...

די יונגע פרוי —
מיט פאַרמאַכטע אויגן,
פאַר איר
מיין קאָפּ, מיין גרויען
געבויגן...
און עפּעס פון איר
(און פונעם ניט געבוירענעם לעבן)
געבליבן אין מיר.

„אַליין, אליין
ווי א שטיין
אַליין.״
. . . .
. . . .
און מיר, די מענטשן,
וואָס אונדז האָט גאָט
דאָס וואָרט געגעבן
פון פייער־פלאמען
האָט דען פאראַייניקט
אונדז — דאָס וואָרט,
געבראכט
אונדז רו און פרידן ?

אליין, אליין,
וואַהין וועגדן
מיינע טריט, —
צו וואָס צולייגן מיינע הענט,
וואַהין גיין ?
פארגליווערט בלייב איך שטיין.
צי אין דעם שטיין־בלייבן —
פאראן שוין אויך דאָס ווייטער־גיין ?
און וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין שכל,
מיט מיין האַרץ,
מיט מיין האַס,
מיט מיינע הענט,
מיינע אומרואיקע הענט,
וואָס רייסן זיך פון פענט,
פון קרייז,
פון אייז,
פון אייביקן אייז ?

וואָס עס האָט צו זיין,
זאָל זיין, זאָל זיין.
ווי קאָן מען לעבן אָן שיין,
אָן ליכט,
אָן ליכט.
פון געוויסן. —
שוין אלע צאמען
צעריסן?
זאָלן שטשירען אויף מיר די ציינער
אלע, אלע שונאים.
(איך האָב דען שונאים?).
איך דארף נישט קיינעם,
איך קאָן לעבן אליין. —
מיר איז גענוג דיין פנים
דיינע אויגן, דיינע ליפּן,
דיין שמייכל
(איך בין א ריפּ פון דיינע ריפּן).
איך לעש אויס מיין פארשטאנד,
מיין נארישן פארשטאנד.
און מיר איז גוט,
איך פיל דיין שיינע,
דיין צארטע,
געבענטשטע
האנט.

דער מענטש ווערט געבוירן
אין א וועלט —
וווּ עס טונקלט,
און העלט
דער מענטש ווערט געבוירן
מיט דער זעלבער (?) ראיה,
ווי מיט צוויי,
ווי מיט דריי טויזנט יאָר צוריק?!
ביי דער מאמען,
ציטערן די וויעס.
צוקאָפּנס ביי דער וויג,
און איבער דער וויג, —
דער שאָטן פון א תליה
פאלט און ציטערט
און פארשווינדט.
דאָס קינד
איז זעעוודיק, צי בלינד?!
גאָט מיינער, זעעוודיק,
ווי מיט טויזנטער יאָר צוריק —
און די אייביקייט
וועט דורכבויערן זיין בליק.

דיר און ניט דיר...

דו ביסט אַזוי ריין —
אַ וואַלד־קוואַל,
דו ביסט אַזוי שיין —
אַ וואלד־קוואַל.
און איך אַ הירש —
אַנטרונען
פון געיעג —
מיין דאָרשט
צו דיר
קום איך שטילן:
פאַרדרייט,
ווירבלדיק
מיין וועג; —
און עס מאָלן
און מאָלן
די מילן;
צעמאָלן
עפּעס מיינס..
עפּעס דיינס..
אָ וויפל נאָך בערג!
וויפל נאָך טאָלן!
וויפל נאָך וועגן!
און די מילן
מאָלן
און מאָלן
און צעמאָלן
אַלץ,
אַלץ,
וואָס מיר
האָבן צו זאָגן,
און צו פרעגן (? —)
און דאָס מעל
צעזייט
דער ווינט; —

פון דעם מעל
(מע דאַרף)
זעעוודיק ווערן
און ניט בלינד?!
און פון אַלץ,
פון אומעטום
קום איך צוריק
צו דיר,
צו דיר. —
ווייל דו ביסט אַזוי ריין —
אַ וואַלד־קוואַל,
ווייל דו ביסט אַזוי שיין —
אַ וואַלד־קוואַל.

בעט זיך דער קארשנבוים:
— „איך בין פון שאָטן שוין מיד, —
אין דיין ליד איז שטענדיק זוניק,
נעם מיך אריין אין דיין ליד; —

מיינע קארשן — בלייבן גרינע
ווערן קיינמאָל ניט ראָז,
פארגליווערטע, ביטערע מינעס,
שטיינדלעך, שטיקלעך גלאָז.״

בעט זיך ביי מיר דער ווײַנשלבוים:
— „נעם מיך אריין אין דיין ליד,
אין דיין ליד איז שטענדיק זוניק,
וועל שטענדיק זיין איך צעבליט;

מיינע ווײַנשל צײַטיק ניט ווערן,
קיינמאָל ניט פּורפּור — רויט,
דער מאָרגנטוי, טרערן
אויף בלייכער, אייזיקער הויט.״

אָ קארשנבוים, ווײַנשלבוים,
א שאָטן ווארגט איצט מיין ליד
אָ קארשנבוים, ווײַנשלבוים,
א שאָד, א שאָד אייער צוויט.

... „אָ זינגער טייערער זינגער,
אומעגלעך פארגעסן דערפון
ווען דיין ליד
געווען געבענטש׳ט,
געוועבט פון לויטערער זון.״

האַרבסט

פאַר העניע אקסלעראָד

די זון פאַרגייט
אויף מיינע אויגן,
די שוואַלבן
אַוועקגעפלויגן
די נעסטן
פּוסט, פארלאָזן; —
ווערט אויסגעקילט
דאָס ביסעלע היי,
דאָס ביסעלע גראָזן
(וואָס זיי – זיך)
אויסגעבעט.

שטיי איך אַזוי
אין דורכזיכטיקן
בלוי
פון דער דעמערונג; —
שטיי איך אַזוי
ביז מיך הילט איין
די נאַכט,
און איך קלער
און טראַכט
פון די שוואַלבן —
זייער גליקלעכן,
פרידלעכן לעבן —
פול פון בענקשאַפט —
שטרעבן
צו אַזאַ לעבן.

איציק מאַנגער

דוכט געווען שוין דאָ אויף אָט דער ערד
און צוריק אַהער זיך אומגעקערט:
אַלץ ווי געווען (דאָך אַזויפיל נייס)
נאָר אַלץ — נאָך אַייז,
אייז
און ווידער אייז
ווייס, ווייס.
גליטשט פלאָנטערט זיך מיין טראָט,
דריי איך זיך אין זעלבן קרייז; —
און ווו איז גאָט
אין אָט דעם קרייז,
אין טראָפּן זון,
צי אין קרייז
פון אייז?

ניִשט יעדער,
וויִ וויִיניק —
ווערן זעעוודיק
געבאָרן.
פּיל בלייבן
בלינד
אסך,
אסך
(אָדער) אלע,
אלע יאָרן;
טאפּן
אינדערפינצטער,
באַטאַפּן
א סלופּ,
א הויז
א פּלויט,
א בוים.—
(זעען ניט גאָרניט)
און אויף א רגע
בלויז
קוים, קוים,
קנאַפּ קנאַפּ,
פארן טויט
דערזען זיי אלץ!
ווי פון שווינדליקער הויך,
ווי דורך א רויך
און דאָס געזעענע:
די דערלייזונג.—
דער טויט.
און יענע—
ווענען די גסיסה

אפילו
אויף איין אויגנבליק
ניט זעעוודיק
געמאכט,
יענע—
בלויז שיין־טויט ;—
זינקען אראָפּ,
בלאָנדזשען ווייטער
אויפן דנאָ
פון דער נאכט.
וועלן זיך אומקערן
צוריק
פארשמאכטע
נאָכן אויגנבליק,
נאָך יענעם אויגנבליק . . .

ווער האָט צוזאַמען
מיטן לעבן
אונדז געגעבן
דאָס מעכטיקע שטרעבן.
פארהיטן
דאָס לעבן
פאר יעדוועלכן —
פרייז ! !
צי ניט דאָ ליגט
דער באווייז,
(באהאלטן—)
דער דעמאָנישער
מיין !—
און דער מענטש
אים טראָגט
אויפן האלדז—
א שטיין,
און אונטער זיין לאסט
זיך ברעכט,
און איז זיין קנעכט ! !

דער טורעם פון בבל

פאַר הערש סעגאַל

דעם טורעם פון בבל
מע בויט נאָך, מע בויט,
אויף אים שיקט
דער הימל
אלע זיינע בליצן;
טאָג און נאכט,
נאכט און טאָג
אויף זיינע שפּיצן
די וועכטער
וואכן;
און די זאכן,
פונעם מענטש
אויסגעטראכטע
אויסגעפורעמטע
זאכן, —
אין זיי די זון
זיך שפּיגלט —
גאָטס אויג.
און די זאכן
לאכן,
לאכן...

דעם טורעם
פון בבל
מען בויט נאָך,
מע בויט...
אויסגעמישט
אלע שפּראכן,
אלע לשונות,
אלע רעיונות,

עס שאַריעט נישט
אויף טאָג,
נאָר עס טונקלט
און גרויט ;
ווער עס בעט ציגל,
באַקומט — ליים,
ווער — ליים, באַקומט ציגל ; —
און ביים קינד
אין וויגל —
געפּענטעט
שוין די פליגל.

דעם טורעם
פון בבל
מע בויט נאָך,
מע בויט
און אויף זיינע שפּיצן —
די פאָן,
די שוואַרצע —
די פליגל
פון טויט..

ס׳איז אַלץ נאָך נאַכט,
טיפע נאַכט...
נאָך א שלאַכט,
און ווידער אַ שלאַכט.
ס׳איז אלץ נאָך נאכט
טיפע נאַכט...
דער מענטשלעכער מוח טראַכט
און טראַכט,
וואָס האָט ער אויסגעטראַכט.—
נאָך אַ באַווייז,
און ווידער אַ באַווייז ?
(סײַוױ ווייס איך אַלץ נישט
ווער איז מיין פריינט
און ווער מיין פיינט ?)
ס׳איז אלץ נאָך אייז,
אייז...
נאָך אַ מאַשין
און ווידער א מאשין,
וואהין, וואהין
פירט די מאַשין
וואהין, וואהין
קיין טרעמבלינקע,
קיין אָשוועגצים ?—

...איך אָטעם נאָך,
איך רים זיך
מיט מיין שלעכטן זכרון. —
איך קאָן אָן א שיעור,
אזויפיל,
אזויפיל פארגעסן.
איך גיי ווי דורך דזשונגלען
דורך געפלעכט
פון יאָרן,
און מיר דוכט:
שוין צופיל
אויף דער ערד
זיך פארזעסן.
און דערווידער
דער שיינבארער
וואנדל און בייט,
איך דערקאָן אים שוין גוט
אין אלע גלגולים
און קליידער.
און די צייט —
די שפינגעוועבן
פון דער צייט
און מיין שטים —
א פארקלעמטע,
דערוואָרגענע
צווישן די ריידער.

דער וואָרעם

(פנחס ראַבינאָוויטש — דעם נסתר ז״ל געהייליקט)

ציט צו מיין אויג, רופט
ניט נאָר אלץ וואָס מעכטיק און שיין:
דער פויגל דער פרייער אין לופט, —
דעם וואָרעם אונטערן שטיין.
ציט, ציט זיך מיין גוף
לעכצט אין מיר אלץ און שטרעבט,
אהינצו, אהינצו ארויף
צום פויגל וואָס פלאטערט און שוועבט,
אזוי פריי, גרינג וויל איך זיין
און שוועבן אין זוניקער שיין,
קיינמאָל — קיינמאָל אויף קעסט
ביי קיינעם ניט זיין; —
ווו איך וויל, בויען מיין נעסט
און שוועבן אין זוניקער שיין.

נאָר אויך באגרייפן וויל איך דעם מיין —
פארוואָס ציט מיך צו דעם וואָס פארפרעסט
ער ליגט דאָרט אונטערן שטיין.

מיט אימפעט איך כאַפ דעם שטיין,
אָט ליגט ער שוין איבערגעקערט.
די זון וועט אויפגיין, פארגיין,
און צוגעשמידט צו דער ערד,
וועט ער ליגן אין זיין פינצטערער נעסט,
אין אייביקער בלינדקייט פארפרעסט.

און נענטער אלץ נענטער קוק איך זיך איין,
צום וואָרעם קוק איך זיך איין:
ווי ער קאָרטשעט זיך,
דרייט זיך,
א געבלענדטער פון זוניקער שיין;
איך האָב קאָן זיין, זיין רו אים צעשטערט
פארקריכן זיך וויל ער אונטער דער ערד, —

ווי נעבעכדיק, ווי שוצלאָז, ווי קליין,
זיין רו געפינט ער אונטער א שטיין.
און אזוי איך זאָג צו זיך אליין:
איך וועל ניט אוועקלייגן דעם שטיין
אויפן איינגעלייגערטן אָרט.
און אויף מיינע ליפּן גליווערט דאָס וואָרט.

מיט געפילן מיט שווערע לאָז איך זיך גיין,
נאָר פּלוצים איך שטיי ווי געפּלעט:
אזוי קלאָר און דייטלעך איך הער א געוויין,
איך הער א געבעט; —
דער וואָרעם מיך בעט:
איך זאָל צוריק אוועקלייגן אויף אים דעם שטיין.

מיט טרויריקן, מיט באשווערטן געמיט
איך שטיי אזוי, ווער ווייסט ווי לאנג.
צום וואָרעם מיין בליק צוגעשמידט
אין מוח א בליץ, א געדאנק:
...אפשר קוקט עמעץ אויף מיר אויך אזוי
פונעם אומענדלעכן, לויטערן, הימלישן בלוי,
פון מיר ער לאכט און קוועלט,
ווייל איך גיי אזוי ארום אויף דער וועלט,
און פיל ניט, הויב ניט אָן צו פארשטיין
אז איך, יאָ, יאָ, אויך איך אליין,
ליג אויך אזוי אונטער א שטיין...
און ער הויבט אויף איבער מיר דעם שווערן שטיין
און ער קוקט זיך אין מיר איין,
ווי איך קאָרטשע זיך,
ווי איך דריי זיך,
א געבלענדטער פון זוניקער שיין...
און מיר ווערט אזוי שרעקלעך,
אזוי שווער,
מיר דוכט, דייטלעך
און קלאָר — איך הער.
יאָ, יאָ, איך הער, — איך אליין,
איך בעט, איך וויין,
מען זאָל צוריק אוועקלייגן אויף מיר דעם שטיין...

צי איז שולדיק
אין אַלץ
די ערד, —
צוליב איר —
בלוט אַזויפיל,
פאַרגאָסן ; —
געשענקט ברויט,
ווייַן, אייזן
(צו מאכן אַ אקער, א שווערד ?)
די ערד —
קיינמאָל, קיינמאָל
גאָרניט פאַרשלאָסן ?
דער מענטש —
דעם שלאָס
אויסגעטראַכט,
,,און יעדער מוחט : —
א שליסל —
זיך מאכן. —
דויערט, דויערט
דער געראַנגל,
די שלאַכט, —
די שלאַכט —
פון די אויסגעמישטע
שפראַכן.

ווער האָט, ברודער,
צווישן דיר
און מיר
פאַרשלאָסן
די טיר,
און אויפגאהאנגען
א שלאָס —
א שלאָס
פון פאַרדראָס ;
ווער, ווער,
ווער פוצט זיך
אין אונדזער
טרער ?

„...יעדער וויל עסן צו זעט
און שלאָפן אין אייגענעם בעט,
יעדער גאַרט צערטלען אַ פרוי
און קעכלען אַ קינד,
פאַר דער צייט
ניט ווערן גרוי; —
(ער צאָלט דערפאַר,
ער איז שטום און בלינד.)
כאָטש ער הערט אַסך און זעט.
אפשאַר ניט אַזויפיל ווי איך או דו —
ער וויל שלאָפן
אין זיין אייגענעם בעט
היט ער זיין אינדזעלע רו.“

מלפה האָריקע,
אויף אלע פיר קריכנדיקע,
ווו דו ביסט, ווער דו ביסט
דאָס פארבלייב ; —
(א גוף אָן ביינער)
און אפילו אין לאנד
וואָס האָט דיך באשאפן
ביסטו אויך א שקלאף
פון שקלאפן,
(צווישן שקלאַפן.)
מיר גייען ביידע
אויפן סאמע ראנד
(דו אויף איינעם
איך — אויפן צווייטן)
דו פארפּוצט —
איך — אין קייטן.

צו איינעם א דיכטער

(איך טאָר ניט...דערמאָנען זיין נאָמען)

ווי קאָנסטו שווימען —
אומעטום ווירבל,
און דער ווירבל
דרייט דיך אַריין.
אין געדריי,
אין געראַנגל,
דו זעסט נישט
די ליכטיקע שיין;
ווי קאָנסטו שווימען —
ווען יעדן טאָג,
יעדע שעה
ציט דיך צום דנאָ
א בליישווערער
שרעק. —
ווי קאָנסטו שווימען
ווען פון ווייטן, פון ווייטן
דו זעסט ניט
קיין ברעג.

ווי קאָנסטו פליען —
די פליגל
אין פלאָנטער,
אין פענט; —
און אַרום,
ווייט אַרום
קיין הימל,
בלויז גרויע,
שוואַרצע ווענט.
ווי קאָנסטו פליען
מיט אייזערנע
רינגען
אויף פיס,
אויף הענט.

ווי קאָנסטו זינגען —
אין גאָרגל
שטיקט —
אַ קנויל,
דו פילסט:
מיט אייזיקע
פינגער
דערוואַרגן
וועט דיך
דער גרויל;
ווי קאָנסטו זינגען —
אָ וויי! אָ וויי —
(געווען ביסט
בלינד.
איצט ליגן מיר
אַרויסגעוואָרפן —
ביינער
פאַר הינט...

דער „געץ" —
נאקעט,
הויל. —
אלע לויבן,
באזינגען
זיינע בגדים.
(ניטאָ, ניטאָ
קיין צדדים!)
פון אזויפיל
ליגנערן,
קרום שוין דאָס מויל; —
מע כאפּט, מע כאפּט
זיך אָן
פאר א שטרוי,
פארן געצס —
פארן זיכערן צד,
א ייד
צו גוי, —
אלע, אלע
ווילן לעבן,
זיין זאט,
און שלאָפן
אין איגענעם בעט;
און דו פּאָעט,
אין דער מיץ
פון הויפנאר. —
(אמאָל דער הויפנאר
געמעגט
זאָגן דעם אמת)
אויף דיין פארשקלאפטן
פאריאָכטן
קאָפּ,

קלינגען די גלעקלעך
נאָר דעם אמת, —
גאָט באַהיט,
טאָרסט אים, ניט זאָגן
(לייכט גיין
צופוס
לעבן א שווערן . . . וואָגן)
דו קוקסט אויך
אריין אין טאָפּ,
אין גורלדיקן טאָפּ ; —
זעסט ניט אויף זיין דנאָ,

דיין ערשטע,
דיין לעצטע,
שענדלעכע שעה,
און דיין געזיכט,
אין שיין פון די ליכט
אויפן לעצטן,
העכסטן געריכט.

צו טיטוסן

פאַר מיין פריינט ייצחק מילשטיין ז״ל.

טיט, טיט, טיט, טיט,
הערסט מיין ליד,
הערסט מיין ליד — ?
דיין געפאַנגענער,
זינגט
ווי א פויגל
אויפן צווייג; —
געוואַרט
אויף דער שטייג
און איך זינג
אין דער שטייג.
טיט, טיט, טיט, טיט
הערסט מיין ליד?!

דיינע אונטערשטופער,
אָנטרייבער,
אונטערלעקער
שטויסן מיך
טרייבן, טרייבן
נאָך דיין זיגערישן
רייטוואָגן —
(די נעבעכדיקע
פון דער הויט שפרינגעניקע
שקלאַפן!)
און איך —
געשמיד אין קייטן,
איך — קאָן אַלץ איבערטראָגן.

און א המון —
אַ ערב רב
צו גאַפן,
שרייען הוראַ,

באַגלייטן
שטענדיק דאָ,
שטענדיק דאָ.

טיט, טיט, טיט, טיט
הערסט מיין ליד,
הערסט מיין ליד — ?

(אל נהרות בבל)
מיך באַגלייטן אויסגעשרייען
פון רוימישע
זין און טעכטער:
אַ שיינער שקלאַף
זינגט צום גראַם
און טראַף
אַלע, אַלע
נאָך מיר לויפן,
אלע, אַלע
ווילן מיך קויפן.
טיט, טיט, טיט, טיט
הערסט מיין ליד,
הערסט מיין ליד — ?

לאָרבער און בלומען
באַצירן
דיין זיגערישן שפּיס.
מע וואַרפט זיי,
וואַרפט, וואַרפט
אונטער דיינע פיס.
פאַלט אויף מיר אויך אַ בלעטל
פונם שאלדיקן זשום,
פון דיין כוואַליעדיקן רום;
קוויק איך זיך מיטן גרינעם בלעטל,
שמעקט פאַרטאָגיק פריש, —
ווינט און טוי.

טיט, טיט, טיט, טיט,
אויף דיר וואַרט אַ זיגערישער,
רייך געדעקטער טיש
און אַ וווּנדערלעך שיינע,
יידישע פרוי
און אויף מיר —
אַ סדום־בעטל,
אַ סדום־בעטל.

א וואָרט אויף אַ פּרץ־אָוונט אין ווארשע 1960

אָ ווײ, אָ ווײ, מ׳וויל מיך פּאַרוויגן. —
גענוג די ליפּן געביסן, געשוויגן,
נאָר טרײ געבליבן מײן שענסטן טרוים,
אפילו דאַן ווען מ׳האָט מיר אין פּנים געשפּיגן;
נאָר שווער, שווער איז זײן פון בוים
אַן אָפּגעהאַקטע צווײג —
האָט אַלץ אין מיר צו זיך אַלײן געשריגן:
באַנטשע שווײג!
באַנטשע שווײג!
איך דאַרף זי נישט, די בולקע מיט פּוטער,
און אויף מײן קאָפּ דעם לאָרבער־קראַנץ; —
איך וויל נישט אויפן קבר פון פאָטער און מוטער
טאַנצן אַ ווילדן שדים־טאַנץ.
מיר האָבן נישט מיט וואָס זיך צו שעמען,
און קומען ווי בעטלער און בעטן אַן ענטפער;
אָדער הכנעהדיק בויגן די קעפּ ווי וואַסאַלן:
— וויפל אומצאַליקע, טײערע, יידישע נעמען,
וויפל העלדישע, יידישע קעמפער
פאַר דער פרײהײט געפאַלן. —
מיר האָבן אַ בכבודיקן, אַ גרויסן חלק
אין דער שלאַכט וואָס האָט געענדערט די וועלט,
די שלאַכט, דער זיג, די פאָן, איז אונדז הייליק,
מיר זי, און זי האָט אונדז אויף די פיס געשטעלט.
אין פײערן אָן שיער מ׳האָט אונדז געשמאָלצן
געקלעמט, געברענט און געשמידט.
איך וויל גײן מיט אַ קאָפּ מיט אַ הויכן, שטאָלצן,
נײט א שטאָלצן קאָפּ פון א ייד;
זאָלן פעלשן וויפל זײ ווילן
די באהאלטענע און אָפענע יידישע שונאים, —
עס הײבן שוין ווידער אויף די קעפּ די פאַרברעכער,
איך וועל נישט באַהאַלטן מײן רײנעם, יידישן פּנים,
נאָר ווירדיק עס טראָגן אַלץ העכער און העכער...

צו געוויסע רעדנער
פון דער טריבונע — פאַרייניקטע נאַציעס

איר רעדט, איר רעט און איר רעדט,
ווי איר וואָלט זיך פאַרוועט אין געוועט,
ווער וועמען וועט פאַריידן די ציין,
ווער (בעסער, ווייטער) וועט באַהאַלטן זיין מיין ; —
ווער אַ זיסערע מאַכן וועט מינע,
און טיפער באַהאַלטן די שנאה,
ווער אין בערג און אין ימען פון רייד
וועט בעסער פאַרדעקן די קייט,
און קונציקער שענדן דאָס וואָרט —
דאָס פייגנבלאַט פונעם מאָרד.

איר רעדט, איר רעדט און איר רעדט,
ווי איר וואָלט זיך פאַרוועט אין געוועט,
און יעדער, יעדער פארשטייט : —
איר ווילט אים דערטרינקען אין רייד,
מיט אייערער רייד פאַרצאַמען אַ ים
נאָר פאַרן אמת ניטאָ איז קיין צאַם.

איר רעדט, איר רעדט און איר רעדט,
ווי איר וואָלט זיך פאַרוועט אין געוועט,
ווער ניט זען וועט ווייטער פון נאָז,
און פעלשן וואָג און מאָס :
אַטאָם, ראַקעטן (און נאָך עפּעס וואָס...)
און איר זעט ניט ווייטער פון נאָז.

איר רעדט, איר רעדט און איר רעדט,
ווי איר וואָלט זיך פאַרוועט אין געוועט,
ווער אַ פלינקערער וועט זיין אַקראָבאַט
אין סאַלטאָ־מאָרטאַלע־פּאַראַד.

מײַן אַטאָם און ראַקעט — דאָס וואָרט
דערגייט צום ווייט ווײַטסטן אָרט,
פאַרניכטעט אַלץ וואָס פּויל,
די פרייהייט רעדט דורך זיין מויל.
קיין געווער, קיין אַטאָם, קיין ראַקעט
וועט זיגן אין לעצטן געוועט. —
זיגן וועלן יענע וואָס צעשמעטערטערהייט
וועלן וואַרפן אויפן מיסט די קנעכטשאַפטס־קייט.

צום מענטש

פאר הדסה רובין

האָסט אויסגעבויט
שטעט,
באנען,
עראָפּלאנען,
און שיפן,
אויסגעפּאָרשט
די ערד
און אלע
אירע טיפן
און זי דערקלערט ;
אויסגעטייטשט,
אויסגעטיילט
א יעדן פלאסט
באזונדער ;—
מיט אזויפיל
עקשנות,
אזויפיל
ליבע,
אזויפיל
װוּנדער ; —
נאָר זיך אליין
קאָנסטו נישט
דערקלערן,
מיר ווייסן דאָך—
וועגן דיר
ווייניקער,
ווייניקער
ווי וועגן קלענסטן
שטערן,
אין בלויען,
אומענדלעכן
קרייז ;—

און דער מילכוועג
(אָן א שיר) מער
באקאנט
ווי די קלענסטע
באוועגונג
פון אונדזער אויג,
הארץ,
האנט..?

ווער עס פילט נישט

מײַן יוגנטפרײַנט — דעם דיכטער
יצחק יאַנאַסאָוויטש — אין ליבער דערמאָנונג

ווער עס פילט נישט —
דאָס פּינטעלע סם.
אין קאָרן,
אין ווייץ,
פילט נישט —
דעם אמתן טעם
פונעם ראַזעווען,
ווייצענעם
ברויט.
ווער עס פילט נישט —
אין אייביקן רייץ
פון דער יוגנט —
אומקום,
פאַרגאַנג,
ווער עס פילט נישט —
ווי אין פעלד
יעדע זאַנג —
די קאָסע,
בלאַנקע
און שאַרפע,
ווער עס ווייסט נישט —
די זאַנגען — סטרונעס
פון א וווּנדער־האַרפע
און (אויף זיי)
שפּילט
דער ווינט ;
ווער עס פילט נישט —
אין געבאַקענעם ברויט
דעם פּינטעלע סם,
ווייסט נישט —

דער טויט —
די טונקלע ראם
פונעם קינד.
דער פילט נישט —
דעם טעם
דעם אמתן טעם
פונעם לעבן.

ווער עס פילט נישט —
אין אייגענער זעט
דעם אייביקן הונגער
פארשאָלטן, —
אייביק
זיין זאט,
ווער עס פילט נישט —
אין די אייגענע
לונגען
דעם פארדעכטיקן
שאָרך
פון א האָרבסטיקן בלאט,
פילט נישט —
דעם טעם
פון זיין אייגן געזונט;
ווער עס זעט נישט —
די טענה
אין בליק
פון הונט,
אין זיין אויג,
און זיין בילן, —
די יצרה;
און זיך אליין
ביזן סאמע גרונט; —
(ווער עס ווייסט נישט —
פון אָט די געפילן,)
ווייסט נישט —

דעם טעם,
דעם אמתן טעם
פונעם לעבן.

ווער עס זעט נישט —
אין ערשטן
קינדישן שמייכל.
דעם ערשטן
קנייטש
אויף זיין שטערן,
ווער עס וועגט נישט
זיין אייגענעם שכל,
זיינע טרוימען,
זיינע באגערן
אויף דער וואָג־שאָל
פון (אנדערנס)
פארדראָסן.. טרערן..

ווער עס מעסט נישט —
זיך אליין
מיט די מאָסן
פון דער ערד
און פון די שטערן,
ווייסט ניט דעם טעם,
דעם אמתן טעם
פונעם לעבן.

ווער עס זעט נישט —
אין זקניש
צעפיבערטן בליק:
די ראָזעווע דעמערונג —
א הארבסטיקע זון
פארגייט,
ווער עס זעט נישט —
אין דער ווייספארדעקטער
וויג

א קבר
פּאַרווייט,
פאַרשנייט ;
ווער עס זעט נישט —
אין זקנישע
בליקן
יאָרצייט־ליכט
נאָך אלץ
וואָס פאַרגאַנגען,
ווער עס ווייסט נישט —
דאָס אומגליק —
(בלויז) די ראַם פונעם גליק —
זשעדנע באַגערן
נישט דערפּילטע
פאַרלאַנגען,
ווייסט נישט דעם טעם,
דעם אמתן טעם
פונעם לעבן.

ווער עס זעט נישט —
אין פּנים, אין קוש
פון זיין ליבער
דאָס בטול־שפּיל (פּאַראַט)
פון ליפּן
אויגן
און ברעמען,

ווער קיינמאָל
אליין איבער זיך —
שפּאַנט נישט אַריבער,
ווער עס פילט נישט
דעם פּענט,
די קלעמען, —
ווייסט נישט
דעם אמתן טעם
פון דער ליבע,

דעם אמתן טעם
פונעם לעבן.

ווער עס זעט נישט
אין פלי
פון פויגל
זיין בראָד,
זיין פאל,
קערן אום זיך
די אויגן: —
פון קוואל —
(ליידיקע עמערס)
ווער עס פילט נישט —
אין האָפן,
אין שטרעבן
די גיריקייט —
דער אייביקער
פענט.
פילט נישט
דעם טעם
דעם אמתן טעם
פון לעבן,
איז בלינד —
און פארבלענד.

ווי קאָן איך גלויבן — דער מענטש דיר טייער, —
ווען אין דיין תפילה לייגסט צונויף דיינע הענט,
דו אַליין געטראָגן האָלץ צום פייער,
וווּ מע האָט אים פֿאַרברענט.

ווי קאָן איך גלויבן — עס טוען וויי דיר די ווונדן
פון דעם וואָס הענגט אויפן קרייץ שוין טויזנטער יאָר, —
האָסט פון לעבעדיקע די הויט געשונדן
און מאַטראַצן געמאַכט פון מיידלעשע האָר.

ווי קאָן איך גלויבן דיין התלהבות, דיין געבעט,
שטייסט געבויגן טיף אויף די קני —
און קינדערשע קעפּ מיט שטיינער געפּלעט,
און דאַן מיט אויגן בלוטיקע
געקניט פֿאַר דיין הייליקער מאַמע — מאַרי.

אָ גאָט!
דער רויז —
גענעבן דערנער,
און מיר —
גיב גוטסקייט, ווירדע
און מוט
(וואָלט מען ווײַלן געקאָנט)
איך וואָלט ניט געוויילט
קיין דערנער,
קיין הערנער, —
איך וואָלט געוויילט
קאלטע בלוט.

די רויז —
צו איידל,
צו צארט,
ווי זיך פארהיטן
פון זשעדנע,
גיריקע
הענט? —
אין איר פלאם,
אין צעגליטן
ווערט אָפט
דער רחמנות —
פארברענט.

צו א אומבאקאנטער

ביסט ניט שיין,
נאָר דאָס גאָלד
פון דיינע האָר
מאכט דיך שיין, —
ווי די רייפקייט
מאכט שיין
דאָס יאָר,
די פרוכט,
די בלום,
און אלץ
(וואָס געווען)
שטום,
און ווידער
באקומען לשון,
ווי אלץ
וואָס צינד
און —
ווערט
דאַן אליין —
פארלאָשן.

דו גייסט פארביי, —
(ווייסט נישט)
דו ביסט —
דער מיי,
דיך האָט געבראכט
די ערשטע
פרילינגס־נאכט,
די ערד,
וואָס דערוואכט.
..גייסט אוועק,
זאָל דיר
לייכט זיין
דיין וועג.

ניִשט נאָך דיִר —
גֶעבענקט.
זאָל דיִר
אַנטקעגנקומען
אַלץ, אַלץ
וואָס דו —
(האָסט)
אַזוי ניט ווִיסנדיק —
מיִר געשענקט.

צווישן צוויי ביימער זיך הוידעט אַ וויגל,
צום הימל שוין ציען זיך ווענט,
דער טאַטע אַליין ער לייגט די ציגל,
די מאַמע קאלעכט די ווענט.

צווישן צוויי ביימער זיך הוידעט אַ וויגל,
מע נעמט דאָס קינד פון דאָרט שוין אַרויס.
אַ קליאַמקע אַ טיר, אַ פענצטער, אַ ריגל.
דאָס קינד מע טראָגט אין נייעם הויז.

צווישן צוויי ביימער זיך הוידעט אַ וויגל,
אַליין, פאַרלאָזן און פוסט.
די מאַמע שטייט מיטן קינד פאַרן שפיגל,
די מאַמע מיטן קינד ביי דער ברוסט ;

קוקט אויף די ווענט, פענצטער און בעטן,
אַלץ שמעקט מיט פרישקייט פון נייעם געביי :
פילט, ווי עס וואָלט די פרישקייט זי גלעטן —
אַ ווינט ווי אַ לינדער, אָנהויב מיי.

די מאַמע איז רואיק, די מאַמע איז מיד,
דער טאַטע נאָך אַרבעט און קלאַפּט אויפן דאַך.
די מאמע וויגט איין דאָס קינד מיט א ליד
און טראַכט : פאַראַן נאָך ארבעט אַ סך...

אין וויגל אין נייעם ליגט שוין דאָס קינד,
עס שמעקט דאָס וויגל מיט פרישן האָלץ.
די ביימער וויגט א שטורעמווינט,
נאָר דאָס הויז — פעסט, שטאַרק, און שטאָלץ.

דאָס קינד — געבוירן אינעם זעלבן יאָר,
ווען פון דער ערד געוואקסן ווענט.
אַ קינד און אַ הויז, אַ הויז און אַ קינד — אַ דור,
אַ נייער דור, אַ נייער פונדאַמענט...

און שיין דאָס לאַנד און ליב דאָס לאַנד,
מיט זיין וווקס, מיט זיין בלי, מיט זיין ברויז...
און שיין יעדע געגנט, ליב יעדער קאַנט,
ווי דאָס (אַליין געבויטע) אלט־נייע הויז.

וואַרשע

אין פאַרערונג און אומפאַרגעגגלעכער דאַנקבאַרקייט
פאַר פרוי גראַבעלנאַ

ווו איך זאָל ניט שטעלן מיין טראָט
אין וואַרשע דער שטאָט,
דער ווייטעקלעך ליבער מיר שטאָט,
דער הויפטשטאָט,
פון פוילן ;
אַמאָל, אַמאָל —
אַ פאַרשלאָסענער מאַטעריק
פון גרוילן .
וועלן ביז אָטעם לעצטן
זיך קנוילן
אין מיין יעדן בלוט־טיילכל,
און אין בלוט
וואָס אנטשטאנען
פון מיין בלוט.

יעדער שטיין,
יעדעס ווינטעלע,
יעדעס שטויבעלע
אָטעמט מיט מוט —
אומשטערבלעכן,
מענטשלעכן מוט
און מיט ווירדע :
ווי דאָס אור־ריינע
ערשטע וואָרט.
דו ביסט אין יעדן טיילכל
פון מיין בלוט,
וואַרשע —
אומשטערבלעכער,
הייליקער אָרט.

און אַלץ, אַלץ
וואָס פינצטער, בלינד,
פאַרשאָלטן, וויסט —
ווייעט
און פאַרווייעט
דער ווינט —
די צייט
ווי מיסט,
ווי מיסט.

וווּ איך זאָל ניט שטעלן מיין טראָט
אין וואַרשע דער שטאָט,
דער ווייטעקלעך ליבער מיר שטאָט,
דער הויפשטאָט,
פון פוילן ; —
אַמאָל, אַמאָל —
אַ בלוטיקער ים אָן אַ בריק,
אַלע וועגן —
גליענדיקע קוילן.
און אַ קויל (כימעט) אין יעדער וויג
און איצט :
שיר ניט לעבן יעדן הויז,
אַלט, צי ניי הויז,
ליגן בלומען,
צינד מען ליכט, *
און איך — געקומען
פון וויט, וויט,
פון אַזאַ וויט —
וווּ פאַרגליווערט
אין בלוט —
די צייט.

שטיי איך לעבן אַ בוים
אַ פריש פאַרפלאַנצטן,
לעבן אָט די בלומען,

לעבן אָט די ליכט:
מיט קאָפּ
אַנטבלויזטן
אין שווייגן, אין שטומען,
מיט אויגן אַראָפּ־
געלאָזטע צו דער ערד
צו דער אַלץ, אַלץ
איבערטראַגנדיקער,
ווידער טראַגנדיקער..
פוילישער ערד; —

און ביי אָט די בלומען,
ביי אָט די ליכט,
לייטערט זיך מיין נשמה,
מיין געזיכט,
ביי אָט דעם ליכט
פון אומאויפהערלעכן
פון אונדזער, פון אייער
לעצטן געריכט?!

* לעבן די הייזער און ערטער וווּ די דייטשע רוצחים האָבן אומ־
געבראַכט מענטשן, לייגן די פּאָליאַקן אַ גאַנץ יאָר בלומען און צינדן
ליכט.

דעם דיכטער און פריינט
(וואָס איך טאָר ניט... דאָ
דערמאַנען זיין נאָמען)

דו ביסט איידל—
א אבן—טוב,
געשליפן.
דיין וואָרט
פינקלט :
לויטערע,
דורכזיכסטיקע
טיפן,—
טוי,
טרערן.
גענוג שוין געוואַרעמט
(אין זיך)
דעם קערן,
דער קערן וויל ווערן
וואָרצל,
צוויט,
זאָמען,
פרוכט.
דאָס וואָרט
וויל ווערן
ליד,
און פליען
צו די שטערן.
צו דיר ווערטער
זיך ציען,
ווי געוויקסן
צו דער זון,
אזעלכע ווי דו
די אייביקייט
באַגערט,
נאָך דיינע זאָמען
גאַרט
די ערד.

אזויפיל שיינקייט זע איך ארום זיך,
אזויפיל ריינקייט זע איך ארום זיך,
ווי פרילינג דאָס גרעזל ערשטע אין לויטערן פרי,
ווי דעם פויגלס ערשטער, פארטאָגיקער פלי.
אזויפיל ריינקייט זע איך ארום זיך,
מ׳דארף זי מיר נישט שענקען —
קומט אליין,
גענוג נאָך איר בענקען,
און זי קומט צוגיין.
און אין דער ריינקייט, אין דער שיינקייט,
זע איך אלץ, און דיך,
און דורך דער שיינקייט,
דורך דער ריינקייט,
קום איך צו זיך,
דערקאָן איך זיך,
און דאָס איז אלץ, אלץ,
איך און — דו
און שטילקייט,
און רו.

צו דיר . . .

אויב דו וועסט מאָרגן מיך ווידער באליידיקן
פאר אלעמען הויך אויף א קול, —
וועל איך זיך מיט גאָרנישט, מיט גאָרנישט פארטיידיקן
און שווייגן ווי אלע מאָל.

און נישט ווייל איך האָב נישט מיט וואָס זיך פארטיידיקן,
וועל איך דאן שווייגן שטיל:
בלויז ווייל איך קאָן נישט, ווייל כ׳וויל נישט באליידיקן
צו דיר מיין הייליק געפיל.

און וויפל עס זאָל זיך פון דיר נישט טראָגן
רכילות אויף מיר און שמוץ, —
וועל איך סייווי גאָרנישט נישט זאָגן
חוץ שיינס און גוטס.

און ווען אפילו מע וועט מיך פארשטיינען,
כ׳וועל שווייגן שטיל:
בלויז ווייל איך קאָן נישט, ווייל כ׳וויל נישט פאראומריינען
צו דיר מיין הייליק געפיל.

אמאָל:
א טאָג —
וואונדער און גליק,
די זון
און איך —
מיט אלעמען —
חבר.
און ריין
דאָס הארץ,
לויטער דער בליק,
אָן א פינטעלע —
זשאווער.

און דעמלט, פלוצים:
איך באקאן זיך בעסער
מיט זיך אליין,
און ווער טיף גערירט
פון דער (נייער) באקאנטשאפט.
און ווי דער האָריזאָנט,
דער טאָפאָל,
דער פעלדזן־שטיין, —
איך ווער, איך בין
אליין —
אַ לאנדשאפט.

ליזען

מיר זייענן ביידע אויף דעמזעלבן
און ניט אויף דעמזעלבן מאַטעריק,
איך — אויפן ים
דו — אויפן ברעג,
איך פלי און שווים צו דיר,
נאָר צום ים צוריק
מיך ציען דיווירבלען
אויף מיין שווינדליקן וועג.

מיר זיינען ביידע אין די זעלבע
און ניט אין די זעלבע פלאַכן,
ווייטן, לענגען, ברייטן ; —
מיר ריידן אויף איין שפּראַך
און דאָך אויף פאַרשיידענע שפּראַכן :
ווערטער, רינגעלעך
פון אַזויפיל קייטן,
קנופּן און שלייפן
פונעם אייביקן קנופּ
פענטען, באַגלייטן
פונעם וויגל
ביזן גרוב.

איך בין דאָ אויף דעמזעלבן —
און ניט אויף דעמזעלבן מאַטעריק !
קיין שום לייכטטורעם
ווייזט מיר די ריכטונג ;
אַמאָל פאַר מיר אַ אינדזעלע,
אַ קליין אינדזעלע דיין בליק,
פון אים איך אנטלויף
און קער זיך אום צוריק,
צום אינדזעלע אין דיין בליק
אויף ווידערבאַשאַפונג —
און ווידערפאַרניכטונג.

לאָז מיך אַליין זיין

לאָז מיך אַליין זיין,
לאָז מיך נאָכאַמאָל דורכגיין
דורך מיינע יאָרן — די תפיסות,
לאָז מיך נאָכאַמאָל דורכגיין
דורך די אומצאָליקע גסיסות,
דורך דעם ענדלאָז לאַנגן
ווירבלדיקן,
גורלדיקן
וועג.

לאָז מיך נאָכאַמאָל דורכגיין
דורך מיינע טעג,
די הונדערטער קאַמערן, —
די קאַזעמאַטן,
דורכגיין פריי, פריי,
נאָר מיט מיינע רייפן,
אומפאַרניכטבארע רייפן ; —
זיי פויקן, די טעג,
די קאַמערן
אין מיינע שלייפן,
דורכזיכטעקע שלייפן.

לאָז מיך נאָכאַמאָל צוטוליען
דעם הייסן שטערן
צו די אייזיקע שלעסער
און פרעגנטן
אויף יעדער טויבפאַרמאַכטער,
אייזנשווערער טיר —
פון די קאַמערן,
די קאַזעמאַטן ;

לאָז מיך נאָכאַמאָל דורכגיין
דורך די טרוימען —
די געשענדטע,
דורך די פּאַראַטן;
זיי וועלן דען אַמאָל
גליוורען פאַרשטומטע — ?
גלאָצן,
פארפאָלגן
צרהת פארקרומטע —
אומצאָליקע, פילגעשטאלטיקע
טויטן,
אומצאָליקע, פילגעשטאַלטיקע
רוחות; —
אויף זייערע פאַרקוילטע ליפּן
משוגעת — ווייסער שוים,
און יעדער פון די טויטן,
יעדער פון די רוחות
טראָגט אויף זיין בלוטיקער שפּיס
ווי א צעפּליקטע פאָן —
מיין טרוים; —

און איך — איך שפּאַן
מיט וווּנדיקע פיס
אויף די שפּיציק־שארפע
שערבלעך
פון מיינע
און דיינע
לוחות —
די צעטראָטענע,
די געשענדעטע געבאָטן...
און עס פאַלט,
און פלאטערט
מיין שאָטן
און דיין שאָטן
אויף אַ וועג —

אַ ענדלאָזן
פון שטעכיקע דראָטן.

לאָז מיך אַליין זיין,
לאָז מיך נאָכאמאָל דורכגיין
דורך די הונדערטער קאַמערן,
פריי, נאָר אין מיינע רייפן,
זיי פויקן — די קאַמערן,
און האַמערן
אין מיינע שלייפן,
אין מיינע דינע,
בלויאָדערדיקע,
דורכזיכטיקע שלייפן.

דאָס וואָרט

וואָס בלייבט איבער פונעם גוף,
ווען אים שלינגט איין די ערד, —
עס בלייבט דאָס וואָרט, און שטייגט
אלץ העכער אין זיין ווערט.
מע קאָן עס פעלשן ווי מע וויל,
פארקרומען און פארדריי׳ן
נאָר צו זיין תוך, זיין ציל,
עס קומט צוריק צוגיין.
ווען אויסגעטראָגן — דאָס וואָרט,
לאָזט עס לייכט זיך צאמען ;
שטעלט אוועק זיך אויף זיין אָרט
אין פייערדיקע גראמען.
דאָס וואָרט — א איידלשטיין,
פילזייטיק אויסגעשליפן ; —
אנטפלעקט אין זיך אליין
אומבאקאנטע טיפן.
דאָס וואָרט קאָן זיין שפיזיק שארף,
און אויך מיט פונקען שפריצן,
שפילן ווי א וואונדער־הארף,
אויפלויכטן ווי בליצן.
דאָס וואָרט האָט ליב געמאָסטן זיין,
געמאָסטן און געוויגן,
גייט דאן אויף אין פראכט און שיין —
א רעגנבויגן.
דאָס וואָרט קאָן זיין א שטורעם, — ווילד,
אוממעגלעך איינצושטילן,
נאָר זיין עס קאָן אויך לינד און מילד —
— צערטליכסטע געפילן.
דאָס וואָרט — עס קאָן אויך זיין פאראט :
דאָס הייליקסטע פארשוועכט,
ווען נאָכן וואָרט נישט גייט די טאט,
מוטיק און גערעכט.

פון אייביק איז געווען דאָס וואָרט,
און אייביק וועט עס זיין
דערגייט צום ווייטסטן אָרט,
ווי זונען־שיין . . .
— — — — — —
— — — — — —

איך בין אַ מכשוף

איך בין אַ מכשוף, איך קאָן אַלץ וואָס איר ווילט,
נאָר איך קאָן ניט זאָגן קיין ליגן; —
איך ווייס וואָס איר טראַכט, וואָס איר פילט
און אַלץ וואָס איר האָט פאַרשוויגן.

און אַלץ וואָס איר האָט פאַרשוויגן...

איך בין אַ מכשוף, איך קאָן אַלץ וואָס איר ווילט,
פאַר מיר ניטאָ קיין צוימען;—
איך כשוף אַרויס דאָס פאַרבאָרגנסטע בילד
און די פאַרבאָרגנסטע טרוימען.

און די פאַרבאָרגנסטע טרוימען...

איך בין אַ מכשוף, איך קאָן אַלץ וואָס איר ווילט,
אָט קוקט אַריין אין מיין שפּיגל; —
אייער יעדער פאַרלאַנג וועט ווערן געשטילט
און טראָגן עס וועלן אייך פליגל.

און טראָגן עס וועלן אייך פליגל...

איך בין אַ מכשוף, איך קאָן אַלץ וואָס איר ווילט,
איך קאָן העלפן דערגרייכן די צילן; —
איך שפּיל, נאָר כ'האָב נאָך אַלץ ניט פאַרשפּילט,
ווייל איך האָב אַסך צו פאַרשפּילן.

ווייל איך האָב אַסך צו פאַרשפּילן...

איך בין אַ מכשוף, — מיין כשוף די ליד,
פון אַ ליד אויפן האַרצן ווערט גרינגער;—
אַ האַרציקע ליד מאַכט קיינמאָל ניט מיד,
ווייל אייך האָט פאַרכשופט דער זינגער.

ווייל אייך האָט פאַרכשופט דער זינגער...

איך זוך אַ וועג

פאַר דוד־לייב דגן — (וואַטלמאַכער)

איך זוך אַ שטעג,
איך זוך אַ ברעג,
איך זוך און פרעג,
איך זוך אַ וועג; —
און ווו איך קום
בלויז — אַ געיעג,
אַרום, אַרום
נישטאָ קיין וועג.

נישטאָ קיין וועג

און אומעטום —
אַ קרייז, אַ קרייז,
אַרום, אַרום
אַ קרייז פון אייז; —
און ווו איך גיי —
און ווו איך שטיי
אַ ווירבל־קרייז
און אַ געדריי.

און אַ געדריי.

איך זוך אַ שטעג,
איך זוך אַ ברעג,
איך זוך און פרעג,
איך זוך אַ וועג; —
איך וויל אַוועק
פון קרייז, פון אייז,
אַ ברעג, אַ וועג
באַווייז, באַווייז.

באַווייז, באַווייז.

נשמות

פאר אסתר שטערן

נשמות —
אופגיין
און פארגיין.
זווגים..
(באשטימטע
פון א העכערן כוח)
איך ווייס:
ניט לייכט
עס פארשטיין
בלויז —
מיטן מוח.

נשמות לעכצן —
איינע נאָך דער אנדערער,
פארשמאכטע
אין פארטייעטן
ווארטן..
נשמות קאָנען לאנג —
אין פינסטערניש
וואנדלען,
ביז זיי געפינען זיך —
אויסגעגארטע.

נאָר אמאָל:
זוכנדיק, איינע —
אין ווירבל פארדרייט:
אַלץ ווייטער ווייטער —
פון (באשערטן) עכטן,

און דער צופאל —
דאָס אומפארמיידלעכע —
די קייט

וועט, קאָן זיין
ביזן סוף
ביז אָטעם לעצטן
פארקנעכטן

אמאָל :
געפינען זיך די נשמות
נאָר זייער צוויט,

פון לאנג,
שוין פארבליט
אין ווירבל צעשאָטן,

נאָר די גארונג
אין דער טיף
נאָך גליט : —

א לעצטער פונק,
א לעצטער שאָטן

און אמאָל :
זוכן זיך לאנג,
געפינען זיך נישט —
די נשמות ? —

און אין זייער בלוט
ציטערט א פארקלונגענער
אלץ ווידער וואכער ניגן —
און זיי ציען זיך
צום ניגן
ווי בלינדע,

ווי לונאטיקער
צום אומדערגרייכבארן
און בלייבן
ביזן סוף
נישט אנטפלעקטע.

און דורך א צופאל —
א אומפארמיידלעכן,
אופגעוועקטע —
זינקען זיי געוויכטלאָז,
גערוישלאָז
אראָפּ אין דער ליידיקייט
און פארגייען
ווי וואָלקנס,
וואָלקנס.

אָ ים, מיר זיינען ברידער,
כוואליעס — מיינע גלידער,
טראָגן מיך אָן צוימען. —
אָ ים ווי דו —
מיינע באגערן,
מיינע טרוימען.

אָ ים,
איך וויל אויך ארויס
פון מיינע ברעגן,
פון שטורעמס —
א שטומער און מידער ;
פון די טיפן
שיינט ארויס
דיין פארמעגן,
אָ ים,
מיר זיינען ברידער.

אָ ים,
דיינע אוצרות
אויפן דנאָ,
אויך מיינע ליגן נאָך
אויפן דנאָ.
אפשר וועט קומען די שעה
ווי פון זאָמען
(זיי וועלן) ארויסשפּראָצן
פון מיין טיף.

פאר א פריינט א שרייבער (וואָס איך טאָר ניט... דערמאנענו דאָ זיין נאָמען).

זעלטן ווען אויף דער בינע דאָס געוויסן,
אויך ניט שטענדיק אונטער די קוליסן:
און אהין בין איך צו אייך געקומען
מיט מיין ערשטער, ציטערדיקער ליד,
איר האָט רירנדיק זי אויפגענומען,
ווי א שאָרך פון ערשטע טריט;
געוואָרנט מיך: (נישט געלויבט)
— „מיט ווערטער ניט סתם אזוי זיך ווארפן.
(איך האָב געוווסט:)
דער דיכטער הויבט אויף זיי פונעם שטויב
און אויף ווערטער שפּילט ער ווי אויף הארפן.
די וועלט איז נאָך ניט גאנץ,
אלץ ווידער זי באשאפן דארף דער דיכטער,
שיינע ווערטער — פאלשער גלאנץ
און דער דיכטער — אויך א ריכטער...״
און איר — דער ערשטער דיכטער,
מיין ערשטע ליד געהערט:
— „באגייסטערט זיין און בלייבן ניכטער
מיט ביידע פיס אויף דער ערד״.
פון דעמאָלט פיל, פיל שוין יאָרן
ווי קרייזן זיך געעפנט און פארשלאָסן.
(אנדערע וואָגן, אנדערע מאָסן)
נאָר אייערע זאָמען אין מיין זכרון —
געבענטשטער, פרילינגדיקער רעגן.
אנדערע קוואלן,
אנדערע וועגן.

די טייבעלעך און דער רעגנבויגן

צוויי טייבעלעך
דערפלויגן
אזש ביז צום רעגנבויגן,
געבעטן
מיט די אויגן:
— „אלע פייגל
זיך פוצן און צירן
אין אזויפיל, אזויפיל
קאָלירן; —
נאָר מיר—
מיט וואָס, מיט וואָס
זיך צירן —
גרוי און ווייס,
ווייס און גרוי —
שענק אונדז שענק
אביסל קאָלירן,
אביסעלע רויט,
אביסעלע בלוי"

זאָגט זיי דער רעגנבויגן:
— „האָט נישט קיין גרויסע
אויגן,
קנאה, קנאה
קאָן פאַרפירן
חלילה,
חלילה
ניט צום גוטן; —
וואָס טויגן, וואָס טויגן
מיינע קאָלירן,
ווען זיי דויערן
נאָר מינוטן —

איר האָט אייגענע
פארבן
און פליגל,
אָ ווען איך האָב זיי —
וואָלט מיר ווויל זיין
און גראם:
דער ים
וואָלט זיין מיר —
אַ שפּיגל
און דער הימל
א בלויע ראַם
איר האָט פליגל
און אייגענע,
אייביקע, קאָלירן,
וואָס טויג,
וואָס טויג אייך
זיך צירן,
שעמערירן
מיט פרעמדע
קאָלירן?!"

נאָר די טייבעלעך
ווילן נישט הערן,—
פולע אויגן —
טרערן,
וואָרקען,
טענהען:
— „לעבן —
לעבן און ניט שיינען
מיט אלערליי
קאָלירן;—
ווייס און גרוי,
גרוי און ווייס;
בעסער שוין פארפרירן,
ווערן א שטיק אייז,

בעסער ווערן געבראָטן,
איידער א פארבלאָזער
שאָטן."

און עס זאָגט זיי דער רעגנבויגן:
— „האָט נישט קיין גרויסע אויגן.—
קנאה, קנאה
קאָן פארפירן!
חלילה ניט
צום גוטן,
וואָס טויגן,
וואָס טויגן
מיינע קאָלירן
ווען זיי דויערן —
נאָר מינוטן;
וואָס בלייבט איבער דערפון,
וואָס קומט ארויס פון מיין מי,
דאָס רויטע
איך נעם
ביי דער זון,
דאָס בלויע
פון הימל
איך צי;—
וואָס טויג,
וואָס טויג אייך
זיך צירן,
שעמערירן
מיט פרעמדע
קאָלירן?!"

שלאָפלאָזע נעכט

אין יעדער שלאָפלאָזער נאכט,
אלץ, אלץ אין מיר,
ארום מיר
וואכט. —
אלע, אלע זאכן
ריידן צו מיר
(אויף זייער שפראך)
מיט קייטן
אויף די פיס —
עמעץ טאנצט, טאנצט
אויף מיין דאך — ?
עמעץ מיין קאָפּ,
מיין מידן —
מיר גלעט,
און פלוצים: מע שלעפּט,
שלעפּט מיך ארויס
פון מיין בעט —
(באוואָפנט מיט „כלים"
אלערליי)
טרייבט מיך ארויס,
פון מיין הויז —
טרייבט מיך א באָרוועסן
אין שניי,
(און אפילו מיט די אויגן
מורא מיך באגלייטן)
דער געבראזג פון די קייטן —
א האָגל
פאלט אויף מיר אַראָפּ
הילכט, הילכט
אין קאָפּ —
און איך זע אלץ,
וואָס איך טאָר נישט זען

און אלדאָסבייז,
וואָס פּליט אין שלאָף
איבער דיר פאַרביי,
ביי מיר זיך פאַרהאַלט.
און מיר דוכט,
כ׳בין שוין גרוי, אַלט
און דער מוח,
דער מוח זיך שפּאַלט.
יעדע נישט אויסגערוטע
רגע,
יעדע נישט אויסגערוטע
מינוט,
זידט,
שוימט, שטורעמט
אין מיין בלוט.
דאָס בלוט
שטייגט אַרויף צום קאָפּ,
און שלעפּט,
שלעפּט מיך אַלץ טיפער
אין אַ פינסטערניש
אַראָפּ
און אַלץ, אַלץ — אַלץ הילכט,
הילכט
אין מיין האַרץ; —
אין מיין קאָפּ
אַלץ פאַרברענט,
צעקרישלט אויף שטיקער —
איך זוך, איך קאָן נישט געפינען
דעם עיקר?
(צי איך בין נאָך ביים זינען?)
הויב איך, אויף צום הימל
מיינע הענט:
שלאָף! שלאָף!
לאָז אַראָפּ אויף מיר
דיינע געבענטשטע פליגל!

כאָטש אויף א שעה
לעש אויס אין מיר אלץ!
מיר דוכט, איך זע זיך אין אַ שפיגל:
נישט קיין קאָפּ, קיין פּנים,
נאָר א האלדז,
און אויפן האלדז א קראָ
דזאָבעט מיטן שנאָבל
און פּיקט
פּיקט,
פּיקט אויס מיין געהירן.
פארגליווערט —
איך קאָן זיך נישט רירן,
און די קראָ
פּיקט,
פּיקט.
און אין גאָרגל
אַ רויך
שטיקט; —
ווארגט דער רויך,
דער צעגליטער,
(ווי מע וואָלט) מיט הייסע ריטער
מיך שמייסן אין קאָפּ,
ווי הייסער רויך
צעשפּארט,
צערייסט מיין מוח;
און די אויגן
אָפן,
אָפן,
גארן,
גארן
שלאָפן,
שלאָפן. —
די אויגן
פון די היילן
שפּארן,
שפּארן.

אין אַ מאָסקווער שפּיטאָל

ארום, ווייט ארום,
די ריזיקע שטאָט
און צווישן שטיין,
אייזן און שטאָל
שטייט דאָס שפּיטאָל
פאַר קראַנקע
אויף — נערוון;
א גאַנצן טאָג
פליען מאשינען פאַרביי,
פולע מיט קאָנסערוון,
פלייש און מילך,
און פירות,
און מיט שווארצן שניי:
(רויך אויף ווייסן געפריר).
מאשינען מיט גזרות —
באַטינטלט פּאַפּיר:
געוויין און געשריי, —
מענטשלעכע פאַרלאַנגען,
בענקשאַפטן, טרוימען,
אויפגאַנגען און פאַרגאַנגען,
אָפּגעשוימטע שוימען.
א דראָענדיקע פינגער
צום הימל — א ריזיקער קוימען,
שפּאַרט פון אים שווארצער רויך.
און דער מענטש —
ווי קאָן ער לעבן דער מענטש אָן א „קוימען."
ווו זאָל ער אהינטאָן דעם רויך
פון פאַרברענטע טרוימען?
(ער מוז דעם רויך נעבעך שלינגען, שלינגען
און דערביי נאָך זינגען)
אין זיך אים שטיקן, שטיקן,
ווי קאָנען נאָך קלאָר זיין

זיינע בליקן —
ווען זיינע נערוון וואָלטן זיין
אַפילו פון שטאָל?
קוקט ער אַרויס דורך די פענצטער
פון שפּיטאָל,
און ביי אַן אייזיקן הימל
בעט ער גנאָד,
און ווי אַ ריזיקע
שעמערירנדיקע ראָד,
דרייט זיך אַרום אים — סדום
די פייערדיקע שטאָט.

צו די פוילישע דאָקטוירים פאַנטי
און סטענפיען

אין דאנקבארקייט.

איר האָט אריינגעבלאָזן
אין מיין קאָפּ,
אין מיין מארך לופט ; —
פרישע לופט.
ווען דער קאָפּ,
דאָס הארץ
ווערן שווער געפרווווט,
דארף קאָפּ —
מארך
לופט,
אסך
פרישע לופט..

יאָ, מיר זיינען מענטשן...
נאָר טיף אין אונדז נאָך עפּעס פאַראַן
פונעם אוראַלט, פונעם שטאַם,
וואָס פענטעט,
פאַרשקלאַפט: —
דאָס ביסעלע סם
פונעם וואָרצל, פונעם שטאַם,
האַלט אונדז פעסט
אין זיין געוואַלט און מאַכט;
און אין לעבנס־פאַרמעסט,
אין דער אייביקער שלאַכט,
דוכט זיך דער מענטש האָט געזיגט?
זיך באַפרייט
פונעם אוראַלט, פונעם שטאַם,
פונעם וואָרצלדיקן סם; —
באַפרייט,
באַנייט,
און ווי אַ יונגע בעריאָזע
צו דער הויך זיך ציט,
מיט מוט און מיט העזה,
אין זון,
און צוויט.

יאָ, מיר זענען מענטשן...
מיר דריקן זיך די הענט,
מיר זאָגן זיך: גוט מאָרגן!
נאָר טיף אין אונדז
פאַראַן אַ מאָמענט,
ווען מיר וואָלטן זיך געוואָרגן;
די פינגער פאַרקראַמפּט
אַרום האַלדז,

און אין אָט דעם קאמף
אומקומען קאָן אלץ,
וואָס דער מענטש האָט דערגרייכט
אין זיין גרייז־גראָווון וועג,
אין ליכטיקע נעכט,
אין פינצטערע טעג:
...די ליבע און דאָס שטרעבן,
דאָס אומענדלעכע ווי די ערד,
ווי דער הימל, — געוואנט,
וואָס אין זיין גרייז־גרויען וועבן
אויסגעוועבט
אויפן וועב־שטול פון לעבן,
פון דור צו דור,
פון יאָר צו יאָר,
פון לאנד צו לאנד.

יאָ, יאָ, מיר זענען מענטשן —
נאָר מיר וואָלטן זיך געוואָרגן,
און טיף אין אונדז פארבאָרגן
אָט די רגע, — דער מאָמענט;
ער באווייזט זיך אמאָל
אינעם אומהיימלעכן בלישטש
פון ווי טוי ריינע אפלען,
(אין א — עס דוכט
צופעליקן קער און ווענד,)
אומשולדיקן שמייכל,
זינלאָזן פלאפלען,
און אמאָל אויך, אין א פריינדשאפטלעכן
דרוק פון די הענט...

איך האָב ליב קוקן אויף יעדן געוויקס,
און אויפן ערשטן גרינס.
איך לערן עקשנות,
אויסדויער
ביים ערשטן גרינס,
ברעכט דורך די הארטע קאָרע
פון דער ערד. —
צעוואָס דארף דער מענשט
די ביקס,
די שווערד,
מיט איר האנט,
ברייטער האנט, —
אירע אוצרות
טיילט די ערד;
פאר יעדן
א זוניק־גרינער וועג,
וועלדער,
טייכן,
בערג,
דער מענטש
קאָן בויען,
שאפן
זיינע ווערק,
פארטיילן
מיט אזא ברייטער האנט
ווי די ערד.
אָן דער ביקס,
אָן דער שווערד?
איך האָב ליב קוקן אויף יעדן געוויקס,
און אויפן ערשטן גרינס.
איך לערן עקשנות, אויסדויער
ביים ערשטן גרינס.

פריער פרילינג

ווען דער שניי צעגייט,
צעגייט פאַר דער צייט,
ליגט די ערד אַ נאַקעטע
אין זיך פאַרטייעט —
אַ געווינערן...
(דוכט זיך פאַרשטאַרט)
נאָר טאָג און נאַכט,
טיף אין דער ערד
יערט. —
די ערד
לעכצט, גאַרט:
געבערן, געבערן.

און איבער איר — דער הימל,
דאָס טריפנדיקע,
פארנעפלטע בלוי; —
דער ערד איז אַזוי,
ווי זי וואָלט שוין הערן
דאָס שעפטשען פון פארליבטע:
שבועות און ווידער שבועות —
און שטיל, לינד
אין גראָזן און תבואת
דעם פרילינג־ווינט.

געבערן. געבערן.

נאָר נאָך ניט געשלאָסן
דער אייביקער קרייז,
און פאַרטאָג —
דער טוי—
אייז.

געבערן, געבערן..

און אין די נעכט
טרייסטן די ערד
די שטערן.
שווייגט די ערד
אין איר אומענדלעכן הערן; —
די שטערן,
די גוטע, האָפּעדיקע,
טרייסטנדיקע שטערן.

בלייב ניט שטיין

מײַן ליבן יוגנטפרײַנט דוד־לייב דגן (וואַטלמאַכער)

וויפל סטעטשקעס, וויפל וועגן,
אויף וועלכע שפּרײַזן, אויף וועלכע גיין — ?
אין זון, ווינטער, אײַז און רעגן,
גיי, גיי און בלייב ניט שטיין.

גיי, גיי און בלייב ניט שטיין,
גיי מיט אַלע און גיי אַליין;
דײַן וועג געפינסטו אין דײַן גיין,
גיי, גיי און בלייב ניט שטיין.

וויפל טרעפּלעך, טרעפּ און טירן,
אויף וועלכע שטײַגן, צו וועלכע גיין — ?
וויפל פירן און פאַרפירן...
גיי, גיי און בלייב ניט שטיין.

גיי, גיי און בלייב ניט שטיין,
גיי מיט אַלע און גיי אַליין; —
דײַן ציל פאַראַן שוין אין דײַן גיין,
גיי, גיי און בלייב ניט שטיין.

וויפל שמייכלען, וויפל בליקן,
ווי, אַלע גוט פאַרשטיין — ?
וויפל תהומען, וויפל בריקן,
ווי אַלע אריבערגיין — ?

גיי, גיי און בלייב ניט שטיין,
דײַן וועג געפינסטו אין דײַן גיין; —
מיטן שטראָם און קעגן שטראָם,
און שפּאַנסט אריבער יעדן תהום.

וויפל שטרעבן, וויפל גאַרן,
וויפל לעכצן צו דערגיין; —
וויפל נארן זיך און נאַרן,
אויף איין אָרט זיי בלייבן שטיין.

גיי, גיי און בלייב ניט שטיין,
אין שפּאַן ביי קיינעם זאָלסט ניט גיין,
ניט זיי קיין קנעכט ביי זיך אליין,
גיי, גיי און בלייב ניט שטיין.

גיי, גיי און בלייב ניט שטיין,
אויך אין קרייז זאָלסט זיך ניט דריין,
דיין גליק געפינסטו אין דיין גיין,
גיי, גיי און בלייב ניט שטיין.

איך ווייס ניט וואָס די השגחה
וועט נאָך אָנשרייבן מיט מיין האנט
וואָספארא זי וועט נאָך עפענען
פאר מיר טירן; —
אין וועלעכן גהנים
אָדער עלדאָראדאָ־לאנד
די השגחה וועט מיך פירן?
איך ווייס נישט,
איך ווייס נישט.

געטרוימט פון ישראל

געטרוימט פון ישראל, מקוים געוואָרן מיין טרוים.
ווען מע גראָבט אויס און זעצט איבער אַ בוים,
וויאנעט ער אַ צייט „קרענקט" זעט אויס פארשמאכט,
אָבער אומאויפהערלעך, טאָג און נאכט
גראָבן זיך די וואָרצלען טיפער, טיפער.

איך טרוים דיך ישראל צעשטראלט און צעהעלט,
איך טרוים דיך ווי אַ מאָל: אַ משל פאר דער גאנצער וועלט,
איך טרוים דיך, ווי אַ לייכטטורעם אויף דיין יעדן ברעג
און ווי אַ מאָל... דעם גאנצן ערדקיילעך דו ווייזט דעם וועג.
איך טרוים דיך, ישראל, מקוים ווערט ווערן מיין טרוים.

אין דיין עבר איך גראָב אריין זיך טיף,
איך טרוים, און פון טרוימען מיינע איך בוי מיר א שיף,
אין מיינע טרוימען אלץ איך פארוועגד,
פון זיי לייג איך אויס דעם פונדאמענט, די ווענט,
זיי — די טרייב־קראפט, די מאַטשטן, די ליוקן,
פון זיי בוי איך אויס דעם אייזערנעם רוקן,
דעם דנאָ פון דער שיף און אויבערשטע דעק,
דער יידישער עבר — דער קאָמפאס, ווייזט די ריכטונג, דעם וועג,
דער יידישער עבר — דאָס קוועקזילבער אין באראָמעטער,
ווייזט דעם בייט דעם קלענסטן פון וועטער.

געטרוימט פון ישראל, מקוים געוואָרן מיין טרוים.

שטיל היינט דער ים אין זונפארגאנג,
פון דער טיף איך הער אַ געזאנג,
דער ים איז ראָז, גרין און פיאָלעט
און אין דער טיף דערטרונקענע שטעט,
דערטרונקענע שיפן — איך זע — אויף זיין דנאָ,
איך זע און פיל זייער לעצטע שעה,
און מענטשן דאָרט זע איך, קומען געקראָכן
אין שפינוועבס פון שליימען, אין נעצן פון מאָכן,

פויזען ארום די דערטרונקענע שיפן,
ווילן ארויס פון די טונקעלע טיפן,
אויף זייער יבשה ארויס זיי ווילן צוריק
און אין ים איך לאָז אראָפּ מיינע שטריק,
איך שלעפּ זיי ארויס פון דער טונקעלער טיף
און נעם זיי ארויף צו זיך אויפן שיף.

אין זונ־פארגאנג דער ים שטיל און פארקלערט,
שווימט מיין שיף ארום דער הייליקער ערד.
און איך זאָג: דאָ אויף דעם גרייזגרויען און יונגן ברעג
הויבט אָן זיך פונסניי מיין וועג.

געטרוימט פון ישראל, מקוים געוואָרן מיין טרוים...

אָ דער זינגענדיקער ים,
דער צעשטראַלטער שוים,
די אין זיך פאַרטיפטע וואָרצלען,
דער שטיין — שטומער דערציילער.

אָ וואָרצלען — וואַנדערער,
פאָרשער פון טיפן,
געוואָרפן אייערע אַנקערס
אין זאַמדיקן ברעג;
אַרומגעשוימט מיט גרינעם מאָך —
ציפּערבלאַט פון לעבן,
ווייזערס פון דער אייביקייט.

און נעבנביי דער שטיין —
פאַרשטיינערטער שוים,
אַ געפאַלענער שטערן —
אַ מעטעאָריט ?
שטיינגעבליבענע, פאַרשטיינטע,
טויטע צייט ?
אומאויפהערלעך טאָג און נאַכט,
טאָג און נאַכט
כוואַליעט און כוואַליעט
אַרום שטיין
די שוימיק, זינגענדיקע
סטיכיע — דער ים ; —
מיט בייזן, מיט גוטן,
שטורעמט סטאַקאַטאָס
זינגט, שלייפט,
לאַשטשעט זיך, און צערטלט דעם שטיין

דער ים, — און קאָן פון אָרט
איִם נישט רירן; —
און אויפן מאָד,
אויפן שטיין, אויף דער אָנגעכוואַליעטער
ימישער פלאָראַ,
שעמערירן, לעבן בלויז א רגע —
די זון און ים־וואסער־פערל;
און דער ווערנדיקער, נישט ווערנדיקער
און דאָך צעשטראלטער שוים,
גרייפבארער בלויז מיטן אויג —
(די ווערזנלאָזע פארקערפערונג
פון אילוזיע און טרוים..)

איך וואָלט אויך דאָ געלעגן — א שטיין, —
אנטקעגן זון און הימל, און ים,
אנטקעגן די אופגאנגען און פארגאנגען,
אנטקעגן די שטורמענדיקע, זינגענדיקע
זיך לאשטשענדיקע, צערטלענדיקע,
שלייפנדיקע כוואַליעס;
אנטקעגן ימישע ווייטן, שטילקייטן,
ווען גאָטס גייסט
שוועבט איבער די וואסערן —
און אויף מיר: דער נישט ערדיש גרינער
און גרויער מאָד
(גרוי פון די אָפגעשוימטע שוימען?)
און איך — פארשטיינטע, שטיינגעבליבענע צייט
און די סטיכיע — דער ים — די אייביקייט
זאָל פון אָרט
נישט קאָנען מיך רירן.

און אויף מיר, אויפן מאָד —
די שעמערירנדיקע, איין רגע לעבנדיקע —
זון און ים־וואסער־פערל
און דער ווערנדיקער, נישט ווערנדיקער
און דאָך צעשטראלטער שוים,

גרייפבארער בלויז מיטן אויג —
(די ווענזלאַזע פארקערפערונג
פון אילוזיע און טרוים.)

נאָר איך — בלויז א זעמדעלע,
געבראכט, געטראָגן פונעם ווינט,
איך קלעפּ זיך צו — צו א פוס
און ער טראָגט מיך אוועק
ווו איך בין שוין געוועזן
און נישט געוועזן.

אָ קינדער בלומען פון דער מענטשהייט:
אייערע אויגן — טוי־טראָפּנס, פעלד־בלומען,
יעדער רופנדיקער, האָפּערדיקער שטערן —
אייער שטערן..
יעדער צאנקענדיקער, פאלנדיקער —
מיין שטערן.
אָ קינדער בלומען פון דער מענטשהייט.

אייערע טוי־טראָפּנס און פעלדבלומען־אויגן
פרעגן, דוכט מיר די אייביקע פראגע:
פאָטער ריז, פארוואָס אונדז פארטראָגן
אזוי ווייט פונעם הימל
געוועוען מלאָכימלעך, געשפּילט פארשייט
ביי גאָטס רעכטער האנט,
צעוואָס אונדזער שפּיל צעשטערט,
(צעוואָס אונדז אראָפּגעשיקט אויף דער ערד)
וואָס אויף דער רעשיקער, ווירבלדיקער ערד
פאר אונדז פארגרייט,
א קייט
און נעצן אומעטום פארשפּרייט,
צי א איילבירטן־צווייג און פליגל
צו פליען ווייט.. ווייט..
צוריק אין דער בלויקייט
צו גאָטס רעכטער האנט?

אָ קינדער בלומען פון דער מענטשהייט.

אמאָל.. כ׳האָב מורא
פאר זיך אליין
און זיך אליין איך מייד
און כ׳וואָלט זיך צעטראָטן; —
אמאָל — דוכט: כ׳בין בלויז א וואָרעם
אונטער א שטיין
און אנטלויפן
כ׳וויל פון זיך אליין
און פון מיין שאָטן.

דריי איך זיך, דריי
אין ווירבל־קרייז
און אין אנדערע זוך איך
דעם שליסל צו זיך; —
נאָך נישט געפונען
אין מיין ,איך׳
דעם שליסל צו זיך..?

און דאָך: ווען איך וויל אנדערע פארשטיין,
קער איך זיך אום צו זיך אליין.

אָ די קליידער — די ווערטער,
די פאלדן, די קנייטשן —
די אָפענע באהעלטענישן..
אָ דער וואנדל, דער בייט
די קליידער, די ווערטער,
די ניט געבוירענע בליצן,
די קלאנגען, די גאמעס,
די אָנדנאָיקע פאוזעס,
די ניט געבוירענע שמייכלען —
די שווערע וואָלקנס.

אָ די ווערטער — די קליידער.

די אומהיימלעכע נאַקעטקייט.

פארוואָס ווערט אומהיימלעך די אייגענע
און דעם שכנס נאקעטקייט,
אפשר דערפאר האָט קין
אומגעבראכט הבלען,
ווייל ער איז געווען נאקעט —
וויילביידע נאקעט..?

אָ די ווערטער — די קליידער, —
די נאקעטקייט.

דו זאָגסט: אויף מיין פּנים
נישטאָ קיין קנייטשן —
דער סקולפּטאָר — די צייט
קריצט אויס זיינע סקולפּטורן
אויפן פּנים;
און די קנייטשן
אין דער נשמה —
ווער קריצט אויס די קנייטשן —
די סקולפּטורן
אין דער נשמה,
וועלכעס דאָס אמתע פּנים,
וואָס מע זעט מיטן אויג,
צי יענץ וואָס מע זעט נישט?

א וואָרט אויף א שלום עלכים־אָוונט אין טשערנאָוויץ 1946

מיר לאכן נאָך אלץ ווי מיר האָבן געלאכט,
געוויינט און געלאכט,
און קוויקן זיך מיט דיין יעדן וואָרט; —
נאָר צווישן דיינע שורות —
א לאנגע, לאנגע נאכט,
און ווו א נעסט — דאָרט —
א הייליק אָרט.

פון דיינע שורות שטרעקן זיך הענט
מיט בלעטער פון בלוטיקע ספרים; —
און האָדל — צעלאָזענע האָר — געשענד
און גריבער און גריבער און מתים
ניט געבראכטע צו קבורה.

מיר לאכן נאָך אלץ ווי מיר האָבן געלאכט
מיט טרערן אין אונדזער געלעכטער,
זיינען אוועק אין שלאכט
פעפערלס, האָדלס — זין און טעכטער; —
פון יעדער טרער — א קויל,
פייער און אויפרייס גערעכטער,
געגלוווערט דעם שונאת מויל
אין גאליקן לעצטן געלעכטער.

מיר לאכן נאָך אלץ ווי מיר האָבן געלאכט,
געוויינט און געלאכט,
ביים גרויסן געווינס און גלחס — בילעט,
דיין געלעכטער באגלייט אונדז אין שלאכט,
געהילכט אין באפרייטע שטעט.
דיין געלעכטער — האָפנונג, גבורה און גלויבן
אין מאָרגן, אין מענטש, אין שיינקייט און גוטס,

דאָס געלעכטער קאָן דער שונא נישט רויבן,
נישט פארגאזן, נישט פארברענען,
ניט צעטרעטן אין שמוץ.

סע לעבט דאָס פאָלק, סע לעבט זיין זינגער,
וואָס האָט מיט אים געוויינט און געלאכט,
און די רוצחים, די באצווינגער —
פארשלינגען וועט זייער אייביקע נאכט.

די שיך

די שיך — ניי,
די פיס — אלט,
פרירן די שיך
ווייל די פיס — קאלט; —
וואָס וועט זיין מיט די שיך,
(ווען די פיס וועלן מער שוין נישט גיין ?. —)
וועלן אין א טונקל ווינקל
פארשטויבטע שטיין,
פאריתומט אליין.

קומט א אָרעמאן,
קלאפט אין טיר:
א געבויגענער קאָפ,
פון פארמעט א פליך; —
פון די וואָנציעס
קאפעט — געפריר,
מע שטופט אים אריין די שיך —
(די שיך פון דעם וואָס — טויט).
די נייע שיך —
און — א אלט פארדאַרט שטיק ברויט.

די שיך — ניי,
דער אָרעמאן — אלט,
פרירן די שיך —
די פיס — קאלט; —
סקריפען די שיך,
זיפצן און קרעכצן:
(ווער זאָגט דאָס לעבן — זיס ?)
גארן און לעכצן
נאָך א פאָר ווארעמע פיס.
(טראכט דער אָרעמאן ביי זיך:)
„זיי שאטן מיר צו דער פרנסה —
די נייע שיך,

מע זעט דורכן קוקערל
זייער גלאנץ,
מע עפנט די טיר
און מ׳מיינט — א גביר ? !

. . . ווי ווערט מען פטר פון די נייע שיך . . ?״

טראָגט ער אויפן מארק זיי פארקויפן.

צווישן אלטווארג א הויפן
שטייען די שיך — פארשעמט
אין טרויריקע רעיונות
פארקלעמט :
,,געוועזן גערעכט די מאשין,
געהודיעט : וואהין איילט איר, וואַהין,
וואהין . . ?

אכט חדשים..

פאר מיין פריינט — א יידישן שרייבער
וואָס איך טאָר נישט דאָ.. דערמאנען זיין ליבן מיר נאָמען.

...מע זאָגט: אפילו ביי א טויטן
הערן נישט אויף צו וואקסן די נעגל.
און פון יענער זייט קראטן שוין וויפל מעת־לעת —
אָן אויפהער — א שלאקסרעגן.

שוין וויפל מעת־לעת ווי ארום מיר
אלץ מער, אלץ מער איינזאמער. —
אויף די קראטן, אויפן פּיצל פענצטערל
פון מיין שטייג — (מיין איינצל־קאמער)
מוטנע־פינצטער; —
דרינגט נישט אריין
דער מינדסטער
טראָפּן שיין;

און אפילו דאָס מייזעלע
וואָס איך האָדעווע יעדן אינדערפרי,
קומט אויך נישט מער, —
ליגן די קרישקעס ברויט
אויפן שטיינערנעם דיל,
לעבן לאָך אין ווינקל פון וואנט, —
נישט גערירטע.
שוין וויפל מעת־לעת
ווי איך הער זיך איין
צום מאָנאָטאָנעם גאנג
פונעם שלאקסרעגן; —
שוין וויפל מעת־לעת
ווי איך טראכט זיך אריין,
קאָן נישט באפרייען זיך פונעם געדאנק:
ביי א מת, אפילו ביי א מת
וואקסן די נעגל!

שוין וויפל מעת־לעת ארום מיר
קיין איין רגע נישט געהעלט,

נישטאָ מער קיין פענצטער, קיין טיר,
דוכט: נישט איך פון דער וועלט,
נאָר די וועלט פון מיר אויף שטענדיק פארשלאָסן,
און אלץ, אלץ ארום מיר — פארשטעלט
פון א הימל — מיט סמאָלע באגאָסן:
שווארץ און שווארץ און בלויז שווארץ,
פון קראטן צעשניטן אין פאסן
און שוין צעפלאָסן
אלע, אלע מיינע פארדראָסן
און מיין הארץ, מיין הארץ
קאָן שוין מער נישט, נישט ליבן
און נישט האסן.

נאָר מיטאמאָל: אויפן הימל טום פלוצים זיך עפעס א ריר,
ווי סע וואָלט דאָרט געעפנט זיך א פייערדיקע טיר,
א רגע בלויז און אויס דער בליציקער בלענד
און ווידער דער הימל — א שווארצער טריפנדיקער פלעק.
ביים לעמפל באטראכט איך מיינע בלייכע, אויסגעדארטע הענט,
אָפגעשניטן מיינע נעגל ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג,
מאָדנע ווי גרויס, ווי גיך ווידער אויסגעוואקסן —
יאָ.. יאָ.. אין תפיסה וואקסן די נעגל גיך; —
ערגעצווו פון יענער זייט קראטן כליופען רעגנשלאקסן,
דוכט: מיינע האָר — אויסגעקראָכן און כ׳האָב שוין א פליך
און איך — שוין זייער, זייער אלט
און דער רעגן פאלט
טראָפן נאָך טראָפן
אויף מיין נאקעטן, פליכעוואטן קאָפ!
נישטאָ שוין קיין צופוסנס,
קיין צוקאָפנס,
כ׳זינק אלץ טיפער, טיפער אין א אָפגרונט אראָפ
און פון יענער זייט קראטן,
פון יענער זייט ווייט,
פון יענער זייט צייט
פליוכען אומאויפהערלעך רעגנשלאקסן
און די נעגל —
די נעגל וואַקסן...

דעם דיכטער און מענטש מלך ראוויטש
אין דאנקבארער און ליבער דערמאנונג.

פרעגט מיך ניִשט גאָרנישט, קוקט מיך נישט אָן
הערט זיך איין אין מיין שווייגן,
געזען א צעריסענע, בלוטיקע פאָן,
געזען אייזיקע צווייגן. —
קאָן זיין: ווען פון צווייגן
ווערט אראָפּפאלן דאָס אייז,
וועלן זיך אויך די צווייגן צעפאלן — ?
איר ווייזט א וועג? — באווייזט —
א וועג צו ריינע קוואַלן.

וועג, וועג, איך גיי אויף דיר
ווי אויפן מילכוועג.
וויפל וועגן —
וועלן אָנקומען אנטקעגן
וועל איך גאָרנישט, גאָרנישט
נישט פרעגן; —
(וואהין איך גיי,
וואהין כ׳וועל אָנקומען
כ׳וויל נישט וויסן,)
כ׳וול בלויז גיין, גיין
און אוועקגיין פון זיך אליין.

בלויז כוח שעפן בלייב איך שטיין, —
טרינקען פון די וועלדער, פעלדער, בערג,
פון די פעלד־בלימלעך־אויגן —
(מיינע ברונעמער ביים וועג)
און ווי דער איינזאם פארבלאָנדזשעטער
רויטער מאָן אינמיטן גרינעם און רעגנבויגן־ים,
איך פרעג נישט, וויאזוי און פונוואנען קום איך אהער
און וואהין גייט דער וועג,
צי איז ער איינער, האָט ער נאָך ברידער, שוועסטער,
שיקט ער זיי גרוסן, געשריבענע אין שטויב
מיט טריט פון גייער?
איך פרעג נישט ביים וועג,
פרעג נישט ביי קיינעם,
איך וויל בלויז גיין און גיין
און אוועקגיין פון זיך אליין.

ווענ, ווענ ווערסט אמאָל
פאַר מיר זיך אנטפּלעקן,
דו ביסט איינער
צי אין אומצאָליקע
געשטאַלטן
באַהאַלטן — ?
איך שטיי לעבן דיר
מיט א שטעקן,
(ווי משה ביים ים.)
ווענ, ווענ, אומצאָליק
געשפּאָלטן. —
ווי שפּאַנט מען אריבער
די שפּאַלטן..?

מיין יוגנטפריינט — דעם דיכטער משה שאפיר
אין ליבער דערמאנונג.

פארפרוירן דער ימישער אויסגוס — דער איבערפלוס,
הונגריק שרייען די מעוועס,
ווייסן נישט דעם וועג
צו די ברעגן
פון אייביקן זומער.
דער ים זשאלעוועט ניט זיינע אוצרות,
זיין דנאָ, זיין שטח,
צוימט זיך, ציט צוריק זיינע וואסערן,
טרעט אָפּ ברייטהארציק אלץ מער ברעג
פאר דער אין ענגשאפט און איבערפלוס
זיך שטיקנדיקער מענטשהייט;
(פאר דער אין קנייטשן טיף פארזאָרגטער מאמע — ערד)
נאָך א שטיקל, נאָך א פאס טרוקעניש,
אויסגעצערטלט, אוסגעקושט, אויסגעשליפן
פון די ,שטילן׳ און די שטורעמס..
אויסגעבעט, אדורכגעפעט
פון די שליימען און געביינען פון דורות
ימישע לעבנס
און אלץ ווייניק,
ווייניק..

און די מעוועס שרייען הונגעריקע
ווייסן נישט דעם וועג
צו די ברעגן פון אייביקן זומער; —
שרייען צו דער זון, אין טונקלע שלייער־נעפלען
טרויערנדיקער זון:
„הער פון לעבן און פארוויסטונג
קאָווע אויף דעם אייזיקן גליווער
פון ימישן אויסגוס, פונעם איבערפלוס,
דער ים גערואמער זאָל ווערן, ווייטער,

זאָל זיך ראַיען, ווערן געדיכט,
ווימלען פון איבערפלוס,
פון פיל, פיל לעבעדיקס,
מיר זיינען הונגעריק: —
מיר ווייסן נישט דעם וועג —
צו די ברעגן
פון אייביקן זומער.״



אָט די צייכענונג האָט אויך — און דערצו נאָך — איר נישט געוויינלעכע געשיכטע;
דאָ וועל איך בלויז פאַרצייכענען די אויסטערלישקייט פונעם פאל ווי אזעלעכן:

דער ,מאָלער׳ — א קרימינעלער, א רעצידיוויסט, בשעת מעשה שוין אָפּגעזעסן די עלעפטע שטראָף, געלעבט אויף 9 פאמיליען־נעמען, מיט דער הילף פון טיילווייז צוגעגנ־בהעטע, טיילווייז געפעלשטע פּעסער.

אין לאגער איז שטרענג פארבאָטן זיך פארלאָזן לאנגע האָר, אלע מוזן זיין גלאט געשאָרן. אין לאגער־שפּיטאָל (ווו דער רעזשים איז געווען עטוואָס לייכטער) זיינען מיר עטוואָס אונטערגעוואקסן די האָר, זיך פארלאָזט א באָרד. איינער פון מיינע שכנים אויפן שפּיטאָל־בעטל (צו 3—4 אין דער ברייט, אויף איין געלייגער) איז געווען אָט דער ,מאָלער׳־רעצידיוויסט; ער פלעג מיך רופן: „באָראָדאַ״ ד. ה. פשוט באָרד, מיך געבעטן אים פּאָזירן, ער וויל מיך „אראָפּנעמען״ (ד. ה. צייכענען) ווייל מיין באָרד דערמאנט אים שטארק זיין קאָמפּאניאָן, אים פלעגט ער אויך רופן: „באָראָדאַ״, „נאָר וואָס קומט ארויס דער־פון, זיך צעקריגט מיט אים אויף מעסערס און זיך פונאנדער געגאנגען ווי שיפן אויפן ים און איבער וואָס צום טייוול... איבער נארישקייטן — אַ יובקע... און א מאָגער פּעקל טשערוואָנצעס״. *

נישט אויפגעהערט עס באדויערן, ווייל:

„אזוי לאנג ווי ער האָט „געארבעט״... צוזאמען מיט דער ,באָרד׳ איז ער ארומ־געגאנגען מיט די הענט אין פולע קעשענעס און זיך צוגעפּייפט און די מיליץ איז ארומ־געלאָפן מיט די צונגען אין דרויסן און נישט אָנגעהויבן וויסן פון וואנען די פיס וואקסן... אָבער פון זינט ער איז זיך פונאנדער געגאנגען מיט דער ,באָרד׳ גייט די מיליץ ארום מיט די הענט אין די קעשענעס און פייפט זיך צו און ער ,קאטייעט׳ זיך אויפן קאזיאָנעם חשבון פון אייז קאזיאָנע הויז אין אנדערן...״ (ד. ה. פון תפיסה צו תפיסה, פון לאגער צו לאגער) ער האָט מיך צווייםאָל „אראָפּגענומען״ ד. ה. געמאכט צוויי צייכענונגען, די ,בעסערע׳ מיר געשענקט, זיך אנטשולדיקט:

— „אפשר נישט אזוי — ווער ווייסט ווי לאנג שוין נישט געהאלטן קיין בלייער אין האנט...״

פונעם ,ספּעץ׳־לאגער טאָר מען גאָרנישט ארויסטראָגן, אפילו נישט דאָס קלענסטע שטיקל פּאפּיר און ווען מע ווערט „באפרייט״, מוז מען בשעת דער רעוויזיע זיך אויסטאָן „,ווי די מאמע האָט דיך געהאט״.

די צייכענונג צענויפגעלייגט, נאָר אזוי זי זאָל זיך נישט באשעדיקן און א פארטרויטער לאגער־חבר, האָט זי מיט א פּלאסטער צוגעקלעפּט צו מיין פּלייצע און פון אויבן וואטע און א באנדאזש. (אונטער דער רעכטער לאָפּאטקע) ווען מע האָט מיך — (צוזאמען מיט נאָך אזעלכע ווי איך) נאקעטערהייט — רעווידירט, זיך אזוי ,געדרייט׳... איך זאָל נישט אויסקומען מיט דער פּלייצע צו די רעווידענטן, ווייל כמעט שטענדיק, אויב עמעצער האָט געהאט א ווונד, פלעגן זיי הייסן אויפוויקלען די באנדאזשן.

צופעליק געהאט מזל. און אזוי האָט זיך איינגעגעבן ארויסטראָגן פון לאגער אָט די אומגעווייינלעכע צייכענונג פון אָט דעם אויסטערלישן ,מאָלער׳ וועלכן עס וואָלט זיך קיינמאָל אפילו נישט געחלומט אז זיין ,ווערק׳ וועט פארעפנטלעכט ווערן אין א בוך און דערצו נאָך אין א יידישן.

---

* צענרובלדיקע

אָנשטאָט א פאָרוואָרט

נאָך לאנגן, לאַנגן שמאכטן אין שיר נישט אומצאָליקע קאזעמאטן, אין איינקע — פון די (צענדליקער) ניי־געבויטע נאָך דער אויסגעקעמפטער „פרייהייט" — און אין אנדערע נאָך פון „איוואן דעם גרויזאמען" און „יעקאטערינעס" צייטן — אלטע צארישע קאזעמאטן: די „קליינע" תפיסות אין דער „גרויסער תפיסה"... אין די „קליינע" קאזעמאטן זעט מען און שפירט יעדע רגע די קראטן, שטעכיקע און עלעקטריש געלאָדענע דראָטן און ארום זיי, די טאָג און נאכט האוועקנדיקע און אויף לאנגע ראשלענדיקע קייטן ארומלויפנדיקע פירפיסקע און די צווייפיסיקע אויבן אויף די וועכטער־טורעמס; אין דער „גרויסער תפיסה"... זעט מען דאָס אלץ נישט אזוי דייטלעך, אָבער די נאָענטקייט דערפון פילט און שפירט מען שטענדיק... נאָך יאָרנלאנגן עבודת־פרך אין אזוי־גערופענע „אויסבעסערונגס" און קאטאָרגע־לאגערן, אין אומאויפהערלעכן געראנגל פאר יעדן ביסעלע אָטעם, פאר יעדן טראָפן מענטשן־ווירדע; איצט ווען איך שיק אין דער עפנטלעכקייט (אָן א באשטימטן, זיכטבארן אדרעס?) דאָס ערשטע פון דעם וואָס כ'האָב יאָרנלאנג ארומגעטראָגן / אין די אומצוטריטלעכע סייפן / אונטער מיינע שלייפן,/וועט דוכט מיר זיין נישט איבעריק, דעם יידיש־לייענער (די לעצטע מאָהיקאנער...?) לאָזן א קאפעלע ארייַנבליקן כאָטש אין עטלעכע איינצלהייטן פון די אומשטענדן און פון דעם „ליטעראַרישן ווארשטאט" אין וועלכן ס'איז „געבאָרן" געוואָרן שיר נישט דער גרעסטער טייל פון דאָזיקן בוך.

*

* *

...געווען אמאָל דריי יוגנט־חברים, צוזאמען זיך אוועקגעלאָזט זוכן — דעם אמת, ווי דאָס גרעסטע גליק, אָנגעקומען צו א קרייצוועג, זיך צעשיידט: איינער — איז אוועק לינקס, דער צווייטער — רעכטס און דער דריטער — גלייך פאָרויס; — און אויף יעדן פון די דריי וועגן האָט אויף יעדן איינעם פון זיי געוואַרט דאָס וואָס ער האָט שוין פון לאנג, אפשר פון געבורט געטראָגן אין זיך: זיין אמת — זיין גורל — און מיר — איז באשערט געווען מיינס...

*

* *

אויב נאָך 38 יאָר (פון זינט כ'האָב פארעפנטלעכט מיין ערשטע ליד) איז עפּעס מער ווייניקער פון מיר, יאָ באקאנט, איז עס דער עיקר מיין יאָרנלאנג וואָגלען דורך תפיסות און לאַגערן און לויט דער איראָניע פון זעלביקן גורל כימעט גאָרנישט פון מיינע שאפונגען — דאָס רוב נישט דערגאנגענע, רעקוויזירטע בשעת די רעוויזיעס און ארעסטן און ביי היינטיקן טאָג צום גרעסטן טייל נאָך נישט פארעפנטלעכ־

טע, דורך רעוויזיעס און גרענעצן ,דורכגעשמוגלטע' כתב־ידן, אנדערע ערשט אין ׳פראַצעס פון אנטשטיין, אָדער פארטראכט, ווארטנדיקע אויף זייער ט אָ ג ; טייל־ווייז שוין ,אָנפארטרויטע' דעם פאפיר און — אין די „אומצוטריטלעכע סייפן / אונטער מיינע שלייפן...״

*

* *

אין די ממש — אומפאַרשטעלבאַר־שווערסטע צייטן און מאָמענטן, זיך צעמאָל געטרייסט : (מיט עפעס מוז מען זיך דאָך... טרייסטן — שיר, שיר נישט אָנגעשריבן — געגאָרן — פאר דעם זאָרגט שוין דער אינסטינקט פון זעלבסטפאַרהיטונג)

...די השגחה אליין האָט מיך „אויסדערוויילט״ און „דעלעגירט״ איך זאָל טראָגן שטיינער צום ,בבל־טורעם׳... פון ,רויטן מיצרים׳, כדי גלייכצייטיק אויך זיין א מינדלעכער און שריפטלעכער עדות פון געשעעניש און דערשיינונגען וועלכע זיינען — אויבנאויפיק גענומען — אפשר נישט קיין נייעס, אָבער אויך נישט קיין דירעקטע איבערחזרונג, אין זין פון :

„די געשיכטע חזרט זיך איבער״..

יאָ,

„די געשיכטע חזרט זיך איבער צווײמאָל : איינמאָל אין דער פאָרם פון א טראַגעדיע און דאָס צווייטע מאָל אין דער פאָרם פון א — פ א ר ס.״ (מארקס).

אין דעם פאַל איז דער פ א ר ס אויך געווען אומבאַשרייבלעך טראַגיש און נישט ווייניקער באַלערנדיק און וואָרענענדיק...

נאָר צי פעלן דעם מענטשן טרויעריק־טראַגישע און פאַטאַלע דערפאַרונגען..?

בכלל איינע פון די אומפּאָפּולאַקמענסטע ,כלי־זין' פונעם באַשעפעניש מענטש איז — זיין זכרון, איך וואָלט זאָגן : די קורצזיכטיקייט פון זיין זכרון...?

און אפשר איז דאָס א ,פּראָפילאַקטישע' פון דער נאַטור פאַרגעזאָרגטע, מיטגע־געבענע לעבנס־אייגנשאַפט, אָן וועלכער די עקזיסטענץ פון באַשעפעניש מענטש וואָלט בכלל געווען אומדענקבאַר?!

*

* *

איך האָף דער חשובער (אַנאָנימער?) יידיש־לייענער וועט — אויב נישט מסכים זיין, — אָבער אפשר דאָך פארשטיין, מיין — קאָן זיין — אביסל איבערגעטריבענעם פּע־סימיזם : (?) ביים איצטיקן נעילה־צושטאנד פון יידיש, נישט זעענדיק דעם אדרעסאַט, שיק איך — נישט אָן געמישטע געפילן, אין דער שיר נישט חלל־עפנטלעכקייט — דאָס דאָזיקע בוך : אן אָפּקליַיב פון דעם מינימום, כמעט איינציקן וואָס האָט זיך אויף פארשיידענע אופנים איינגעגעבן פארהיטן פון אלץ וואָס איך האָב אָנפאַרטרויט דעם פּאַפיר, פאַר און בשעת די אומבאַשרייבלעך שווערגעפּרוּווטע **זיבנאונצוואַנציק יאָר — ראַטנפאַרבאַנד ;** (1932—1959) גלייכצייטיק איז דאָס בוך אויך (אין א

געוויסער מאָס) א סך־הכל, — פארהעלטניסמעסיק, דערווייל'ע נאָך גענוג אָרעמער — מיט וועלכן עס ווערט אָפּגעשלאָסן א זייער לאנגער, דער סאמע גרעסטער און טרויעריקסטער פעריאָד אין מיין לעבן און — וואָס שייך שאפן איז עס אינגאנצן אָפּהענגיק וויפל מיר איז נאָך פארבליבן אויף מיין ,לעבנס־קאָנטאָ׳...?

וועגן וואָס צו שרייבן, וואָס צו דערציילן פעלט מיר נישט, (און מיר דוכט אז געוויסע „סודות" פונעם „וויאזוי" האָבן מיר זיך אויך אנטפּלעקט?) נאָר ווי דעריאָגט מען די פארלאָרענע יאָרן, בפרט ווען דער „וואָגן".. סקריפּעט שוין שטארק און אמאָל ליגט ער — „איבערגעקערט, מיט די רעדער ארויף"..?

*

*   *

דער גרעסטער טייל פון די לידער, באלאדן און טעקסטן (חוץ אָפּטייל „חטאת הנעורים") זיינען דער עיקר אויסגעטראָגן און געבאָרן אין תפיסה און לאגער, אין אומשטענדן פון שיר נישט האָפענונגסלאָזער, פיזישער און גייסטיקער לקוי חמה, אין פעריאָדן פון טראגיש־ביטערע גורל־אויספרוון, ניסיונות, פון א קארדינאלער איבערשאצונג פון ווערטן און אנטשיידנדיקן מאָראליש־עטישן ,עקזאמען׳...

*

*   *

נישט זעלטן שטעלט מען מיר די פראגע: צי איז אין תפיסה, אין לאגער (שוין נישט רײדנדיק פון פסיכיש און גייסטיק זיין, אין דער פאָרם?) בכלל געווען א וועלכע סע נישט איז מעגלעכקייט צו שרייבן און דאָס אָנגעשריבענע צו פארהיטן? דער טעקסט פון „פארשריבן אין זכרון" (ז. 8) קאָן דינען ווי א ענטפער אויף דער דאָזיקער פראגע, אָבער ווייט, ווייט נישט קיין אויסשעפנדיקער:

אין תפיסה, אין לאגער קומען פאָר רעגולערע, דערוואַרטע און דער עיקר אומדערוואַרטע אזויגערופענע „אָביסקן" — סקרופולאטע און סקרופולאָזע רעוויזיעס, פריער פאר אלץ זוכן די וועכטער־רעווידענטן שארפע חפצים, בלייערס, פאפיר, ריינס און באשריבנס; (אויך א מין — שארפע... חפצים) געשריבנס זוכט און נישטערט מען נאָך מער פארעקשנטער ווי אלע אנדערע פארבאָטענע קעגנשטאנדן. דער עיקר ביי די פּאָליטישע ארעסטאנטן אין די אזויגערופענע „ספּעץ־תפיסות" און „ספּעץ־לאגערן". כדי כאָטש אין א געוויסער מאָס אינערלעך זיך אנטשפּאנען און גלייכצייטיק באפרידיקן דעם מעכטיקן דראנג צו שרייבן, אויסלאָדן, זיך „באפרייען" פונעם אָנגעזאמלטן, האָב איך נישט איינמאָל פון די פענצטער אויף די תפיסה־טרעפּ (אויך פון פענצטער אין תפיסה־באָד) ,ארויסגעלאטכנט׳ א שויב און דאָן אין א ווינקל פון תפיסה־צעלע, (וועלכן מע זעט נישט פונעם „וואָלטשאָק" *) פון ציינפּראָשעק און א ביסל וואסער געמאכט אזא שיטערע

---

* דאָס קליינע, קיילעכיקע קוקערל הייסט אויף רוסיש — „וואָלטשאָק" פון רוסישן וואָרט „וואָלק" — וואָלף, און „וואָלטשאָק" באטייט: וועלפיש אויג.

מאסע און מיט איר באדעקט דאָס גלאָז; אין עטלעכע מינוט ארום, נאָכן אויסטריי־קענען פון דער מאסע מיט א שוועבעלע געשריבן אויף דער שויב, דאן מיט א שמאטקעלע אָפּגעווישט און ווידעראמאָל באדעקט די שויב מיט דער ווייסער מאַסע; (וואָס, וואָס, נאָר ציין־פּראָשעק האָבן מיר געהאט גענוג —) שלייפנדיק, יעדן טעקסט אָנגעשריבן עטלעכע מאָל און אזוי ארום, גלייכצייטיק אים פארפעסטיקט אין זכרון.

אָבער דאָס אלץ האָט זיך נישט געטאָן אזוי לייכט און אזוי גיך ווי עס דערציילט זיך, דער עיקר דאָס ארויסנעמען די שויב פון פענצטער:

בשעת דער וועכטער פלעגט אונדז פירן אין תפיסה־הויף צום פופצן מינוטיקן „שפאציר", האָט אָפט געטראָפן: דורכן אונטערשטן קאָרידאָר האָט מען געבראכט נייע, אָדער ארויסגעפירט פון תפיסה ארעסטאנטן, דעמלט, מיר זאָלן זיך איינע דאָס אנדערע חלילה נישט זען, פלעגט מען אונדז פארהאלטן אויף די טרעפּ, צעמאָל איז עס גראָד אויסקומען לעבן די טרעפּ־פענצטער; בשעת מעשה פלעגט דער שפאציר־וועכטער שטיין אונטן און דורכן „וואָלטשאָק" פון דער אונטערשטער קאָרידאָר־טיר בעאָבאכטן, צי דער דורכגאנג צום תפיסה־הויף איז שוין „פריי"..? מיט א שטיקל, אָדער אין באָד, אָדער אין תפיסה־הויף, געפונען דראָט, וואָס איך פלעג אין צעלע, פארמאסקירנדיק, באהאלטן יעדעס מאָל אויף אן אנדער אָרט, האָב איך — פארשטעלט פון די אנדערע ארעסטאנטן — דערווייל געדליובעט דעם פארוואר־טעוועטן קיט. ווען ער איז שוין געווען כמעט אינגאנצן באזייטיקט, איינציקווייז ארויסגעשלעפט די צוועקלעך, מיט וועלכע די שויב איז ווי געווײנלעך ארום און ארום באפעסטיקט געווען. אויך ביים אומקערן זיך פון שפאציר, האָט מען נישט זעלטן איבער ענלעכע סיבות אונדז פארהאלטן אויף די טרעפּ און צעמאָל אויך דאַן געהאט די „מעגלעכקייט" פאָרטצוזעצן מיין — ‚ארבעט'...

אָפּהענגיק פון דער פארטרוקנטקייט און קוואליטעט פון קיט, פונעם ווי אָפטן פארהאלטן אונדז אויף די טרעפּ און פון די אומבאמערקטע ‚ארבעטס־מעגלעכ־קייטן'... אמאָל אין א וואָך, אמאָל ערשט אין צוויי, אפילו דריי; און אמאָל אומזיסט ‚געארבעט...' אומקערנדיק זיך פונעם „שפאציר", אָדער פון באָד, צוריק אין קאמער, איז אונטער מיין ‚וואטניק' (ארעסטאנטן־בגד) שוין געווען באהאלטן די שויב.

אומגעפער ווען עס וועט דורכגעפירט ווערן דער רעגולערער „אָביסק", האָט מען דערעיקער לויט די צייטאָפּשטאנדן פון איין רעוויזיע צו דער צווייטער, מער ווייניקער געקאָנט זיך אָריענטירן, אָבער פאָרויסזען א אויסער־רעגולערע, אומדער־ווארטע רעוויזיע איז כמעט אוממעגלעך געווען, נאָר דער אינסטינקט און דער אויער פון ארעסטאנט ווערט מיט דער צייט אזוי צוגעשפיצט און אָנגעצילט פילבאר, אז א ספעציפישער מין גערויש, צי אן אומגעווײנלעכע שטילקייט אין קאָרידאָר איז

נישט זעלטן געווען א סיגנאַל פון דער דערוואַרטער און גאַנץ אָפט אומדערוואַרטער רעוויזיע. אַמאָל האָט דער „סיגנאַל" אָפּגענאַרט: מיין אינסטינקט און געהער איז באַזונדערס געווען צוגעשפּיצט, קאָנצענטרירט אויף פאַרדעכטיקע גערוישן אָדער אומגעוויינלעכער שטילקייט פון יענער זייט טיר פון טפיסה־קאַמער, איך בין געווען זייער פּאַרזיכטיק און ווי ווייט נאָר מעגלעך „פּראָפילאַקטיש."
די רעגולערע רעוויזיע פלעגט געוויינלעך פּאַרקומען אומגעפער יעדע 10 טעג, אַמאָל פריער, אָדער מיט א היפשער פאַרשפּעטיקונג, דערעיקער פאַר אָדער נאָך די מלוכהישע יומטובים.

3,2 טעג פאַר דער דערוואַרטער רעגולערער רעוויזיע און ביי יעדן אומגעוויינלעכן גערויש, צי שטילקייט אין קאָרידאָר, פלעג איך בליץ־שנעל צוטוליען מיין גלאָז צו דער שויב פון צעלע־פענצטער (צום גליק האָט עס כמעט שטענדיק געפּאַסט) און עס אַרומגעקלעפּט מיט שטענדיק (פאַר יעדן פאַל) צוגעגרייטן „קיט", געמאַכטן פון עטוואָס וואַסער און ווייך אויסגעקנאָטן, אָדער צעקייעט ברויט, בוכשטעבלעך אָפּגעריסנס ביי זיך פון מויל. חוצדעם זיינען געווען אויך אַנדערע נישט פאָרויסגעזעענע „וויזיטן" ווי למשל די אַזויגערופענע „ראַזפּאַרמיראָווקאַ" — ליקווידאַציע פונעם מאָמענטאַנעם אַרעסטאַנטן־באַשטאַנד פון דער קאַמער: אין קאַמער פלעגן פּלוצים אַריין עטלעכע וועכטער און באַפעלן איינס, צוויי זיך צענויפפּאַקן, בוכשטעבלעך אין צוויי, דריי מינוט און איבער באַוווּסטע אָדער אומבאַוווּסטע סיבות, פלעג מען אונדז איינציקווייז צעוואַרפן איבער אַנדערע קאַמערן. אין אַזעלכע אָדער ענלעכע פאַלן, ווען איך פלעג נישט באַוויזן עס „פאַר־קאָנספּירירן" פלעגט שוין מיין „טראָפּיי"־גלאָז פאַרבלייבן אין קאַמער, אָדער וואָס א סך, א סך ערגער, די וועכטער פלעגן מיך פּאַקן מיט דעם, דעמלט בין איך נאָך א סקרופּולאַטער „אויספאָרשונג" גלייך אַראָפּגעפירט געוואָרן –- אין קאַרצער — (אָפּהענגיק פון דער „מענטאַליטעט" פון דעזשורנעם אָפיציר —) אויף 5 אָדער 10 טעג.
ווען איך פלעג עס מוזן נישט „פאַרקאָנספּירירטערהייט" גלאַט איבערלאָזן אין קאַמער און די וועכטער פלעגן עס שפּעטער געפינען, (פאַרן אַריינלאָזן אַנדערע אַרעסטאַנטן ווערט די קאַמער גרינטלעך רעווידירט) האָט מען דאָן יעדן איינעם אַרויסגערופן אין תפיסה־קאַנצעלאַריע:
— ווער האָט דאָס גלאָז אַריינגעבראַכט אין קאַמער?
און — דעמלט זיך געמוזט מודה־זיין, כדי אַנדערע זאָלן איבער מיר נישט ליידן, ווייל ווען קיינער איז זיך נישט מודה, באַשטראָפט מען געוויינלעך אַלע — די גאַנצע קאַמער.

דער עיקער האָב איך זיך געמוזט היטן, מיין „טגיפּטיש לייט־טאָוועלע" זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די רעווידענטן — באַשריבענערהייט...

מיטנעמען דאָס גלאָז מיט זיך האָט באַטייט א זיכערער דורכפאַל:
יעדעסמאָל ביים איבערגיין פון איין קאַמער אין דער אנדערער, ווערט יעדער איינער גרינטלעך רעווידירט און דאָס רוב, ווי ביי אלע רעוויזיעס, מוז מען זיך דערביי אויסטאָן נאַקעט.
נישט געקוקט אויף דעם, פלעגט מיין „עגיפטיש ליים־טאָוועלע״ אמאָל „איבערלעבן״ עטלעכע קאַמער־„דורות״ און עטלעכע רעוויזיעס, אָדער פאַרשיידענע אנדערע געפאַרן. איינמאָל, שוין אויפן אנדערן טאָג, ווי כ׳האָב געבראַכט פון „שפאַציר״ מיין „טראָפיי״, האָט מיך א קאַמער־„אינפאָרמאַטאָר׳ געמסרט. (אזעלכע האָבן דאָס רוב נישט געפעלט: ספּעציעל אונטערגעקליבענע, נישט באַמערקבאַר „פּריווילעגירטע״, פלעג די תפיסה־אדמיניסטראַציע, אָדער די אויספאָרשונגס־אָרגאַנען, זיי איבערוואַרפן — פון איין קאַמער אין דער אנדערער.)

* * *

אין לאַגער איז שוין אָפיציעל דערלויבט געווען צו באַזיצן א בלייער, פּאַפּיר און אפילו טינט. (אויב מע האָט נאָר געהאַט. פאַר א שטיקל בלייער און עטלעכע בייגעלעך העפט־פּאַפּיר, נישט איינמאָל אוועקגעגעבן א „פּייקע׳ (טאָג־נאָרמע) ברויט, אָפּגעשפּאָרט שטיקלעכווייז אין משך פון אומגעפער א וואָך צייט.) בשעת די אָפטע רעוויזיעס, האָט מען אין לאַגער פונקט ווי אין תפיסה „רעקווירירט״ יעדעס פּיצל באַשריבן פּאַפּיר און אויב דאָס געשריבענע פלעגט ארויסרופן א חשד, אָדער געווען געשריבן נישט אין רוסיש, פלעגן די וועכטער־רעווידענטן פאַרשרייבן דעם נאָמען פון דעם, ביי וועמען, אָדער לעבן וועמענס געלייגער, אונטער וועמענס מאַטראַץ מע האָט עס געפונען. — אפילו אין מיסט־קעסטל, אין אש פון באַראַק־אויוון, פלעגן זיי נישטערן, זוכן, ארויסשלעפּן און באַקוקן יעדעס פּיצל באַשריבן, אָדער נישט באַשריבן פּאַפּיר. נישט זעלטן אפילו צונעמען בריוו מיטן שטעמפּל פון דער לאַגער־צענזור.
אין איינער מיינער א ליד (ז. 33.) פאַראַן פאָלגנדיקע שורות:

פאַרקויפט ניט אין די קראָמען
קיין פּאַפּיר, קיין בלייער,
פון פּאַפּיר און בלייער
צעפלאַמט זיך א פייער...

אין לאַגער מיינע לידער, טעקסטן, נאָטיצן און רעפלעקסיעס פאַרשריבן מיט א פאַרשיפרירטן אלף בית ווי, למשל:
$\frac{1}{10}$ — אן אלף, $\frac{1}{2}$ — א פּיי, $\frac{11}{2}$ — א שין, $\frac{6}{6}$ — א ל׳מד א.א.וו.
ווען מע פלעגט בשעתן „אָביסק״ געפונען ביי מיר, מיין, מיט ברויט־קלייסטער

צענויפגעקלעפט, אָדער צענויפגענייט העפטל, (דאָס רוב פון פאַרשיידנפאַרביקן פאַקפּאַפּיר, צענויפגעקליבנס ביי דער לאַגער־קין, אָדער ביים לאַגער־קיאָסק) פלעג איך דערקלערן:

— אין דער פריִער פון דער ארבעט צייט פאַרנעם איך זיך מיט מאַטעמאַטיק. צי האָב איך דען געזאָגט ליגן? פּאָעזיע: לידער, געפילן, געדאַנקען, חשבון הנפש, צי איז דאָס דען נישט געווען א מין ,מאַטעמאַטיק', העכערע.. מאַטעמאַטיק..? חוצדעם האָט אלבערט איינשטיין געזאָגט:

„פאַר מיר זיינען צאָלן דאָסזעלבע וואָס פאַרן פּאָעט ווערטער..”

און מיינע לאַגער־כתבים זיינען דאָך באַשטאַנען דורכאויס פון „צאָלן”..?

איך פלעג פאַרשטייט זיך מיין העפטל נישט האַלטן אַזוי, עס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן, אָבער ווייט נישט שטענדיק באַוויזן עס ערגעצוו פאַרשטופן, אָבער — אומבאַמערקט און זיכער עס באַהאַלטן איז געווען נישט לייכט, אָפּט אפילו אומ־מעגלעך, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין לאַגער זיינען דערצו געווען אומפאַר־גלייכלעך מער מעגלעכקייטן ווי אין תפיסה, אָבער גלייכצייטיק אויך אָן א שיר מער „בעאָבאַכטער”... — גוט פאַרקאָנספּירירטע צוטראָגער.

זייער גיך געקומען צו דער איבערצייגונג: זיך היטן מיט מיין העפטל, זוכן א אָרט וו עס אומבאַמערקט באַהאַלטן, איז אסך מער פאַרדעכטיקער און געפערלעכער ווי עס האַלטן פון אויבן אויף, למשל דאָרט וו אלע לאַגערניקעס האַלטן זייער נעבעכדיק ביסל אָרעמקייט: אונטערן מאַטראַץ. נאָך מיין דערקלערונג וועגן מאַטעמאַטיק, פלעגן איינצעלנע וועכטער־רעווידענטן (האַלבע אָדער גאַנצע אַנאַלפאַבעטן) מיט חשד, שעלמיש קוקן אויף מיר און אויפן העפטל, נישט דעצי־דירט: צונעמען עס, צי נישט צונעמען, אָבער טוף כל סוף מיר עס אָפּגעגעבן צוריק, אָדער אַזוי גאַנצערהייט עס אריינגעוואָרפן אין שוין דורכקאָנטראָלירטן מיסטקעסטל, געניי וויסנדיק אַז איך וועל עס פון דאָרט צוריק ארויסנעמען; אנדערע פלעגן עס צעפליקן אויף פיצלעך. דאָס איז צומערסטנס געווען אָפּהענגיק פון דער „מענטאַליטעט” און כאַראַקטער (לאָזיקייט) פונעם וועכטער־רעווידענט, פון זיין דעמאָנסטראַטיווער „געוויסנהאַפטיקייט”, פון דער מאָס פון זיין שטרעבן זיך אויס־דינען פאַרן עלטסטן. רעווידענטן — „קאַריעריסטן” זיינען געווען די ערגסטע און אַזעלכע זיינען געווען דאָס רוב, סיי צווישן די איינפאַכע וועכטער, סיי צווישן די עלטסטע. (אָפיצירן פון אינערנמיניסטעריום־מיליטער) זיי האָבן אין אלץ געזוכט און חושד געווען אנטיסאָוויעטישקייט און שטענדיק געווען גענייגט צו מאַכן פון אַ פלוי א עלעפאַנט: אַזוי למשל האָט אַזא איינער געקאָנט אריינקומען אין באַראַק און זען אויפן טיש א אלטע צייטונג מיט א ריזיקער צייכענונג פון סטאַלינס קאָפּ, אויף וועלכן עמעצער האָט מיט א כעמישן בלייער, ריין צופעליק עפּעס אָנגעפּאַטשקעט. ווי ער וואָלט „געפּאַקט דעם גנב” ביי דער האַנט, האָט דער

וועכטער א כאַפּ געטאָן די צייטונג און אָנגעהויבן אַן „אויספאָרשונג״:

— וועמענס איז די צייטונג און ווער האָט באַשמוצט סטאַלינס פּאָרטרעט?

אין אַן אַנדער לאַגער, האָט דער, איבער די לאַגער־באַראַקן אַרומגייענדיקער עלטסטער קאָנטראָל־וועכטער, איינמאָל דערזען אויפן טיש די אילוסטרירטע וואָכנשריפט „אָגאָניאָק״, מיט א קאָלירטער סטאַלין־פּאָטאָגראַפיע, אין דער גענעראַליסימוס פּאַראַדע־אוניפאָרם, געדרוקט אויף גלאַנץ־פּאַפּיר; אויף סטאַלינס גלאַט פּאַרקעמטן קאָפּ איז ווי מיט טוש דייטלעך און זייער טרעפלעך געווען אָנגעמאָלן א היטל פון א צאַרישן זשאַנדאַר.

עס האָט זיך געטאָן חושך:

צוויי וואָכן צייט האָט מען יעדן טאָג אַלע לאַגערניקעס פון דעם באַראַק, איינציקוויַיז געשלעפּט אויף אויספאָרשונגען:

— ווער האָט אָנגעמאָלן דאָס זשאַנדאַרישע היטל?

— ווער האָט אין לאַגער „אַריינגעשמוגלט״ דעם זשורנאַל?

אויב מיין „מאַטעמאַטיק״־העפטל פלעגט אַריינפאַלן צו אַזא טיפּ וועכטער, פלעגט ער עס תיכף רעקווירירן און פאַרשרייבן מיין נאָמען און מיין נומער. (ביי יעדן — אויף די לאַגער־בגדים, אויפן ברוסט, פּלייצע און קני איז געווען אָנגעצייכנט זיין לאַגער רעגיסטראַציע־נומער) צעמאָל האָט זיך עס מיט דעם געענדיקט, אָבער צווייַמאָל האָט מען מיך נאָכדעם נאָך געשלעפּט צום נאַטשאַלניק פון רעזשים און צום „אָ פּ ע ר״ — (אָפּעראַטיווער באַפולמעכטיקטער פון מ.ג.ב. זיכערהייטסדינסט אין לאַגער) וועלכן מע פלעגט אין אַרעסטאַנטן־זשאַרגאָן אויך רופן „קום״ וואָס אין רוסישן פאָלקס־לשון באַטייט עס: קוואַטער, וואָס מיינט: דער קוואַטער פון — די לאַגער־מוסרים.

דער נאַטשאַלניק פון רעזשים (— אָפיציר פון אינערנמיניסטעריום מיליטער —) און דער „אָ פּ ע ר״ האָבן ווי געוויינלעך מיט פאַרשיידענע דראָונגען און פרוּוון פון שאַנטאַזש, פון מיר געפאָדערט, איך זאָל זיך מודה זיין, וואָס באַטייטן די צאָלן און צוּוואָס דאַרף איך עס בכלל האָבן?

דאָס צווייטע מאָל, עטלעכע חדשים שפּעטער, אין א אַנדער לאַגער, האָט איינער אַזא „אָ פּ ע ר״, א האַלבער אַנאַלפאַבעט, (זיינע פּראָטאָקאָלן - פול מיט אָרטאָגראַפישע גרייזן, אפילו נישט געוווּסט, אַז די בוקאָווינע האָט אַמאָל (טעריטאָריעל) געהערט צו דער עסטערייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע) מיין העפטעלע געגעבן אויף „עקספּערטיזע״ דעם מאַטעמאַטיק־לערער פון דער אָרטיקער שול, פון יענער זייט לאַגער־דראָט, וו עס האָבן זיך געלערנט די קינדער פון דער מיליטערישער לאַגער־אַדמיניסטראַציע, פון די וועכטער און פונעם „קאָנוואָי״ — באַוואַכונגס־מיליטער. אין עטלעכע טעג אַרום, מיך אַרויסגערופן אויף אַן „אויספאָרשונג״ און קאָנפראָנטאַציע מיטן „עקספּערט״.

דער „אַפּער" האָט באַפעלעריש־אַראַגאַנט מיר געהייסן דערקלערן דעם לערער וואָס פאַרא מין מאַטעמאַטיק ס'איז פאַרצייכנט אין מיינע „שפּאַרגאַלקעס"? — ווי ער האָט מיט בטול אָנגערופן מיין העפט.

מיין לאַגע איז געוואָרן מאַקסימאַל־קריטיש:

פאַר דעם וואָס האָט נישט געוווסט דעם אמתן באַטייט פון די ,צאָלן'... זיינען זיי געווען אַבסאָלוט זינלאָז און טאַקע דערפאַר געמוזט אַרויסרופן אַ פראַגעצייכן ביי יעדן איינעם וואָס האָט זיך כאָטש מער ווייניקער פונאַנדערגעקליבן אין מאַטעמאַטיק: איינס פון ביידע — אָדער די משונהדיקע צאָלן באַטייטן אַלעס אַנדערע... נאָר נישט קיין מאַטעמאַטיק, אָדער דעם וואָס האָט זיי ,אַנגעטינטלט', פעלט אַ שרייפל..?

— דאָס איז העכערע, פאַרגלייכנדיקע (?) מאַטעמאַטיק — האָב איך — ווי עפּעס פון זיך אַליין פאַרשטענדלעכס, (נישט אָן אינערלעכער אָנשטרענגונג און שפּאַנונג) — זייער רויק און זייער דייטלעך אַרויסגעזאָגט דאָס ערשטע וואָס איז מיר גראָד אין דער רגע איינגעפאַלן; פאַרגעסנדיק, אַז עפּעס אינגאַנצן אַנדערש האָב איך זיך געקליבן זאָגן; און מיטאָמאָל — פאַרשטייענדיק אַז איך שווים מיטן שטראָם — האָט גלייכצייטיק ווי אַ זעלבסטבאַרעכטיקונג אין מיר אויפגעלויכטן אַ האָפענונג: אַ לערער אין אַ אָנפאַנג־שול און נאָך דערצו אין אַזאַ ווייט פאַרוואָרפן העק איז מיסתמא נישט קיין גרויסער בקי אין העכערער מאַטעמאַטיק און וועלנדיק — קאָן זיין — אין די אויגן פון „אַפּער" אונטערהאַלטן זיין „פּרעסטיזש", וועט ער אפשר צובאַמקען?

דער לערער — אַ רוס פון אַ יאָר 28־30 — האָט גלייכגילטיק, ווי געלאַנגווײַלט, געבלעטערט די „שפּאַרגאַלקעס" — מיין, פון פאַרשיידנפאַרביק פּאַק־פּאַפּיר צענויפגעקלעפּט העפטל — און גלייכצייטיק דייטלעך פאַרוווּנדערט געקוקט אויף די משונהדיקע צאָלן, יעדעסמאָל אויפגעהויבן פון איבער מיין העפטל זיין קליין קעפּל מיט דער, ווער ווייסט ווי לאַנג שוין נישט פאַרקעמטער, צעפּאַטלטער, שוואַרצער טשופּרינע און מיט אַזאַ גרינגשעצנדיקער מינע ווי מיט ווידערווילן אַ קוק געטאָן אויף מיר און אויפן ,אַפּער' און דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין נישט געגאָלט און ווי נישט געוואַשן פּנים:

— אויך מיר אַ ענין מיט וואָס אַן ערנסטער מענטש פאַרנעמט זיך.. כדי געווען וועגן אַזאַ נאַרישקייט מיך אָפּרייסן פון דער אַרבעט..

אָבער אויף אַ קול האָט ער געזאָגט, ווי באַמיענדיק זיך עס זאָל קלינגען וואָס איבערצייגנדיקער און ווי מיר האָט זיך געדוכט (אויפן גנב ברענט דאָס היטל!) מיט עפּעס נישט קיין גוטער אָנצוהערעניש:

— „איצט.. ווען ער האָט מיר דערקלערט... פאַרשטיי איך שוין וואָספאַרא מין מאַטעמאַטיק דאָס איז.

און קוים באמערקבאר שמייכלענדיק, אויף מיר א וואָרף געטאָן א לצנישן, פילבאדייטנדיקן בליק, וועלכן מע האָט געקאָנט גוט און זייער נישט גוט אויס־טייטשן. דער גורל פון מיין „מאטעמאטיק״־העפטל און אין א געווויסער מאָס אויך מיין גורל, איז אינגאנצן געלעגן אין זיינע הענט, אין זיין „עקספערטיזע״; עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט אויפגעכאפט מיין אינערלעכע געשפאנטקייט און אויפ־געגרודערטקייט, געהאט הנאה פון איר און זיך באמיט זי נאָך מער שטייגערן. דער ‚אָפּער׳ וועלכער איז די גאנצע צייט — מעשה וועלט־געוועלטיקער — געזעסן צוריקגעלענט אין זיין פאָטעל אונטערן ריזיקן שרייבטיש, האָט זיך פלוצים אומגע־דולדיק און ווי ארויסגעבראכט פון גלייכגעוויכט געטאָן א שטעל אויף און פאר־לירנדיק די הערשאפט איבער זיך א געשריי געטאָן:

—„שטאָ טע קרוטיש מאָזגי״!! (בוכשטעבלעך: וואָס דרייסטו מיר אַ מוח) „..ער פארשטייט.. איך וויל אויך פארשטיין.. דערצו האָב איך דאָך דיך גערופן..״

דער לערער — ווי גלייך גאָרנישט — אן אבסאָלוט רויקער האָט א בליק געטאָן אויפן „אָפּער״ מיט א מינע פון אומצווויידייטיקער גרינגשעצונג און גלייכצייטיק ווי פארוואונדערט זיך אומגעקוקט אין קאבינעט, ווי ער וואָלט זוכן מיט די אויגן דעם, אויף וועמען דער „אָפּער״ האָט זיך צעשריגן?

ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט אָפּגעגעבן א דין־וחשבון אז ער האָט איבערגעכאפּט די מאָס, (דער לערער איז דאָך ניט קיין לאגערניק), האָט זיך דער „אָפּער״ אראָפּ־געלאָזט אין זיין פּוטעל און שוין מיט עטלעכע אָקטאַוועס נידריקער, אָבער נאָך אלץ אומגעדולדיק־בייז:

— „וואָס איז עס סוף כול סוף, מאטעמאטיק, צי דער טייוול ווייסט וואָס..?״

ווי אויף צו להכעיס, תיכף נישט ענטפערנדיק, האָט דער לערער ווידעראמאָל גוטע עטלעכע ווײַלעס ארײַנגעקוקט אין מיין העפטל און צוגייענדיק צום שרייבטיש, ווי אוועקוואַרפנדיק, עס א שטרעק אויס געטאָן צום „אָפּער״ מיט אזא מינע:

— און ווען איך וואָלט דיר שוין דערקלערט וואָספארא מאטעמאטיק דאָס איז, וואָלסטו דען, גראָבער נפש, פארשטאנען..?

אָבער געזאָגט האָט ער שטיל און מיט אזא געוויינלעכן טאָן ווי וועגן עפּעס, וועגן וואָס עס לוינט ביכלל נישט צו ריידן:

—„דאָס זיינען פשוטע איבונגען פון העכערער מאטעמאטיק און מער גאָרנישט..״

...שלעכט באהאלטנדיק זיין אומצופרידנקייט מיט דער „עקספערטיזע״ האָט דער „אָפּער״ א וואָרף געטאָן א לאנגן פארניכטנדיקן בליק אויפן „עקספערט״ און ווי באטראכטנדיק וואָס ווייטער טאָן, עטלעכע ווײַלעס געזעסן ווי פארגליווערט; בשעת מעשה האָט דער לערער זיך אויסגעדרייט און ווי ער וואָלט עס פון זיך א וואָרף געטאָן, מיט אימפּעט אויסגעשטרעקט צו מיר די האנט מיטן העפטל, נאָר איך האָב עס אויך נישט גענומען און געקוקט אויפן ‚אָפּער׳ ווי איך וואָלט אים

פרעגן מיט די אויגן:
צי מעג איך עס נעמען?
ווי א הינט וואָלט אים געביסן, האָט זיך דער „אָפּער" פלוצעם א ריס געטאָן פון פּאָטעל, ארויס פון אונטער זיין שרייבטיש און אָנווייזנדיק מיט דער האנט אויף דער טיר, ממש אויף מיר אַ רעווע געטאָן:
„פּאָשאָל וואָן!" (ארויס פונדאנען!)
איך האָב שנעל א כאַפּ געטאָן פון לערערס האנט דאָס העפטל און אויף א רגע האָבן זיך אונדזערע בליקן באגעגנט:
צי איז דעמלט, אין יענער רגע אין מיין בליק געווען בלויז צעטומלטקייט, בלויז גליק מיטן אָפּגעראטעוועטן העפטל און ווער ווייסט נאָך מיט וואָס, צי אויך כאָטש א טראָפּן דאנקבארקייט און צי איז עס דערגאנגען צו מיין נישט ווילנדיק און אפשר ווילנדיקן, אומבאקאנטן רעטער?

* * *

א טייל פון די לידער און טעקסטן קאָנען אין דאָזיקן בוך איצט „דערזען די ליכטיקע שיין" אויך אדאנק אנדערע נאָבעלע רוסישע און דער עיקער יידישע מענטשן וועלכע האָבן זיי מיט גרויס פּיעטעט און אמאָל אויך מוט פּארהיט, אָבער דער גרעסטער טייל פון בוך איז — ווי געזאָגט — אויפגעשטעלט פון זכרון, אדאנק:
די אומצוטריטלעכע סייפן —
אונטער מיינע שלייפן..
דערפאר טראָגט דאָס בוך דעם — אפשר פאר א באנד דיכטונג — נישט איבעריק פּאסיקן נאָמען:
„פארשריבן אין זכרון".
די רוסישע מענטשן פּארהיטנדיק א טייל פון מיינע כתבים (בלעטלעך — ברוין און בלוי פּאקפּאפּיר, געדיכט באשריבענע, טיילווייז מיט מיינע „שיפער־ציפערן", טיילווייז מיט יידישע אותיות) האָבן פארשטייט זיך, אין זיי, גאָרנישט נישט געקאָנט איבערליינען:
—„א מאָדנע שריפט.. פון לינקס אויף רעכטס..?" — האָט איינער אן אגראָנאָם — א גרויסער קענער פון דער סיבירער פלאָרע, (וועגן וועלכער ער פלעג אונדז שעהנלאנג פארכאפּנדיק דערציילן;) אויך א „פאָרמשפּעטער" אויף 25 יאָר צוואנגס־ארבעט־לאגער — פארוואונדערט געשמייכלט און מיט אזא טיפישער אינטאָנאציע פון די סיבירער תושבים צוגעגעבן דאָס אזוי אָפט געברויכטע, ספּעציפיש־רוסישע, גרויסמוטיקע:
„— ניטשעוואָ.. ניטשעוואָ.. (מאכט נישט אויס) נישט וויכטיק ווי ס'איז געשריבן, צי פון רעכטס אויף לינקס, צי פון לינקס אויף רעכטס, דער עיקער סע זאָל זיין אָנגעשריבן דער אמת.. מיר האָבן שוין גוט פארזוכט... סיי פון רעכטס... און סיי פון לינקס..."

*

* *

זייער אָפט וווּנדערט מען זיך:
די גאַנצע צייט געווען אַזויצוזאָגן אַ פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט און אין משך פון אַ פּאַרהעלטניסמעסיק לאַנגן פּעריאָד זיינען דאָך געווען שיר ניט אומבאַ־גרענעצטע מעגלעכקייטן אַרויסגעבן ביכער אין יידיש, און דערצו נאָך באַקומען פאַר זיי היפּשע האָנאָראַרן, ווי פאַרשטיין דעם פאַקט וואָס פאַר די 27 יאָר ראַטנ־פאַרבאַנד איז בלויז דערשינען מיינס אַ קליין ביכעלע לידער (1934) וועלכעס איז פּאַקטיש (חוץ איינציקע נייע לידער) געווען אַן איבערדרוק פון מיין לידער־ביכעלע, דערשינען אין וואַרשע מיט קאַרגע צוויי יאָר פריער?

— פאַרוואָס נישט אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם כאָטש אַן אָפּקלייב פון דעם, וואָס כ'האָב פאַר דער גאַנצער צייט פאַרעפנטלעכט אין דער יידיש־סאָוויעטישער טאָג־פּרעסע און אין דער ליטעראַרישער פּעריאָדיק?

דער ענטפער איז אַ פּשוטער און נישט קיין פּשוטער:
פאַרהעלטניסמעסיק זייער גיך, אומגעפער נאָך העכער אַ יאָר צייט (נאָך מיין דורכפאָרן דורכן „גן־עדן"־טויער אויף וועלכן ס'איז מיט ריזיקע אותיות געווען אָנגעשריבן:

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער ברוך הבא אין פאָטערלאַנד פון די אַרבעטנדיקע) געקומען צו דער איינזיכט פון געטעס אומשטערבלעכער מאַקסימע:
„ווען דו קאָנסט נישט זאָגן דעם אמת, שווייג..."
מיין אפשר איינציקע סאַטיספּאַקציע:

נישט געשריבן קיין דירעקטע, אָדער אומדירעקטע ליגנס, נישט געפעלשעוועט, נישט געשטאַמפּעוועט קיין פּאַנעגיריק־טיראַדעס, אָבער אויך נישט (בוכשטעבלעך) געשוויגן און דאָס איז געווען מיין איינציקער, אין יענע אומשטענדן דער מיני־מאַלסטער, אָבער דאָך אַ קאָמפּראָמיס:

..גענוג געביסן די ליפּן און געשוויגן,
ווייל איך קאָן נישט זינגען קיין ליגן.—
גענוג אין זיך געשטיקט און געוואָרגן,
קאָן איך דעם נעכטן, דעם היינט און דעם מאָרגן
גלייך אין פּנים אַריין קוקן —
מיט אַ גלייכן, נאָר אַ שווערן רוקן.

אַ שוואַכע און אפשר נישט אינגאַנצן באַרעכטיקטע טרייסט.
חוצדעם דאַרף מען נישט פאַרגעסן די קאַרגע 14 יאָר תפיסות און צוואַנגסאַרבעט־לאַגערן און די ‚פּראָלאָגן'.. און ‚עפּילאָגן'.. די פּראָלאָגן פאַר יעדן אַרעסט, בשעת וועלכע ס'איז שיר נישט יעדן טאָג „פאַרשוואונדן.." עמעצער פון די קאָלעגן שריי־

בער, זשורנאַליסטן, פון נאָענטע באַקאַנטע אָדער עמעצער פון די באַקאַנטע און פריינט פון אונדזערע באַקאַנטע, אומאויפהערלעך האָט געקלאַפּט אין שלייף:
ווען וועט קומען מיין ריי..?
און ווען ס'איז אַריבער נאָך אַ נאַכט — אָנעם דערוואַרטן, פּאַטאָלן קלונג אין טיר: דאַנקען גאָט נאָך אַ טאָג „איבערגעלעבט!?
פּעריאָדנווייז איז דער ארעסט־פּסיכאָז ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד שיר נישט אומ־אויפהערלעך געהאַנגען איבערן קאָפּ.
און די עפּילאָגן — די שבעה מדורי גיהנום פון דער אָפענער און טיילווייז (שלעכט) פאַרוואַלירטער דיסקרימינאַציע, נאָך דער אַזויגערופענער „באַפרייונג" פון לאַגער; אָט די פּראָלאָגן... און עפּילאָגן... האָבן פיזיש און גייסטיק נישט ווייניקער אויסגעשעפּט ווי די תפיסות און לאַגערן.
און דאָך, נישט געקוקט אויף דעם, זייער אַ סך פּאַפּיר „קאַליע געמאַכט," (?) געשריבן, (די שטוב ברענט און דער זייגער גייט) אָבער דאָס רוב פאַר זיך, פאַרן טישקעסטל. גלייכצייטיק אויך צוגעגרייט צום פאַרעפנטלעכן אַ באַנד „געקליבענע לידער" (אויף אַ טייל פון וועלכע איך וואָלט אויך היינט זיך אונטערגעשריבן) און אַ בוך פּראָזע: ,מעשהלעך און דערציילונגען פאַר קליין און גרויס'. אין צווייִ פון די מעשהלעך זיינען שוין געווען פאַרוואַלירטע, אומדירעקטע אָנצוהערענישן אויף די גרויזאַמע און טראַגישע באַגלייט־דערשיינונגען פונעם סקרופּוללאָזן, טאָטאַלי־טאַרן רעזשים.
נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיין באַקאַנטער באַגרענעצטקייט פונעם „גלאַווליט", (צענזור) געצווייפלט, צי וועט ער זיי נישט פּסלען? אָבער די טעמפּקייט האָט געטאָן אירס (זאָסמאָל אין אַ פּאַרקערטער פון דער אָפיציעל געוווּנטשענער ריכטונג...)
און אַלץ איז אַדורך בשלום און דער פאַרלאַג האָט די כתב־ידן פוןביידע ביכער אוועקגעגעבן דעם פאַרלאַג־גראַפיקער מ. ר אָ ד נ י ט ו ו, כדי פּראָיעקטירן ביידע שערבלעטער און צייכענען די אילוסטראַציעס צו די מעשהלעך און דערציילונגען.
אומגעפער אין אַ וואָך אַרום, אין איינער אַ נאַכט האָט מען ר אָ ד נ י ט ו ו ן אַרעס־טירט, (אַ מאָלער און גראַפיקער, אַ קאָמוניסט, פּאָליט־עמיגראַנט פון פּוילן) און אין צוויי וואָכן אַרום, אין איינער פון יענע שלאָפלאָזע נעכט, האָט אויך אין מיין טיר אַ שניט געטאָן דער גורלדיקער קלונג. בשעת דער הויז־רעוויזיע ביים קינסטלער און ביי מיר, אַלץ רעקווירירט און אַזוי זיינען „פאַרפאַלן" געוואָרן די מאַשין־שריפט־קאָפּיעס און דער כתב־יד פון מיינע ביידע ביכער. דאָס איז געווען אין 1937. אין 1948 יאָר, בשעתן צווייטן אַרעסט אויך „רעקווירירט" אַלע מיינע כתב־ידן, אָבער אַ טייל **(אויסגעמישט מיט כתב־ידן פון אַנדערע אַרעסטירטע שרייבער!!)** אומדערוואַרט שפּעטער אומגעקערט מיין פרוי. כמעט דאָסזעלבע איז אויך געשען (אין דער אַזויגערופענער ליבעראַליזאַציע־ערע?) אין וואַרשע 1960, בשעתן דריטן און האָפנטלעך שוין לעצטן אַרעסט, נאָר ווער ווייסט...?

* * *

ווי כ׳האָב פריער שוין דערמאַנט, שוין אין אָנהויב פון צווייטן יאָר נאָך מיין קומען אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט מיר פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אָנגעהויבן פאַרפעלן, נישט נאָר גייסטיקער ,זויערשטאָף׳... געהאַט א געפיל, ווי גלייך איך וואָלט זיך שטיקן און דאָס אָטעמען — אין אַלע הינזיכטן — איז אַלץ שווערער און שווערער געוואָרן. נאָכן ערשטן ,תפיסה׳ — און לאַגער־,אוניווערסיטעט׳ (חוץ דער צעשיידונג מיט די נאָענטע; חוצן מאַטעריעל־שטייגערישן און די לעבנסגעפאַר) אין אַלעם אַנדערן שוין כמעט נישט געזען קיין גרויסן אונטערשיד צווישן תפיסה און לאַגער און דעם וועגעטירן אויף דער אַזויגערופענער „פריי״; אַרויסזאָגן אויף א קול וואָס מע פילט און טראַכט איז אויך אין תפיסה און לאַגער נישט געווען אומגעפערלעך, (אַסך זיינען פאַר קלאָמפּערשטער אַנטי־סאָוויעטישער אַגיטאַציע אין לאַגער, (!!!) דאָס צווייטע מאָל „געמשפּט״ געוואָרן און דאָס ספּעציעל אין לאַגער אַראָפּגעקומענע „געריכט״ האָט זייער ערשטע שטראָף פאַרטאָפּלט, אָדער פאַרדרייפאַכט) אָבער אין תפיסה און לאַגער האָט מען כאָטש, גאָרנישט ריזיקירנדיק, געקאָנט שווייגן, געמוזט פּראָפילאַקטיש שווייגן, אָבער אויף דער פריי איז פאַר א מיטגליד פון שרייבער־פאַרבאַנד נישט אומגעפערלעך געווען צו ,שווייגן׳...?

אויף דער פריי ווען א מיטגליד פון שרייבער־פאַרבאַנד פלעגט א לענגערע צייט גאָרנישט פאַרעפנטלעכן, נישט געענטפערט אויף די אָפיציעלע אָנפראַגן: „אויף וואָס ער אַרבעט אין איצטיקן מאָמענט״; (?!) נישט באַזוכט קיין שרייבער־פאַרזאַמלונגען, אָדער פון צייט צו צייט יאָ באַזוכט, אָבער נישט גענומען קיין וואָרט, דערעיקער ווען מע האָט ווידער עמעצן עפנטלעך גערודפט, אָדער געלייגט אין חרם און בכלל (ווי עס הייסט:) „נישט גענומען קיין אָנטייל אינעם אַזויגערופענעם ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן לעבן״; געוויינלעך פלעגט אַזא צוריקציען זיך דערעיקער פאַרקומען ביי איינצעלנע, הויכפּרינציפּיעלע, קאָמפּראָמיסלאָזע, שעפערישע אינדיווידואַליטעטן און נישט זעלטן, ערשט נאָך באַרבאַריש ווילדע דראָונגס־אָנפאַלן אויף זיי אין דער פּרעסע און אויף שרייבער־פאַרזאַמלונגען; אין בעסטן פאַל, בלויז פאַר „אידעאָלאָגישע אָפּנויגן״, אין ערגסטן: פאַרן אַבסאָלוטן נעגירן דעם אַזויגערופענעם ,סאָציאַליסטישן רעאַליזם׳ און די „פּאַרטיייִשקייט״ אין זייערע ווערק; אויף א געשלאָסענער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג פון שרייבער־פאַרבאַנד זיינען דאָן אויפן „חשבון״.. פון אַזא שרייבער געפאַלן אומגעפערער אַזעלכע, קיין שום גוטס ניט אָנזאָגנדיקע ווערטער:

„שוין אַזא לאַנגע צייט ווי ער „אָטמאַלטשיוואַעטסאַ, אָטשען פּאָדאָזריטעלנאָ״.. (דער זין פון די רוסישע אויסדרוקן באַטייטן: א רעזערווירט, פיינטלעך, פּראָפילאַקטיש... שווייגן, זייער פאַרדעכטיק..)

קלאַמפּערשט דערמאָנענדיק זיינע אַלטע „חטאים״, פלעגן זיך געוויינלעך אויף אַזאַ שרייבער, ביי יעדער געלעגנהייט, ווידער אָנהויבן די עפנטלעכע אָנפאַלן און נישט זעלטן, סוף כל סוף ווי „איבעריקער באַלאַסט״ איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון שרייבער־פאַרבאַנד און מאָדנע (?) דאָס האָט זיך נישט זעלטן געפּאָרט מיט זיין אַרעסט (!!) וועלכער האָט געוויינלעך נאָכדעם נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן.

*

* *

נאָך דער ערשטער „באַפרייאונג״ פון תפיסה און צוואַנגסאַרבעט־לאַגער, אומגע־וואַקלט צוגעטראָטן פאַרווירקלעכן דעם, נאָך אין תפיסה און לאַגער אָנגענומענעם, פעסטן, אַנטגילטיקן באַשלוס:

נישט זיין מער קיין פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט און זיך מער נישט באַמיען מע זאָל מיך צוריק „רעפּאַטריאירן״ אין שרייבער־פאַרבאַנד. (פון וועלכן מע ווערט דאָס רוב אויסגעשלאָסן ערשט פּאָסט־פאַקטום, תיכף נאָכן אַרעסט, אָבער נישט זעלטן איז דער אויסשלוס, ווי שוין דערמאָנט, — אַ פּראָפילאַקטישער.. פּראָלאָג און ווער ווייסט, — אפשר אויך אַ סיגנאַל (?) צום פאָרשטייענדיקן — אַרעסט. ווען עס ווערט אַרעסטירט אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד, ווערט עס פאַרעכנט אין פּאַסיוו פון שרייבער־פאַרבאַנד:

„פאַרשלאָפן, פאַרזען, געדולדעט, אויסבאַהאַלטן אין זיינע רייען אַ פאַרמאַסקירטן שונא פון פאָלק.

ווען אַ שרייבער ווערט אויסגעשלאָסן פאַרן אַרעסט ווערט עס פאַרעכנט אין אַקטיוו פון שרייבער־פאַרבאַנד:

„ווייטזיכטיקייט.. אָפּעראַטיווקייט.. וואַכזאַמקייט..״

אין ראַטנפאַרבאַנד איז כמעט אוממעגלעך זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער ליטעראַט נישט געהערנדיק צום שרייבער־פאַרבאַנד.)

איך האָב באַשלאָסן דערווייליע זיך איינאָרדנען אויף שוואַרצער, פיזישער אַרבעט און אויף אָוונטקורסן זיך אויסלערנען עפּעס אַ פאַך.

אָבער דער מענטש טראַכט און דער רויטער „גאָט״ לאַכט...

לויט די אַלגעמיין אָנגענומענע און כמעט ווי אַ געזעץ שטרענג אָפּגעהיטע אַדמי־ניסטראַטיווע כללים פון סאָוויעטישן סיסטעם, אפילו באַמיענדיק זיך צו באַקומען די סאַמע לעצטע שוואַרץ־אַרבעט, מוז מען אין דער קאַדער־אָפּטיילונג, צוזאַמען מיט דער ביטע אָנגענומען צו ווערן, אויך דערלאַנגען אַ דעטאַליזירטע, מיט דער אייגענער האַנט אָנגעשריבענע אויטאָביאָגראַפיע און אויספילן אַ געדרוקטן, 2—3 זייטן פאָרמולאַר מיט נומערירטע פראַגן. (אויף וועלכע מע דאַרף פּרעציז ענטפערן.)

וואָס ,העכער״ ,וויכטיקער׳ פאראנטוואָרטלעכער ס׳איז די אונטערנעמונג, (למשל טײלווײז מיליטעריזירטע, אָדער אויסשליסלען מיליטער־פּראָדוקציע־אונטערנע־מונגען, רעדאקציעס, פּארטײישע אנשטאלטן אָדער ביוראָען) אלץ מער פאָרמולארן, און פראגן. אמת, אין א פאָרמולאר פאר א שווארצארבעטער האָט מען, דאנקען גאָט געמוזט ענטפערן בלויז אויף א מינימום פון פראגן, (אויך א גאנץ היפשער מינימום) אָבער אין די ענטפערס אויף צוויי פראגן פון אָט דעם מינימום און נאָך בולטער אין מײן דעטאליזירטער אויטאָביאָגראפיע זײנען שוין געווען די דיסקרי־מינירנדיקע „קין״־צײכנס וועלכע האָבן פון זיך אליין, ,אויטאָמאטיש׳ אנולירט מײנע שאנסן אָנגענומען צו ווערן.

פאר באפרײטע פון תפיסה אָדער לאגער, פאכלײט, ספעציאליסטן, איז בכלל זײער שווער געווען זיך אײנאָרדנען, קרימינעלע האָט מען נאָך ווי נישט איז אויפ־גענומען, אָבער דאָס רוב אויך בלויז אין פאל ווען מע האָט זיך אין זײ שטארק געניטיקט; מיט שווארצער ארבעט איז געווען עטוואָס לײכטער, אָבער אין דער מערהײט פאלן האָט מען אויך באפרײטע פון לאגער קרימינעלע אפילו צו שווארצער ארבעט צוגענומען ערשט דאן, ווען עס זײנען נישט געווען קײן אנדערע ארבעטער, ארבעטער — אָן אַ תפיסה און לאגער־פאַרגאנגענהײט...

באפרײטע פון לאגער „פּאָליטישע״ זײנען אין אלע הינזיכטן געווען אין א אומפאר־גלײכלעך ערגערער לאגע: די נאטשאלניקעס פון די קאדער־אָפּטײלונגען ווען זײ האָבן נישט געהאט קײן אנדערן אויסוועג און גלײכצײטיק געקאָנט אויסוויילן האָבן זײ ווי א כלל צוגענומען קרימינעלע און נישט „פּאָליטישע״ און ווי שטארק מע האָט זיך נישט געניטיגט אין פאכלײט און ספעציאליסטן, באפרײטע פון לאגער „פּאָליטישע״ האָט מען אונטער פארשײדענע פּרעטעקסטן אָפּגעזאָגט, די באפרײטע פון לאגער קרימינעלע אָפט פאָרגעלײגט זיך אנגאזשירן אויף די בויונגען אין סיביר, אוראל, אויפן ווײטן מזרח, אָדער אויף די אינדזלען סאכאלין און קאמטשאטקע; פאר די „פּאָליטישע״ איז דאָס אפילו נישט געקומען אין באטראכט; מע האָט געהאלטן פאר „נישט געווונטשן״... זײ צו שיקן אין ערטער וו עס האָבן זיך געפונען א גרויסע צאָל לאגערן פאר „פּאָליטישע״ און פון וואנען זײ האָבן זיך אפשר אלײן ערשט אומגעקערט. ניט לײכטער איז געווען פאר „פּאָליטישע״ באקו־מען שווארצע ארבעט און דערעיקער פאַר פאכלײט און ספעציאליסטן וועלכע זײנען שוין גרײט געווען אָנעמען יעדוועלכע ארבעט.

איך האָב באשלאָסן פּרובירן מײן גליק אויף די גרויסע בויונגען, אויף וועלכע ס׳איז כמעט שטענדיק געווען א נאָכפראגע נאָך שווארץ־ארבעטער און איך וואָלט שוין נישט געקוקט אויף מײן זײער „פראַגלעכער פארגאנגענהײט״ אפשר באקומען די ארבעט, ווען נישט נאָך אײן פאטאלע „קלײניקײט״:

אין מיין אויטאָביאָגראַפיע און אין דער אנקעטע איז שווארץ אויף ווייס געווען אָנגעשריבן: ביזן ארעסט געווען א מידגליד פון סאָוויעטישן שרייבערפארבאנד און זיך באשעפטיקט אויסשליסלעך מיט ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער ארבעט. דאָס איז געווען גענוג:

„— א שרייבער און זשורנאַליסט רעפלעקטירט אויף שווערער, שמוציקער, פיזי־שער ארבעט? און דערצו איז ער נאָך א באפרייטער פון לאַגער „פּאָליטישער", א „שונא פון פאָלק"?! דאָס זעט אויס זייער פאַרדעכטיק..."

אומגעפער אזא איז געווען דער אינהאַלט פון די עטלעכע שורות וועלכע דער רעפערענט פון דער קאַדער־אָפּטיילונג האָט מיט דריבנער שריפט אָנגעקריצלט אויפן אויבערשטן ראַנד פון מיין אנקעטע און דער נאַטשאַלניק פון דער קאַדער־אָפּטיילונג, אנטגילטיק אנטשיידנדיק, צי יאָ, צי נישט אויפנעמען, האָט מיט איין פּאַך פון זיין בלויען בלייער אָנגעצייכנט א גרויס פראַגעצייכן — מיין „טויט־אורטייל".

אין א גליקלעכן צופאַל פלעגט ער מיט א רויטן בלייער אוועקשטעלן א גרויסע O. דאָס איז געווען גלייך ווי געווינען דאָס גרויסע געווינס און באטייט: „אָפּאָר־מליאַט" ד. ה. דערליידיקן אלע צו דער אויפנאַמע געהערנדיקע פאָרמאַליטעטן. סימפּטאָמאַטיש: מיט אָט דעם מעטאָד האָבן זיך באנוצט שיר נישט דאָס רוב נאַט־שאַלניקעס פון די קאַדער־אָפּטיילונגען.

ווען איך פלעג קומען נאָכן ענטפער און דורכן פענצטערל זען ווי דער באאַמטער זוכט און געפינט מיין „דאָסיע" און אמאָל אויך דערבליקן אויף מיין אויטאָ־ביאָגראַפיע און אנקעטע א טייל פונעם בלויען „שיפר" האָב איך שוין געוווּסט ווו איך האַלט..

אנדערע נאַטשאַלניקעס פלעגן אויך מיט א רויטן בלייער אָנצייכענען א גרויסע O און דערזעענדיק עס, שוין געמיינט:

סוף כל טוף שוין געהאָלפן געוואָרן...

אָבער די גרויסע אנטוישונג האָט נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטן;

ביי זיי האָט אָט דאָס „O" באטייט:

„אָטקאַזאַט". ד.ה. פשוט: אָפּזאָגן.

די באאַמטע פון דער קאַדער־אָפּטיילונג און זייער שעף האָבן פאַרשטייט זיך גאַנץ גוט געוווּסט „ווו דער הונט ליגט באַגראָבן"; פּאַרוואָס מען פלוצים אן אינזשי־נער, א דאָקטער, א פּעדאַגאָג, א ליטעראַט בעטן זיך אויף פיזישער ארבעט, אָבער איין זאַך איז וויסן און א אנדערע איז די אָפיציעלע אינסטרוקציע, די דירעק־טיוו־ליניע: זיין „וואַכזאַם און נישט פאַרמיסטיקן דעם אפּאַראַט מיט צווייפל־האַפטע עלעמענטן" און חוצדעם דאָס ריזיקאָ פון די קאָנסעקווענצן, פחד און אין

רעזולטאט דאָס „פאַרסטראַכירן״ זיך „פאַר יעדן פאַל״ פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט:
„...אויב אזא איינער צונעמען און ער וועט עפּעס, דער רוח ווייסט וואָס, אָנאַר־בעטן, וועמען וועט מען נעמען פאַרן לאַץ, אויף וועמענס קעפּ וועלן אַראָפּפאַלן אַלע שישקעס, אויפן נאַטשאַלניק פון דער קאַדער־אָפּטיילונג און זיינע געהילפן און דעמלט ווער ווייסט, מיט וואָס אַזאַ געשיכטע קאָן זיך ענדיקן?!״
(אין משך פון א סאַך יאָרן, שיר נישט פאַר דער גאַנצער צייט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער פּחד געווען דער סאַמע פאָפּולערסטער און „דערפאָלגרייכסטער רעזשיסער״...).
וואָכנלאַנג אַרומגעגאַנגען זוכן יעדוועלכע אַרבעט און אומעטום ווו עס זיינען געהאַנגען ריזיקע מעלדונגען, אז עס ווערן תיכף אָנגענומען שוואַרץ־אַרבעטער, האָט זיך איבערגעחזרט איין און דיזעלבע געשיכטע.
שוין געווען אַבסאָלוט אויסגעשעפּט פון אַרומגיין, פון נערוון־שפּאַנונג בשעתן וואַרטן אויפן ענטפער און ניט ווייניקער פונעם שרייבן אויטאָביאָגראַפיעס און אויספילן די פראַגן־פאָרמולאַרן, פון דער מאַטעריעלער לאַגע שוין ניט צו ריידן...
פאַרשטייט זיך געקאָנט נישט אָפּמעקן אין דער אויטאָ־ביאָגראַפיע און אַנקעטע מיין טרויעריקע „צווייפלהאַפטע פאַרגאַנגענהייט״, נאָר אפילו אין אזא פאַל האָט זיך עפּעס די האַנט נישט געלייגט צו שרייבן ליגנס, ס׳איז מיר, דעם אמת געזאָגט, אפילו נישט איינגעפאַלן.. נאָר חוצדעם אויך געוווסט: (כאָטש וועגן דעם נישט געטראַכט). פאַרן אָנגעבן וועגן זיך אין דער אויטאָביאָגראַפיע, אָדער אַנקעטע פאַלשע ידיעות, דראָט א שטראָף ביז 5 יאָר צוואַנגס־אַרבעט־לאַגער.
מיין לאַגע איז געווען נישט צום מקנא זיין — שיר נישט אויסוועגלאָז: א פאַר־כשופטער קרייז.
נאָר דערווייל זיך געהאַלטן „אויף דער אויבערפלאַך..״
געפינענדיק פון צייט צו צייט פּעריאָדישע (אויף איין, צוויי, מאַקסימום דריי טעג) געלעגנהייט־אַרבעטן אין פריזער־סאַלאָנען און דעריקער ביים ריינמאַכן קלובן און קינאָ־זאַלן. די קלוב און קינאָ־פאַרוואַלטערס האָבן (די איינציקע!) געהאַט די גרויסע מעלה: אַבסאָלוט זיך נישט אינטערעסירט מיט מיין פאַרגאַנגענהייט, „נישט געקראָכן מיט ברודיקע שטיוול אין מיין נשמה״, אָבער דערפאַר ביים האָנאָרירן מיין ניט לייכטע, אָפּגעטאָנע אַרבעט, האָבן אייניקע מיר אונטערגערוקט אונטער־חתמענען א רעכענונג מיט א מער ווי טאָפּלטער צאָל אַרבעטס־טעג און א צוויי און דרייפאַכע געלדסומע פון דער, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך מיט מיר צענויפ־גערעדט. געמוזט עס אַראָפּשלינגען; די פאַרוואַלטערס פון די קלובן און קינאָס פלעגן מיך רעקאָמענדירן איינער דעם אַנדערן, נאָר ביים אונטערחתמענען דעם פיקטיוון, שווינדלערישן חשבון האָט מיין האַנט דאָך א ביסל געציטערט: ערשטנס פון פאַרדראָס פאַרן שווינדל, ווייל חוץ די מלוכה האָבן זיי אָן שום ספק מיך אויך באַעוולט און

ווען מע וואָלט אויפגעדעקט זייער ,מאכערייקע' וואָלט איך אויך נישט ארויס ,טרוקן'... אין חשבון פון דער אָפּגעטאָענער ארבעט האָט חוץ מיין פולער נאָמען אויך געמוזט ארייגעשריבן ווערן דער נומער פון מיין פּאַס, גענויער אדרעס און אין וועלכער מיליץ־אָפּטיילונג איך בין איינגעמאָלדן. (!!!)

(א רוסיש ווערטל זאָגט: (געלט האָט ליב חשבון.. נאָר חוצדעם פאַראַן נאָך אין דעם רעזשים א מענטשן־בוכהאלטעריע, מיט א „נייער" אָנווענדונג און אינטער־פּרעטאַציע פון ,דעביט' און ,קרעדיט', פון ,אַקטיוו' און ,פּאַסיוו'. —)

אומעטום מוז מען פעלשעווען. אומעטום קאָמפּראָמיס.

נאָר זיין א מיטבאַטייליקטער אין פעלשן אזא מין רעכענונג, איז דוכט מיר וויניקער שעדלעך, אומווירדיק און דערנידעריקנדיק, ווי שרייבן ליגנס, פאַלסיפיקאציעס, פאַבריצירן פּאַנעגיריש־לאַקירטע ארטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, אָדער אנדערע מינים „פּובליציסטישן" אָדער „בעלעטריסטישן" לאַקריץ: מאַכן פון שווארץ — ווייס און פון ווייס — שווארץ — האָב איך אליין זיך געקניפּט אין באַק; מיט עפּעס מוז מען זיך דאָך אונטערהאלטן, שיר, שיר נישט געזאָגט גענאַרן...

א לאַנגע צייט זיך נישט אונטערגעגעבן און סוף כל סוף קאַפּיטולירט:

אָנגעהויבן זיך באַמיען מע זאָל מיך צוריק ,רעפּאַטריאירן' אין שרייבערפאַרבאַנד און אפשר אדאַנק דער מיטגלידשאַפט און הילף פון פאַרבאַנד וועט זיך מיר איינ־געבן אין די פאַרלאַגן, רעדאַקציעס, אין ראַדיאָ, באַקומען פעריאָדישע קאָרעקטור, אָדער איבערזעצונגס־ארבעט.

דאָס איז בלויז א טראָפּן פון די שבעה מדורי גיהנום און דאָס אַלץ, — טאָר מען נישט פאַרגעסן, — קומט פאַר נאָכן שוין פריער דערמאָנטן — „פּראָלאָג" און נאָך שיינע עטלעכע יאָר תפיסה און צוואַנגס־ארבעט־לאַגער, בשעת וועלכע חוץ שווערער 12 שעהדיקער ארבעט, הונגער און קעלט, האָט מען נישט זעלטן געזען דעם טויט פאַר די אויגן און דער חלום פון אביסל אנטשפּאַנונג און רו און פרייערע, בעסערע צייטן האָט ממש דערהאַלטן ביים לעבן. און דאָס איז ערשט געווען — דער ערשטער, דאַן איז נאָך געקומען — דער צווייטער (1948) און אין פּוילן (ווארשע 1960) — דער דריטער ארעסט... ווי קאָן אין אזעלכע אומשטענדן בכלל נאָך זיין א רייד פון שרייבן און ארויסגעבן ביכער? און דאָך ווי א מענטש (!) און א שרייבער כמעט קיינמאָל נישט קאַפּיטולירט (?) און כמעט אומעטום (פּאַרהעלטניסמעסיק) קאָמ־פּראָמיסלאָז (?) אזוי אָדער אנדערש זיך אָנפּאַרטרויט דעם „פּאַפּיר."

*

* *

ביז גאָר סימפּאַטאַמאַטיש פאַר דער „נייער ערא", פאַר דער אזויגערופענער „ליבע־ראַליזאַציע", איז דער ארעסט אין פּוילן: (בלויז און אלגעמיין פאַקטאָלאָגיש־טרוקענער

באריכט פון די וואָגיק־וויכטיקסטע געשעעניש און דערשיינונגען, אזוי אָדער אנדערש פארבונדענע מיט די ערשטע צוויי און מיט אַט דעם דרימן ארעסט וואָלט פארנומען פיל, פיל הונדערטער זייטן.)

דאָ וועל איך בלויז פארצייכענען אייניקע איינצלהייטן, בלויז אזויפיל כדי — ווי כ׳האָב שוין דערמאנט — כאָטש מער וויניקער לאָזן אריינבליקן אין די אומשטענ־דן, אטמאָספער און „ליטעראַרישן ווארשטאט״ אין וועלכע ס׳איז ,געבאָרן׳ געוואָרן שיר נישט אלץ, אָדער דער גרעסטער טייל פון דעם וואָס איז ביז איצט ארויס פון אונטער מיין פען.

אָנהויב סעפטעמבער 1960, עלעף אַ זייגער פארמיטאָג האָב איך אין מיין וווינונג אין ווארשע באַקומען אומדערווארטע „געסט״: פינעף ציוויל־געקליידעטע, עלעגאנטע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך תיכף פאַרגעשטעלט ווי מיטארבעטער פון או.ב. (פּוי־לישע פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) און מיר באוויזן א פאפירל פון דער מיליטערישער פּראָקוראטור וועלכעס באפולמעכטיקט זיי צו מאכן א רעוויזיע אין מיין וווינונג: יעדעס בוך פון מיין ביבליאָטעק באַקוקט און דורכגעבלעטערט און אַן עקזעמפּליאַר פון „מיין קאמף״ האָבן זיי ווי א גרויס „געפינס״ באוויזן איינער דעם אנדערן, פילבאַדייטנדיק זיך צוגעוווּנקען... און — ווי א וואזשנער „קאָרפּוס דעליקטי״ אוועקגעלייגט אין א זייט.

אויף יעדן זייטל פון מיינע מאטעריאַלן און מאנוסקריפּטן (**איינאונצוואנציק גע־שוואָלענע פּאפּקעס** אין האנט און מאשין־שריפט) ווי אויך אויף מיינער און מיין משפּחות פּריוואט־קאָרעספּאָנדענץ און פאָטאָס פון קרובים און פריינט, אויף „מיין קאמף״, האָב איך אין משך פון שעהן געמוזט(?) אָנשרייבן:

,געפונען ביי מיר׳. און די דאַטע פון טאָג און יאָר און אונטער דעם — מיין אונטער־שריפט.

פארשטייט זיך געקאָנט נישט אויספּילן אַט די פאָדערונג פון מיינע „אומגעבעטענע געסט״, אָבער צוליב פרוי און קינדער נישט געוואָלט נאָך מער פארשארפן די נערוון־שפּאַנונג, אָן דעם אויך אָנגעצויגענער שיר נישט ביז דער לעצטער גרענעץ. חוצדעם זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַט דער, אפילו ריין פיזיש, נישט לייכטער פּראָ־צעדור, אויך אַט פארוואָס: נאָך מיינע — ווייך גערעדט — טרויעריקע דערפארונגען, (אין שכנותדיקן לאנד...), זיך געזאָגט:

פאר יעדן פאל... אויב אלע מיינע פאפירן (וועלכע זיי קלייבן זיך זעלבסטפאר־שטענדלעך „רעקווירירן״, זיינען פון מיר געחתמעט, דארף איך שוין ניט איבער־טראכטן:

...זיי קאָנען זיך נאָך חלילה — אין או.ב. „פארמערן״...?!

נאָכן פארענדיקן די רעוויזיע (צוויי א זייגער ביינאכט) האָבן די אובאָווצעס דעם גאנצן „קאָרפּוס דעליקטי״ פארפּאַקט, פארבונדן און אריינגעלייגט אין א (ווייט־

זיכטיק!!) ספּעציעל דערצו מיטגעבראַכטן ברעזענטענעס, מיליטערישן אַמוניציע־זאַק (מאַנוסקריפּטן זיינען זעט אויס אויך א מין אַמוניצע..) און פריער מיך דערויף אויפמערקזאַם מאַכנדיק, דעם זאַק איןביידע זייטן פּלאָמבירט און גלייכצייטיק מיר דערקלערט:

„די פּלאָמבעס וועלן אַראָפּגענומען ווערן אין אייער אָנוועזנהייט."

ערשט נאָכדעם מיר באַוויזן א צווייט פּאַפּירל: א פולמאַכט און אַרעסט־באַפעל פון דער מיליטער־פּראָקוראַטור..

פאַר מיר אין עס (פונעם ערשטן מאָמענט, ווי נאָר מיינע „אומגעבעטענע געסט" זיינען אַריבערגעטראָטן מיין שוועל און זיך פאַרגעשטעלט) שוין נישט געווען קיין אומדערוואַרטע איבעראַשונג און מאָדנע, אין מוח האָט א בליץ געטאָן: איצט אין דער עראַ פון אַלגעמיינעם זיך „אָפּשאָקלען" פונעם אַזויגערופענעם פּערזאָנען־קולט־הפקרות, שפּילט מען זיך אין „אָפּהיטן" די „געזעצלעכקייט", וויינקסטנס די אויסערלעכע פאָרמאַליסטיק אירע; און גלייכצייטיק א טראַכט געטאָן וועגן די „פאַרשיידענע וועגן".. צום — קאָמוניזם:

די סאָוויעטישע מ.ג.ב. (איצט ק.ג.ב. קאָמיטעט גאָסודאַרסטוועננוי בעזאָפּאַסנאָסטי". קאָמיטעט פאַר מלוכהישער זיכערהייט) האָט אָט די פּראָצעדור ,ראַציאָנאַליזירט': איין ,פּאַפּירל' באַפולמעכטיקט צו דער הויז־רעוויזיע און צום אַרעסט און זיי באַוויזן עס (אויב זיי באַווייזן עס בכלל) שוין ביים סאַמע אָנהויב, ווי נאָר זיי קומען אַריין אין וווינונג און מעלדן וועגן ציל פון זייער באַזוך; דאָס רוב באַווייזן זיי עס אײַנגאַנצן נישט, אָדער אין בעסטן און זעלטענעם פאַל נאָך דער ,חוצפּהדיקער'(!!) פאָדערונג פונעם קרבן.

לויט דער טאַקטיק פונעם „אייגענעם פּוילישן וועג צום קאָמוניזם" און לויט דער באַקאַנטער פּוילישער אַריסטאָקראַטישקייט האָט מען מיר דעם „דעסערט"... דער־לאַנגט ערשט ביים סוף פון דער רעוויזיע־פּראָצעדור.

איך האָב געקוקט אויף די טאָפּלטע פּלאָמבעס אויפן אַמוניציע־זאַק, אָנגעפּאַקט מיט מיינע מאַנוסקריפּטן און (נאַיוו..) געטראַכט:

— גוט וואָס כ'האָב זיך נישט אָפּגעזאָגט צו חתמענען יעדעס איינציקע ביי מיר געפונענע פּאַפּירל; וואָס באַטייט פאַר אַזעלכע „ספּעציאַליסטן", אַראָפּנעמען איינע און צופּעסטיקן אַנדערע פּלאָמבעס..?

(נאָר דאָס האָט אין מיר, ווייזט אויס, זיך צערעדט — דער קאָמפּלעקט פון מיינע טרויעריקע דערפאַרונגען אין שכנותדיקן לאַנד..?!)

דער לייענער וועט, קאָן זיין, זיך וווּנדערן:

וואָס פאַר א שייכות האָט א ציוויל־מענטש, א יידישער שרייבער צו דער מיליטערישער פּראָקוראַטור?!

שפּיאָנאַזש געהערט צו דער קאָמפּעטענץ פון דער מיליטער־פּראָקוראַטור און מיך האָט מען אַרעסטירט ווי א שפּיאָן און אין די ערשטע זעקס חדשים, בשעת דער

אזויגערופענער אויספאָרשונג האָט די פוילישע או. ב. מיט אלערליי דענקבארע און אומדענקבארע מיטלען (דער ציל הייליקט דאָס מיטל..) זיך באמיט מיר אינ־קרימינירן שפּיאָנאזש(!!) לטובת ישראל!!!

קאָמענטארן זיינען דוכט מיר איבעריק.

אָבער דאָך —

דער לייענער וועט זיך אפשר נאָכאַמאָל וואונדערן:

אויפן סמך פון וועלכע באווייזן?

באווייזן?

דער „ליבעראלער, צעפוילטער מעריב" דארף האָבן באווייזן..

אין די לענדער פון דער טאָטאלער „געזעצלעכקייט" זיינען באווייזן א פארעלטער־טער באַגריף!!!

...נאָך צאָלרייכע, דערפאָלגלאָזע פרוון מיך צו שאנטאזשירן:

„אויב איך וועל זיך נישט מודה זיין אין שפּיאָנאזש לטובת ישראל וועט מען מיך אָפּשיקן צוריק קיין — ראטנפארבאנד,(!!) די סאָוויעטן פאָדערן מיין אויסליפערונג..."

(אַ טאָפּלט כאראקטעריסטיש(...) און נישט ווירקונגסלאָזער אָנשרעק־מיטל!!!)

אפילו מיר פאָרגעליינט א דאָקומענט וואָס האָט באדארפט באשטעטיקן אז די סאָוויעטן פאָדערן פון פוילן מיין אויסליפערונג, אויפן סמך פון פארברעכנס וואָס איך זאָל כלומרשט האָבן דאָרט אָפּגעטאָן, צווישן אנדערע אויך פעלשונגען מיט דער הילף פון וועלכע מיר האָט זיך „איינגעגעבן ארויספאָרן קיין פוילן";

נאָך פארשיידענע אנדערע צאָלרייכע און דערפאָלגלאָזע פרוון צו פּראָוואָצירן און שאנטאזשירן מיינע פריינט און באקאנטע (אין די היימען פון וועלכע עס זיינען געמאכט געוואָרן טאָטאלע הויז־רעוויזעס) כדי עפּעס פון זיי ארויספרעסן, ערשט נאָך א האלב יאָר צייט נישט האָבנדיק וואָס שייך שפּיאָנאזש קיין שום אָנהאלטס־פונקטן, זיינען די פוילישע אובאָוועס געצוווּנגען(?) געווען אראָפּנעמען פון מיר דעם שפּיאָנאזש־פאראגראף. לויט דער עלעמענטארסטער געזעצלעכקייטס־לאָגיק האָט מען מיך דאן תיכף באדארפט באפרייען. —

...אָבער ווי קאָן מען — מיר נישט, דיר נישט באפרייען א „דעליקווענט" וועלכן מע האָט — אָן די מינדסטע אָנהאלטס־פונקטן, שוין נישט צו ריידן פון שולד־באווייזן — ארעסטירט, זעקס חדשים געהאלטן אין תפיסה, „געפאָרשט" און מיט אלערליי דענקבארע און אומדענקבארע מיטלען געפרווט אינקרימינירן אזא שווערן דעליקט ווי שפּיאָנאזש און געשען איז עס נישט אין „פערזאָנען־קולט"־אינקוויזי־ציע־פעריאָד, נאָר אין דער אזוי ברייט רעקלאמירטער נייער, געזעצלעכער, ליבע־ראליזאציע־ערא??!

אין די אומשטענדן ווען עס ווערט סטימולירט יעדער מין „דערפינדערישקייט"... (ווען אלעס איז דערלויבט) איז נישט שווער געפינען א אויסוועג:

(דער וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס ,שעפּעלע׳ גאַנץ..)

ארומגעפליקט אָבער דאָך גאַנץ.—

אויפן סמך פון איינעם מיינעם, בשעת דער הויזדורכזוכונג, רעקווירירטן מאנוס־קריפּט: (איינדרוקן פון א רומעניען־רייזע 1960) האָבן די פּוילישע או.ב. און יוסטיץ־ספּעציאַליסטן מיך מכבד געווען מיט א צווייטער, פרישגעבאַקענער באַשולדיקונג: (לויט וועלכער מע האָט מיך טאַקע דאַן שפּעטער געמשפּט).

...„פאַרשפּרייטונג״(?) פון בייזוויליקע אינסינואַציעס און רכילות(?) קעגן דער רומענישער, סאָציאַליסטישער פאָלקס־רעפּובליק״; — ווייל איך זאָל כלומרשט מיינע רומענישע רייזע־איינדרוקן „האָבן ארויסגעשיקט, אָדער זיך געקליבן ארויס־שיקן אין אויסלאַנד, כדי זיי פּובליצירן אין דער מעריבדיקער, קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע״?!

באַווייזן? ווער דאַרף באַווייזן?

„אַזוי ווי אין פּוילן וואָלט קיין שום צייטונג מיינע רייזע־איינדרוקן נישט פאַר־עפנטלעכט, פאַר וועמען האָב איך זיי דאַן געשריבן, אויב נישט פאַר דער מעריב־דיקער פּרעסע?״

קיין ספּעציעלער פּאַראַגראַף פאַר א דעליקט קעגן א אַנדערער קאָמוניסטישער מדינה איז אין פּוילישן שטראָף־קאָדעקס נישט פאַראַנען, נאָר די רויטע THEMIS איז זייער „עלאַסטיש״: „אַזוי ווי די רייזע־איינדרוקן דעפאַמירן די רומענישע סאָציאַליסטישע פאָלקס־רעפּובליק, צילן זיי אויך גלייכצייטיק אין פּוילן״ און פאַר אזא מין ״פ א ר ב ר ע כ ן״ (?!) זעט דער פּוילישער שטראָף־קאָדעקס פאָר: פון דריי ביז פופצן יאָר תפיסה.

(אגב לויט דעמזעלבן פּאַראַגראַף האָט מען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ארעסטירט און געמשפּט דעם פון אַמעריקע רעעמיגרירטן פּוילישן שרייבער: **מעלכיאָר וואַנ־קאָוויטש**).

*

* *

נאָך דער באַפרייונג פון צוואַנגסאַרבעט־לאַגער, (צפון־קאַזאַכסטאַן אויגוסט 1956) א שווער קראַנקער 6 חדשים צייט געלעגן אין א טשערנאָוויצער און העכער א יאָר צייט אין צוויי מאָסקווער קליניקן. אין פּוילן זיך אָנגעהויבן פילן עטוואָס בעסער, אָבער נאָכן ארעסט, אין תפיסה האָט זיך מיין געזונטצושטאַנד ממש לעבנס־געפערלעך פאַרערגערט. נאָך לאַנגע דערפאָלגסלאָזע באַמיאונגען פון מיין אַד־וואָקאַט, האָט מען מיך (פּלוצים?) פון תפיסה איבערטראַנספּאָרטירט אין א וואַר־שעווער אונטערשטאַטישן שפּיטאָל, אין א פאַרשלאָסענער, שטרענג באַוואַכטער, ספּעציעלער אָפּטיילונג פאַר קראַנקע ארעסטאַנטן.

געשען איז דאָס אומגעפער אַזוי:

די לאנגע באמיונגען פון מיין אדוואָקאט, (אינטערווענצן אין די אנטשפּרעכנדיקע, העכסטע אינסטאנצן) מע זאָל מיך איבערטראנספּאָרטירן אין א שפּיטאָל, זיינען געבליבן דערפאָלגלאָז; א לאנגע צייט האָט מען בכלל אויף זיי נישט רעאגירט, סוף כל סוף איז אָנגעקומען א מאקסימאל לאקאָנישער ענטפער:

ערשטנס אז „איך בין אבסאָלוט געזונט" און צווייטנס „אויב איך נויטיק זיך אין וועלכער סע נישט איז מעדיצינישער הילף וועל איך זי — ווי אלע אנדערע ארעס־טאנטן — באקומען אין תפיסה."

כימעט פונקט אזוי ווי אין באקאנטן יידישן פאָלקסווערטל:

„ערשטנס גאָרנישט נישט גענומען און צווייטנס — דיר אָפּגעגעבן... אינצווישן האָט מען (— „משטיינסגעזאָגט" —) געמאכט א שטיקל „רעש" ארום „מיין וויניקייט" (איך בין ווייט דערפון עס צו פאררעכענען אויף „מיין חשבון"... און ווייס דעס ווערט דערפון) און פון טאָג צו טאָג האָבן זיך אין דער אזויגערו־פענער „פרייער וועלט" אָנגעהויבן מערן די עפנטלעכע פאראורטיילונגען (פּרעסע, ראדיאָ) און „פּראָטעסטן" קעגן מיין גרונטלאָזן ארעסט.

די או.ב. און די יוסטיץ־אָרגאנען — זעענדיק אז זיי האָבן זיך אומצוויידייטיק פאר־גאלאָפּירט און פארפּלאָנטערט, זוכנדיק אָן אויסוועג — זיינען זיי אין דעם „פּרט" שוין נישט געגאנגען מיטן „אייגענעם וועג צום קאָמוניזם," נאָר אין די אויסגע־טראָטענע פּוס־טריט פונעם „עלטערן ברודער"... און פונקט ווי עס ווערט אין דער „נייער ליבעראליזאציע"־עראַ פּראקטיצירט אין דער באָלשעוויסטישער מעטראָפּאָליע, פונקט אזוי האָט מען אויך אין פּוילן זיך געקליבן מיך דערקלערן — פּסיכיש אומנאָרמאל:(!?) א ספּעציעלע זיצונג פון ווארשעווער געגענטלעכן גריכט האָט מיט דער גאנצער שווערוואָגיקער צערעמאָניעלקייט „איינשטימיק" באשלאָסן אז ס'איז „נויטיק א געוויסע בעאָבאכטונג פון פּסיכיאטערס" — געשווירענע געריכטס־עקספּערטן — און „צו דעם צוועק דארף מען (פון תפיסה) מיך איבער־טראנספּאָרטירן אין א פּסיכיאטרישן שפּיטאָל."

איך — דער „אומנאָרמאלער" עקספּערטיזע־אָביעקט — (!!) האָב תיכף, וויפל אין מיין לאגע... איז נאָר מעגלעך געווען, מאקסימאל שארף פּראָטעסטירט (פּריער פאר אלץ: ריין פּרינציפּיעל) קעגן אָט דער צום וויניקסטנס באליידיקנדיקער דעציזיע פון געריכט, קאטעגאָריש און אולטימאטיוו געמאָלדן:

פרייוויליק וועל איך זיך נישט לאָזן איבערטראָנספּאָרטירן אין א משוגעים הויז, סיידן מע וועט אָנווענדן געוואלט; די פּסיכיאטרישע געריכטס־עקספּערטן וועל איך בויקאָטירן.

אויפן אנדערן טאָג איז צו מיר אין תפיסה געקומען מיין אדוואָקאט (אין דער צייט פונעם אזויגערופענעם פּערזאָנען־קולט איז אזוינס בכלל קיינמאָל נישט מעגלעך געווען...) און מיך אָנגעהויבן באַרויקן און צוריידן:

— „אין די אומשטענדן איז עס די איינציקע מעגלעכקייט, דערוויילע זיך ארויס־רייסן פון תפיסה און ארייַנקריגן אין א, ווי עס זאָל נישט זיין, פרייען(?) שפּיטאָל און באַקומען דאָרט מעדיצינישע הילף, זאָל זיין אפילו דערוויילע כאָטש עפעקטי־ווע בלויז קעגן מיין תפיסה־אוויטאַמינאָז און די — שיר נישט אויף אלע מיינע קערפּערטיילן — מיך שרעקלעך מאַטערנדיקע פלעגמאָנען; און אז איך וועל דאָרט באַקומען אָט די מיר אזוי נויטיקע מעדיצינישע הילף און די — אין מיין לאַגע — דענקבאַר בעסטע באַהאַנדלונג, איז אויסער יעדן צווייפל: ווייל דער ראש פון די פּסיכיאַטרישע געריכטס־עקספּערטן — דר. פעליקס קאַטשאַנאָווסקי — איז אויך גלייכצייטיק דער שעף־דאָקטער און דירעקטאָר פונעם פּרושקאָווער (אונטער־וואַרשע) פּסיכיאַטרישן שפּיטאָל, וווהין מע וועט מיך וואַרשיינלעך איבערטראַנס־פּאָרטירן: דר. קאַטשאַנאָווסקי איז א טיף הומאַנע און זעלטן איידעלע פּערזענלעכ־קייט, א פּוילישער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער אַריסטאָקראַט פון דער אלטער שול."

דאָס אלץ האָט זיך פיל מער ווי פולקום באַשטעטיקט, און זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אויסדריקן מיין טיפסטן און אומפאַרגענגלעכן דאַנק דעם נאָבעלען, איידעלען דר. פעליקס קאַטשאַנאָווסקי; ווען נישט די שרעקלעכע איבערגעפולטקייט אין שפּיטאָל (נאָך מער אין די אזויגערופענע פאַרשלאָסענע אָפּטיילונגען) און די נישט איבעריק אָנגענעמע, דער עיקר פאַר גייסטיקער קאָנצענטראַציע נישט גינס־טיקע ארומרינגלונג; (כאָטש העכסט באַלערנדיקע..) א דאַנק דער טאָג טעגלעכער זאָרג פון דר. קאַטשאַנאָווסקי און זיינע מיטאַרבעטער און דעם אָרדינאַטער פון מיין אָפּטיילונג, (וועמענס נאָמען איך האָב צו מיין גרויסער בושה אומדאַנקבאַר פאַרגעסן!!) וואָלט די צייט פון מיין זיין אין שפּיטאָל זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען כמעט אין א סאַנאַטאָריע־אויפנטהאַלט; (נישט נאָר אין פאַרגלייך מיט דער תפיסה־קאַמער) שוין נישט צו ריידן פון מיין געזונט־צושטאַנד וועלכער האָט זיך שוין נאָך א קורצער צייט אָנגעהויבן באַמערקבאַר, אפילו מער ווייניקער באַפרידיקנדיק פאַרבעסערן, דער עיקר מיין אוויטאַמינאָז, די פלעגמאָנען און וואָס נישט ווייני־קער וויכטיק — מיין מצב־רוח. נישט די לעצטע ראָל האָבן דערביי געשפּילט די (אילוזאָריש..) פרייע שפּאַצירן אויף דער פרישער לופט אין פּרעכטיקן וואַלד־פּאַרק ארום שפּיטאָל: די אַלערליי געפּלאַנצטע און פעלד־בלומען, די רחבותדיקע אָזערע, די אלטע, ריזיקע ווערבעס און מעכטיקע געדיכטע צווייגן איבער דער זילבערנדיקער פונעם הימל דורכגעבלויטער אָזערע.

דר. קאַטשאַנאָווסקי האָט אויף זיין **פאַראַנטוואָרטונג און מיין ערנוואָרט** (אז איך וועל אין קיין שום פּרט נישט מיסברויכן זיין אחריות) דערלויבט אז אין אונטערשיד פון אלע אנדערע קראַנקע אַרעסטאַנטן, וועלכע מע האָט פונקט ווי מיך געבראַכט אין שפּיטאָל אויף עקספּערטיזע און יעדן טאָג אונטער באַוואַכונג פון

װעכטער־סאַניטאַרן אויף אַ שעה צייט אַרױסגעפירט אויף דער פרישער לופט, מעג איך איינער אַליין װען און װיפל איך װיל שפּאַצירן. (חוץ אין די אינדערפריענ־דיקע שעהן, בשעתן רונד־גאַנג פונעם אָרדינאַטאָר איבער אונדזער אָפּטיילונג, און חוץ אין דער צייט פונעם אַרױסגעבן די רפואות און נאָכן אָװנט־ברויט.) אַזאַ פרײ־װעלגיע האָבן בלויז געהאַט איינצעלנע, גענעזנדיקע און באַפרידנדיק זיך אויפ־פירנדיקע, פרייע קראַנקע, װעלכע האָבן שוין צוביסלעכװייז געאַרבעט אין דער ברייט־פאַרצװייגטער שפּיטאָל־װירטשאַפט.

דאָס דערטיילן מיר — דעם „פּאָליטישן" אַרעסטאַנט — דיזעלבע פּריװעלעגיע איז אין אַ געװיסן זין געװען אַ שפּיל מיט פייער, אַ ריזיקאָ פאַרן דר. קאַטשאַנאָװסקי (דער װאַלד־פּאַרק אַרום שפּיטאָל איז נישט געװען אַרומגעצוימט און נישט באַװאַכט און חוץ אַלעמען און דער עיקר איז עס געװען אין שאַרפן װידערשפּרוך צו די שטרענגע פאַרשריפטן װאָס שייך קראַנקע, אַרעסטאַנטן.)

דר. קאַטשאַנאָװסקי האָט אָן שום ספק באַװוסטזיניק, אומיסטן פאַרלענגערט דעם פּאַר דער עקספּערטיזע נויטיקן און פאָרגעזעענעם, אַזױגערופענעם בעאָבאַכטונגס־פּעריאָד, כדי אַזױ אַרום באַקומען די פאָרמעלע מעגלעכקייט װאָס לענגער, (װיי־ניקסטנס ביזן פּראָצעס) מיך צו האַלטן אין שפּיטאָל; װו חוץ אַלעס אַנדערן, האָב איך אויך יעדן טאָג בשעתן שפּאַציר זיך געקאָנט באַגעגענען מיט מיינע נאָענטע װאָס אין תפיסה האָב איך בלויז געקאָנט טרוימען װעגן דעם. (בלויז דערלויבט געװען איינמאָל אין חודש און בלויז 15—20 מינוט און דורך אַ פאַרקראַטעט פענצ־טערל.)

דאָס איז בלויז אַ נישטיקער טייל פון די טיף מענטשלעכע און טיף רירנדיקע אויפמערקזאַמקייטן װאָס דר. קאַטשאַנאָװסקי האָט אַרױסגעװיזן מיין װייניקייט און װאָס ס'איז באַזונדערס װערט אונטערגעשטראָכן צו װערן: דאָס אַלץ איז געטאָן געװאָרן אָן געשפּאַנטקייט, אָן אָנגעקראָכמאַליעטער שטייפקייט, אָן מיר אַפילו אין דער מינדסטער מאָס געבן צו פילן דעם אױסנאַם װאָס ער מאַכט, די טובה װאָס ער טוט מיר. צדקה בסתר... און מיט װאָס האָב איך עס זוכה געװען װייס איך נישט. — װער בין איך געװען פאַר אים? נישט מער און נישט װייניקער װי אַ — מ ע נ ט ש — אַ לעבעדיק און הפקר באַשעפעניש. דאָס װעל איך קיינמאָל, ביזן לעצטן אָטעם נישט פאַרגעסן.

*

* *

אין אַ יאָר און דריי חדשים נאָכן אַרעסט, איז אין װאַרשעװער געביטס־געריכט, — **אונטער פאַרמאַכטע טירן** — פאָרגעקומען מיין פּראָצעס, צו װעלכן מע האָט מיך געבראַכט פון פּרושקאָװער שפּיטאָל. אין געריכטס־זאַל איז געזעסן מיין או.ב. אױספאָרשער און נאָך איינינקע או.ב. ,ראַבאָטן' האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אַ טייפ־

רעקאָרדער וואָס האָט רעגיסטרירט דעם גאַנג פֿון פּראָצעס וועלכער איז גלייכצייטיק טראַנסמיטירט געוואָרן אין דער וואַרשעווער או.ב. צענטראַלע.
נישט געקוקט אויף דעם האָבן די ריכטער, (אין די אומשטענדן) זיך געהאַלטן מער ווי קאָרעקט, איך וואָלט זאָגן אַפּילו סימפּאַטיש; בלויז דער פּראָקוראָר (אַ פּרוי פֿון אַן או.ב. ספּעציאַליסט?!) איז בוכשטעבלעך געקראָכן פֿון דער הויט, מיך אויסמאָלן פֿאַר די ריכטער אין וואָס מער שוואַרצערע פֿאַרבן: ווי אַ „פֿאַרביסענער שונא פֿון די סאָציאַליסטישע לענדער"; אָבער צום סוף, ווי ס'איז געוויינלעך אָנגענומען, קיין באַשטימטע שטראָף, (ד.ה. וויפֿל יאָר תּפֿיסה זי פֿאַרלאַנגט פֿאַר מיין „פֿאַרברעכן") נישט פּרעציזירט, בלויז געפֿאָדערט פֿון געריכט ווי אַ „קאָרפּוס דעליקטי" צו קאָנפֿיסקירן מיין יידישע שרייבמאַשין:
„אויף וועלכער דער באַשולדיקטער האָט געשריבן זיין פּאַשקוויל קעגן דער רומענישער פֿאָלקס־רעפּובליק".
אין מיין פֿאַרטיידיקונגס־וואָרט צווישן אַנדערע אויך געטענהט:
...אַלץ וואָס ליגט אין טישקעסטל פֿון מיין שרייבטיש איז גלייך ווי עס וואָלט געלעגן ביי מיר אין קאָפּ, צי קאָן מען בכלל משפּטן אַ מענטש פֿאַר די געדאַנקען, אַנשווינגען אין זיין מוח און דערצו נאָך איצט ווען עס ווערט אָפֿיציעל אַזוי שאַרף פֿאַראורטיילט די יאָרנלאַנגע געזעצלאָזיקייט און דאָס הפֿקרות וואָס שייך די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט?!
און וואָס שייך דער פֿאָדערונג פֿון פּראָקוראָר צו קאָנפֿיסקירן מיין שרייבמאַשין:
...הויכער געריכט! איך וווּנדער זיך און גלויב פּשוט נישט מיינע אויערן? ווי קאָן מען עס אַ שרייבמאַשין פֿאַרוואַנדלען אין אַ „קאָרפּוס דעליקטי" און פֿאָדערן איר קאָנפֿיסקאַציע? אַ שרייבמאַשין איז דאָך נישט קיין מעסער און נישט קיין רעוואָלווער?! און ווען מיינע נאָטיצן וואָלטן געווען געשריבן מיט דער האַנט, וואָלט לויט אַזאַ „לאָגיק" אויסגעקומען פֿאָדערן פֿון הויכן געריכט, אַרויסצוגעבן אַ אורטייל: קאָנפֿיסקירן מיין האַנט?! דאָס וואָלט חוץ אַלעם אַנדערן אויך אין דעם פֿרט געווען — ווייך געזעדט — אומגערעכט, ווייל די האַנט ווי אַזעלכע איז דאָך אַבסאָלוט אומשולדיק, בלויז אַ „טעכנישע אויספֿירערן" פֿון דעם וואָס עס דיקטירט איר דער מוח; לויט דערזעלבער „לאָגיק" וואָלט אַזוי אַרום אויסגעקומען פֿאָדערן פֿונעם געריכט צו קאָנפֿיסקירן נישט נאָר מיין האַנט, (ווי אַ אינדירעקט מיטבאַטייליקטע) נאָר אויך מיין קאָפּ...?
דייטלעך דענערווירט האָט דער פּראָקוראָר געמאַכט עטלעכע צווישנרופֿן און דאַן מיך איבעררייסנדיק, געפֿאָדערט פֿון געריכט צונעמען ביי מיר דאָס וואָרט, מאָטיווירנדיק:
— „דער באַשולדיקטער רעדט נישט צו דער זאַך און דערלויבט זיך די חוצפּה צו חוזק און באַליידיקן דאָס געריכט!?"

דער פּאָרזיצער פונעם ריכטער־באַשטאַנד האָט אויפן פּראָקוראָרס פאָדערונג בלויז רעאַגירט מיט א דייטלעך גלאַנגווײַלטער ווי אומאינטערעסירטער, אויסדריקלעך גרינגשעצנדיקער, טרוקענער באַמערקונג:

— „דער באַשולדיקטער ווערט דערמאָנט צו ריידן אויסשליסלעך בלויז וועגן דעם וואָס האָט א דירעקטע שייכות און דרינגט אַרויס פון זיין רעכט זיך צו פאַרטיידיקן." —

דאָס האָט — אין די אומשטענדן — געקלונגען שיר נישט ווי א דערמוטיקונג?!

...ווען איך וואָלט מיינע נאָטיצן געגעבן איבערשרייבן א פּראָפעסיאָנעלער מאַשיניסטקע — האָב איך פאַרטגעזעצט — וואָלט לויט דערזעלבער „לאָגיק" אויסגעקומען פאָדערן צו קאָנפיסקירן די מאַשינימטקע צוזאַמען מיט איר שרייבמאַשין.?!"

נישט דאָ איז זער אָרט און עס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט ווען איך וואָלט זיך אפילו טיילווייז אָפּגעשטעלט אויף די אַנדערע נישט אומאינטערעסאַנטע און דאָס רוב פילבאַדייטנדיקע ,פּאַסאַזשן'... פון אָט דעם סימפּטאָמאַטישן פּראָצעס, אָבער נאָך איין איינצלהייט וועט דוכט מיר זיין נישט איבריק אָפּצומערקן:

...אפילו די ריכטער זיינען דייטלעך באַמערקבאַר געווען קאָסטערנירט פונעם פּראָקוראָרס פאָדערונג צו קאָנפיסקירן מיין שרייבמאַשין און ווי כ'האָב שוין דערמאָנט האָבן זיי זיך (אין די אומשטענדן) געהאַלטן מער ווי קאָרעקט: פונעם טאָן, פון א געוויס דייטלעך באַמערקבאַרער אַפּאַטישקייט איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אז זיי באַציען זיך צום פּראָקוראָרס באַשולדיקונגס־רעדע פונקט ווי צום גאַנצן פּראָצעס גרינגשעצנדיק און ווי צו א — ,מיט ווייסע'... פעדים צענויפגעשטריגעוועטער מאַכערייקע – און אפשר דערפאַר איז זייער פּסק־דין פאַרהעלטניסמעסיק געווען מיט „גרויס חסד"; מיך פאַראורטיילט בלויז צו א יאָר תפיסה:

(„נעמענדיק אין באַטראַכט מיין געזונט־צושטאַנד, באַשטעטיקט פון דער מעדיצינישער געריכטס־עקספּערטיזע.")

בשעת דער פּאַראַגראַף פון פּוילישן שטראָף־קאָדעקס לויט וועלכן מע האָט מיך „געמשפּט" האָט פאַר דעם אינקרימינירטן מיר „פאַרברעכן", ווי כ'האָב שוין אונטערגעשטראָכן, פאָרגעזען א שטראָף פון 3—15 יאָר תפיסה.

* * *

אויף דער פאָדערונג פונעם פּראָקוראָר צו קאָנפיסקירן מיין שרייבמאַשין האָבן די ריכטער אין דער פאָרמולירונג פונעם אורטייל אפילו נישט רעאַגירט, וואָס האָט פּראַקטיש באַטייט: מיין שרייבמאַשין איז „באַפרייט געוואָרן פון יעדוועלכער שולד" און מע דאַרף זי מיר אומקערן. אָבער דער פּראָקוראָר האָט פּראָטעסטירט און א צווייטע געריכטס־אינסטאַנץ האָט זיך „סאָלידאַריזירט" מיט איר און באַשלאָסן צו קאָנפיסקירן מיין שרייבמאַשין.

אין אורטייל האָט דאָס געריכט אויך מיט קיין איין וואָרט נישט רעאַגירט אויף מיין פילמאַליקער פּאָדערונג: מיר אומצוקערן מיינע בשעת דער הויז־רעוויזיע רעקווי־זירטע מאַנוסקריפּטן און מיין אַדוואָקאַט האָט אין מיין נאָמען, אין דעם ענין זיך געווענד צום העכסטן פּוילישן געריכט.

אין דער ענטפער־פאָרמולירונג פון העכסטן געריכט (אין צוויי חדשים אַרום) איז געווען געזאָגט פאָלגנדיקס:

„חוץ מאַנוסקריפּט — די אַזויגערופענע „איינדרוקן" פון דער רומעניען־רייזע וועלכע ווערן אין באַשולדיקונגס־אַקט אַבסאָלוט ריכטיק קוואַליפיצירט ווי אַ, אַפילו אין דער מינדסטער מאָס דער ווירקלעכקייט ניט אַנטשפּרעכנדיקער, בייזוויליקער פּאַשקוויל, געצילט אין דער מיט פוילן פאַרבינדעטער, ברידערלעכער, רומעניש‏ער פאָלקס־רעפּובליק, חוץ אָט דעם באַשולדיקונגס־דאָקומענט **דאַרפן אַלע אַנדערע בשעת דער וווינונגס־רעוויזיע רעקווירזירטע מאַטעריאַלן, אין סכום פון צוואַנציק פּאַפּקעס באַטראַכט און טראַקטירט ווערן ווי געהערנדיקע צום ליטעראַרישן וואַר־שטאַט פונעם פאַראורטיילטן."**

דוכט זיך קלאָרע דיבורים!

מיט אַנדערע ווערטער: דאָס העכסטע פּוילישע געריכט האָט אָפיציעל און דוכט זיך אומצווייידייטיק אָנערקענט אַז חוץ אַזויגערופענעם „פּאַשקוויל קעגן דער רומעניש‏ער פאָלקס־רעפּובליק" האָבן אַלע אַנדערע בשעת דער „רעוויזיע רעקווי־זירטע כתב־ידן קיין שום שייכות נישט צום אינקרימינירטן מיר „פאַרברעכן", זיינען מיין אומאָפּפרעגבאַר פּריוואַט־אייגנטום און ווי אַזעלעכס מוז מען עס מיר אינ־גאַנצן אומקערן.

דאָס איז בלויז דער אויספיר וועלכן מע קאָן.. מאַכן?

אָבער דאָס העכסטע געריכט אַליין האָט עס נישט נאָר נישט פּרעציזירט, נאָר (ווי מיר וויסן שוין פונעם ציטירטן) אַפילו מיט קיין איין וואָרט אויף דעם דירעקט נישט אָנגעטייט און אַזוי אַרום ווילנדיק נישט ווילנדיק געלאָזט אַ „אָפן הינטער־טירל"... פאַר פאַרשיידענע „אינטערפּרעטאַציעס"..?

אין ענד־רעזולטאַט האָט מען מיר חוץ אַזויגערופענעם „פּאַשקוויל", אויך נישט אומגעקערט אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּאַפּקעס און צווישן זיי דריי פּאַפּקעס, (אומגע־פער 600 מאַשינשריפט זייטן). נאָטיצן וועגן ראַטנפאַרבאַנד. ווי אויך אַ גרעסערע פּאַפּקע מיט תפיסה און לאַגערלידער; ניט אומגעקערט מיינע און מיין משפּחות פּריוואַט — קאָרעספּאָנדענץ און פאַרשיידענע פאַמיליען־פּאַטאָס.

מיין אַדוואָקאַט האָט אין מיין נאָמען „פּראָטעסטירט," פאַרופנדיק זיך אויפן אומ־צווייידייטיקן(?) באַשלוס פון העכסטן געריכט, אָבער דאָס וואָרשעווער געגנטלעכע געריכט (ווייסנדיק אַז די או.ב. איז קאַטעגאָריש קעגן אומקערן די „פאַרהאַלטענע" (...) מאַנוסקריפּטן) האָט זיך געמאַכט אַ צימעס פונעם פאַרפּליכטנדיקן באַשלוס פון

העכסטן געריכט, די מאַנוסקריפּטן מיר נישט אומגעקערט און דערמיט דייטלעך דעמאָנסטרירט, אַז דער ווילן פון דער או.ב. איז פאַרן געגענטלעכן געריכט וויכטיקער, דעצידירנדיקער פונעם באַשלוס פון העכסטן געריכט — לויט דער היעראַרכיע — די העכסטע געריכטלעכע אינסטאַנץ, טאַנגעבער און פאָרמולירער פונעם אנטגילטיקן פסק־דין.

מיר איז אבסאָלוט געגוי באַוווסט:

דערוויסנדיק זיך אַז אין ענין פון די רעקווּיזירטע מאַנוסקריפּטן (וועלכע „האָבן נישט קיין שום שייכות צום אינקרימינירטן מיר דעליקט") האָט זיך מיין אַדוואָקאַט געווענדט צום העכסטן געריכט, האָט די או.ב. (תיכף נאָכדעם ווי די העכסטע געריכטלעכע אינסטאַנץ האָט אַרויסגעגעבן די אויבן ציטירטע דעציזיע) אַרויסגענומען פון מיינע געריכטסאַקטן די אַלע כתב־ידן וועלכע דאָס העכסטע געריכט האָט באַצייכנט ווי „**געהערנדיקע צום ליטעראַרישן וואַרשטאַט פונעם פאַראורטיילטן.**"; — דאָס הייסט יענע כתב־ידן וועלכע מע האָט לאַגיש מיר באַדאַרפט אומקערן.

פאַרשטייט זיך אין אַזאַ ווייך גערעדט סתירהדיקער... לאַגע איז דאָס געגנטלעכע געריכט בשום אופן נישט אימשטאַנד געווען אַרויסגעבן אַ דעציזיע וועגן מיר אומקערן די אויבנדערמאַנטע בשעת דער הויז־רעוויזיע רעקווּיזירטע מאַנוסקריפּטן; ווי האָט דאָס געגנטלעכע געריכט מיר געקאָנט אומקערן עפּעס אַזוינס וואָס איז שוין נישט געווען אין זיין באַזיץ און רשות?!

ביז גאָר סימפּטאָמאַטיש איז אָט דער פּילבאַדייטנדיקער פאַקט: ווי די או. ב. (דער רוקנביין און נאַפּל..). בלעבאַטעוועט פריי אין די אַקטן פון אַ אבסאָלוט „אומאָפּהענגיקן און אומצוטריטלעכן" אַנשטאַלט, וואָס עס דאַרף לויט די עלעמענטאַרסטע כללים פון געזעצלעכקייט זיין יעדע געריכטלעכע אינסטאַנץ..?!)

*
* *

אַזוי ווי מיר איז לויטן אורטייל פון געריכט שוין „געקומען" 3 חדשים „רעשט",(...) האָט מען מיך גלייך פון געריכט באַפרייט און דעמלט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל: די ,נאָכווייען'...

ביזן אַרעסט געהאַט אַ אָפּמאַך מיט דער רעדאַקציע „פּ אָ ל ק ס ־ ש ט י מ ע" לויט וועלכן כ'האָב יעדע וואָך באַדאַרפט שרייבן אַן אַרטיקל, רעצענזיע אָדער רעפּאָרטאַזש פאַר אַ חודש געהאַלט פון 2000 זל. חוצדעם רעגולער מיטגעאַרבעט אין דער ליטעראַרישער אויסגאַבע „שריפטן". דעם אָפּמאַך מיט דער „פאָלקס־שטימע" האָט די רעדאַקציע פלוצים מיר געקינדיקט, מיט 3—4 וואָכן פאַרן אַרעסט, ד.ה. דעמלט(!!!) ווען איך בין שוין „אַריינגעפאַלן" אין דער פאַטאַלער „אויפמערקזאַמקייטס"־אַרביטע.. פון דער או.ב.

פאַרן אַרעסט האָט אין וואַרשעווער פאַרלאַג „יידיש־בוך״ באַדאַרפט דערשיינען מיינס אַ בוך לידער, שוין געהאַט באַקומען די אָפּצוגן פון דער לעצטער קאָרעקטור און דער פאַרלאַג האָט מיר שוין געהאַט אויסגעצאָלט כמעט דעם גאַנצן האָנאָראַר: (12.000 זל.).

די אומקענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך, האָט מיך וואָס שייך אַרבעט אויס־שליסלעך אָפּהענגיק געמאַכט פון די דערמאָנטע אויסגאַבן פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און פון פאַרלאַג — „יידיש־בוך״.

אָבער נאָך דער באַפרייונג פון תפיסה זיינען פאַר מיר אָט אַלע די טירן געווען הערמעטיש... פאַרשלאָסן.

דער דירעקטאָר פון פאַרלאַג האָט מיר קאַטעגאָריש געמאָלדן:

...„אייער בוך וועט נישט דערשיינען, דער זאַץ וועט ליקווידירט ווערן!״.

אויף מיין פראַגע, צי דאָס דערשיינען פון מיין בוך איז פאַרבאָטן פון אַ וועלכער סע נישט איז העכערער אינסטאַנץ(?), נישט באַקומען קיין שום ענטפער. שוין נישט צו ריידן פון דרוקן מיינע אַרבעטן, אַפילו פאַר איבערזעצונגען, נאָך מער אַפילו פאַר געוויינלעכער ליטעראַריש־טעכנישער אַרבעט (ווי למשל קאָרעקטור) געווען טריף, שבטריף. און אַזוי די גאַנצע צייט נאָך דער באַפרייונג פון תפיסה ביזן אַרויספאָרן פון פוילן: (1961—1965) נישט נאָר ווי אַ שרייבער נאָר בכלל געווען אַבסאָלוט דיסקרימינירט, געהאַט דאָס „אָנגענעמע״ געפיל ווי גלייך איך וואָלט זיך געפונען אונטער אַ הויז־אַרעסט. אַפילו די פאַרוואַלטונג פון פוילישן ליטעראַטן־פאַריין וועלכע האָט זיך באַצויגן צו מיר (אין די אומשטענדן) אַסך מער ווי קאָרעקט, האָט מיר ביי איר בעסטן ווילן, אין פּרט פון אַרבעט, גאָרנישט נישט געקאָנט העלפן, חוץ מיר אויפריכטיק מיטפילן, וואָס זי האָט (ווי מיר וועלן ווייטער זען) נישט איינמאָל גרויסמוטיק אַרויסגעוויזן מיט מעשים וועלכע ריידן פאַר זיך אַליין... איך וועל דאָ בלויז אָפּמערקן אייניקע פון זיי, וואָס איך — האַלט, נישט נאָר פאַר מיין דאַנקבאַרקייט־חוב.

*

* *

דער לייענער וואָלט באַקומען (אַפילו פאַרהעלטניסמעסיק) נישט קיין גאַנץ און אויך נישט קיין אמתדיק בילד, און גלייכצייטיק וואָלט עס געווען אין דער העכסטער מאָס אומגערעכט און אומדאַנקבאַר, ווען איך פאַרשווייג אָט די צווייטע (אין תוך אפשר עלעמענטאַרע?) אָבער אין יענע אומשטענדן ליכטיקע זייט, וועלכע פאַרדינט, דוכט מיר אָן שום ספק (נישט נאָר צוליב די קאָנטראַסטן..) ספּעציעל אונטערגע־שטראָכן צו ווערן: באַנוץ איך זיך טאַקע מיט דער געלעגנהייט אויסצודריקן מיין אָנערקענונג און אייביקע דאַנקבאַרקייט דעם באַפולמעכטיקן פון דער רעפּאַטרי־

אציע־אָפּטיילונג פון דער פוילישער אמבאסאדע אין מאָסקווע, (פּרוי גראַבעלנא) דער פוילישער פאָלקס־רעפּובליק בכלל און דער פאַרוואַלטונג פון פוילישן ליטע־ראַטן־פאַריין בפרט.

ווען איך וואָלט נישט געווען געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען קיין פוילן וואָלט איך היינט — אָן די מינדסטע איבערטרייבונגען — שוין זיכער נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

ניט וויכטיק (אין דעם פאַל) וואָס ס'איז דאָן שפּעטער אין פוילן מיט מיר געשען...?! א פאַקט בלייבט א פאַקט: בלויז א דאַנק מיין קומען קיין פוילן לעב איך נאָך.

(„דאָס לעבן באַשטייט פון ווידערשפּרוכן"... (מאַרקס!).

נאָכן אַרעסט און די אין יענע און אין יעדע אומשטענדן שרעקלעכסטע (אַבסור־דעסטע!) באַשולדיקונגען האָט די וואַרשעווער אָפּטיילונג פון פוילישן ליטעראַטן־פאַריין נישט נאָר נישט אַנולירט מיין מיטגליד־שאַפט, נאָר נאָך פּופּצן חדשים תפיסה, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס פוילישע געריכט האָט מיך פאַראורטיילט, האָט די סאָציאַלע קאָמיסיע פון ליטעראַטן־פאַריין תיכף נאָכן באַפרייען מיך, אָן מיין ביטע, לויט איר אייגענער איניציאַטיוו(!!) (און אויף איר חשבון) מיך און מיין פרוי געשיקט זיך אָפּרוען אין די זאַקאָפּאַנער בערג אין הויז פאַר שעפערישער אַרבעט און אָפּרו וועלכעס געהערט צום ליטעראַטן־פאַריין.

אויף מיין ביטע האָט דער פוילישער ליטעראַטן־פאַריין באַאופטראַגט דעם אַדוואָ־קאַט און יורידישן קאָנסולטאַנט פון פאַריין, ער זאָל אָנשרייבן א פּראָיעקט פון א ווענדונג אין נאָמען פונעם ליטעראַטן־פאַריין צום העכסטן פוילישן געריכט, מיט דער ביטע צו אַנולירן די קאָנפיסקאַציע פון מיין שרייבמאַשין און פאַרלייגן דעם פּראָיעקט דער פאַרוואַלטונג צו דער אַנטגילטיקער רעדאַקציע און באַשטעטיקונג. אין דער ווענדונג צום העכסטן געריכט האָט די פאַרוואַלטונג צווישן אַנדערע אונטערגעשטראָכן איר: „אויסערגעוויינלעכע פאַרווּנדערונג מיטן שיר ניט אומ־גלויבלעכן פאַקט פון דער קאָנפיסקאַציע גופא", אויסגעדריקט איר מיינונג און האָפענונג אז „דאָס העכסטע געריכט וועט מסתמא איינזען די זינלאָזיקייט פון אַזאַ באַשלוס; א שרייבמאַשין קאָן אין דעם פאַל נישט זיין קיין שום „קאָרפּוס דעליקטי" נאָר איז פאַקטיש און נישט מער ווי דער טאָג טעגלעכער כלי־זין מיט וועלכן עס באַנוצט זיך כמעט יעדער שרייבער, פּונקט ווי מיט א הענטל־פען אָדער בלייער."

אמת, דאָס פוילישע העכסטע געריכט האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער מיינונג און ביטע פון פוילישן ליטעראַטן־פאַריין, נישט אַנולירט די קאָנפיסקאַציע, פאַרקערט די באַשטעטיקט, אָבער דאָס ענדערט נישט גאָרנישט אין עצם פאַקט, פאַרקערט אין די אומשטענדן שטרייכט עס נאָך מער אונטער די נאָבלקייט פון די פוילישע קאָלעגן.

שטרעבנדיק מאטריעל און מאָראַליש מיך אונטערהאלטן האָט די פארוואלטוג תיכף אַנגענומען דעם פאָרשלאַג פון איינעם א באַקאַנטן פוילישן שרייבער און באַשטימט איינאָרדענען אין איר קלוב־זאל מיינעם א פאָרלעזונגס־אָוונט. (לויטן כלל ווערן אַזעלכע אָוונטן האָנאָרירט).

דאָס אריינפיר־וואָרט אויפן אָוונט האָט באַדאַרפט האלטן פראָפ. ב. מארק ז״ל. און אים האָט אויך די פארוואלטונג באַפולמעכטיקט צו זיין דער פאָרזיצער פון אָוונט. אין די פוילישע צייטונגען זיינען שוין צעשיקט געווען מעלדונגען וועגן פאָר־שטייענדיקן אָוונט און אין קלוב פון ליטעראַטן־פאַריין איז שוין מיט א וואָך פריער ארויסגעהאנגען געוואָרן אן אַפיש.

דאָ האָט מיך איינער פון מיינע באַקאַנטע יידיש־פוילישע שרייבער אויפמערקזאַם געמאַכט:

„— א אָוונט פון א יידישן שרייבער אין קלוב פון פוילישן ליטעראַטן־פאַראיין איז שיר נישט א פרעצעדענצלאָזער פאַל; דער עיקר בלויז דערפאַר ווייל די פאָרלעזונגס־אָוונטן פון די פאַריינסמיטגלידער וואָס שרייבן יידיש קומען געוויינלעך שטענדיק פאָר אין זאַל פונעם קלוב פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. דאָס יידיש פובליקום קאָן אפילו נישט באַמערקן די מעלדונג אין די פוילישע צייטונגען, וועלכע עס לייענען דאָס רוב נאָר מענטשן — שטענדיקע באַזוכער פון די ליטעראַ־רישע אָוונטן אין קלוב פון פוילישן ליטעראַטן־פאַריין; אויב עס וועט נישט זיין קיין מעלדונג וועגן אָוונט אויך אין דער יידישער צייטונג, איז נישט אויסגעשלאָסן אַז עס וועלן אין בעסטן פאַל בלויז קומען געציילטע טעלעכע מענטשן?!״.

געלאָזט זיך באַאיינפלוסן און וועגן דעם אָנטעלעפאָנירט צו דער סעקרעטערין פון ליטעראַטן־פאַראיין וועלכע האָט נאָכדעם אויך אריינגעשיקט א מעלדונג אין דער יידישער „פאָלקס־שטימע״; וועלנדיק די מעלדונג זאָל אויך דערשיינען אין שבת־נומער, האָט זי אויפן אנדערן טאָג אָנטעלעפאָנירט אין רעדאַקציע. דער שעף־רע־דאַקטאָר פון דער „פ־שטימע״, האָט צווישן אנדערע נישט באַהאַלטן זיין „גרויסע פאַרוווּנדערונג״... וואָס דער ליטעראַטן־פאַראיין „נישט געקוקט אויף אַלץ״... אָרדנט איין מיינעם א פאָרלעזונגס־אָוונט און בכלל וואָס שייכן פובליצירן דעם אַנאָנס וועגן מיין פאָרלעזונג געגעבן א אויסמיידנדיקן ענטפער:

„— ער דאַרף דעם ענין פריער אויסקלאָרן״...

אויפן צווייטן טאָג נאָכן געשפרעך מיטן שעף־רעדאַקטאָר האָט א העכסטע פּאַרטיי־אינסטאַנץ אָנטעלעפאָנירט צו דער העכסטער אינסטאַנץ פון ליטעראַטן פאַראיין און אין רעזולטאַט איז מיין פאָרלעזונג תיכף אָפּגערופן געוואָרן. אנטשולדיקנדיק זיך האָט מען מיר טעלעפאָניש איבערגעגעבן די גוטע בשורה, נישט אָנגעבנדיק קיין שום סיבות?!

א וואָך שפּעטער האָט מען עס מיר אין ליטעראַטן־פּאַראיין „דערקלערט”... אויף שטומלשון: —
צוויי אין דער בריט צענומענע, אויסגעשטרעקטע, הילפסלאָזע הענט!!! איינער אַן איינפלוסרייכער, פּוילישער שרייבער, א אריינגייער אין די ,הויכע פענצטער׳, האָט נאָך אָט דער באַלערנדיקער לעקציע, אין א אינטימען שמועס, צווישן פיר אויגן, מיר געזאָגט:
— „אויף דער יידישער „רעגירונג” אין פאָלקס־פוילן האָבן מיר נישט (דער שריי־בער פאראיין) צום באַדויערן קיין שום איינפלוס, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דריי אָדער 4 פון זייערע „מיניסטאָרן אָן פאָרטפעלן” זיינען אזוי אָדער אנדערש מיטגלידער פון אונדזער פאראיין. —”
— איך מיינט דאָך קאָלעגע דערמיט נישט צו זאָגן אז מיין דיסקרימינאציע קאָן מען צושרייבן דער עיקר דעם קולטור־געזעלשאפטלעכן פארבאנד און אז ער איז אויף אזויפיל אויטאָנאָם און אומאָפּהענגיק אז קיינער קאָן אים קיין דעה נישט זאָגן?
...„ניין דאָס מיין איך נישט.. איך מיין בלויז אז ער איז אבסולוט „אויטאָנאָם” אין זיינע טראַגיש־קאָמישע קאָזשעלקעס צו זיין „פויפסטלעכער פונעם פויפסט”.. ספּעציעל אין יידישע ענינים ווי אויך אין ענין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז אויך אבסאָ־לוט „אויטאָנאָם” אין זיין פאַנישן פחדנות.. און אין פוילן — איר האָט שוין געהאַט גענוג געלעגנהייט זיך אליין צו איבערצייגן — זיינען פאַרהעלטניסמעסיק פאַראַן אומפאַרגלייכלעך מער מעגלכקייטן צו זיין — אין א געוויסער מאָס זעלבשטענ־דיק, און אפילו אומאָפּהענגיק ווי — ערגעץ אנדערש..?!”
...די יידישע ,מיניסטאָרן אָן פאָרטפעלן׳ ווי איר רופט אָן איינקע טוער פון קולטור־געזעלשאפטלעכן פאַרבאַנד, פאַרזיכערן מיך, און איך צווייפל נישט אין דעם, אז זיי האָבן אין מיין ענין (ד.ה. אין צוריקשטעלן מייזע רעכט ווי א בירגער און שרייבער —) צווימאָל אינטערווענירט אין דער העכסטער פארטיי־אינסטאַנץ און מע האָט זיי צוגעזאָגט נאָכן באַטראַכטן דעם ענין געבן א ענטפער..
און שוין העכער צוויי יאָר האַלט מען נאָך אַלץ אין איין „באַטראַכטן...”
— „טאַקע אין דעם באַשטייט די גאַנצע טראַגי־קאָמעדיע פון זייער פחדנות: אין דער צייט, ווען קיין שום דירעקטן, בוכשטעבלעכן פארבאָט פון א „העכערער אינ־סטאַנץ”. אייך נישט צו דרוקן, נישט געבן קיין שום ארבעט האָבן זיי — איך בין אין דעם טיף איבערצייגט — נישט באַקומען, און בלויז אין רעזולטאַט פון „פּראָפילאַק־טיק”, נאָך אייער ארעסט און פּראָצעס, פון נישט וועלן נעמען אויף זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, וועלכע זיי האָבן זיך, וואָס שייך אייער ענין, אליין איינגערעדט; בלויז כדי זיך פאַרסטראַכירן, כדי זיין זיכער, זיך „אינפאָרמירט...” אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, צי זיי זאָלן אייך יאָ, צי נישט דרוקן, און דאָרט האָט מען איך פאַרזיכער אייך — בשעת מעשה געוואָלט וויסן זייער מיינונג וועגן אייער

ענין און פארשטייט זיך אויך וועגן אייך גופא?! זייער ענטפער — איך צווייפל אין דעם נישט קיין איין אויגנבליק — איז אין בעסטן פאל געווען נישט קיין פרעציזער, אויסמיידנדיקער, וואקלדיקער..״

אין א ווײלע ארום האָט דער פוילישער קאָלעגע צוגעגעבן:

...דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט שוין מער נישט וואָס צו טאָן ווי געבן אָנווייזונגען די יידישע רעדאַקציעס אָדער דעם פאַרלאַג, וועמען יאָ און וועמען נישט צו דרוקן, ווי שטעלט איר אייך דאָס פאָר..?״

...מיינע בעאָבאַכטונגען און דערפאַרונגען האָבן מיך כמעט איבערצייגט אַז ווייניקסטנס די צוויי פרעזידיום־מיטגלידער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד וועלכע האָבן לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, אין מיין ענין זיך געווענדט אין דער העכסטער פּאַרטיי־אינסטאַנץ, האָבן נישט קיין שום חלק אין מיין דיסקרימינאַציע, וועלכע איז לויט אַלע סימנים א ווונק פון „אויבן״ וואָס האָט זיך געקאָנט אויסדריקן נישט מער ווי אין צוויי ווערטער: — „נישט געוווּנטשן..״

„— לייכט מעגלעך.. אָבער אָט דער מעגלעכער „ווונק פון אויבן״, אויב ער איז בכלל געגעבן געוואָרן, איז אין קיין שום פאַל נישט, לויט דער איניציאַטיוו פון אָט דער „העכסטער אינסטאַנץ״ נאָר אויסשליסלעך ערשט ווי א ענטפער אויף א אָנפראַגע, די אָנפראַגע גופא און מעגלעך אויך די פאָרמולירונג און אפשר אויך טיילווייז דער אינהאַלט, איז — איך פאַרזיכער אייך — אין בעסטן פאַל, אַזוי אָדער אַנדערש נישט געווען קיין סטימול פאַר א פּאָזיטיוון ענטפער..? גוט... און דער פאַרבאַנד פון אייער פאַרלעזונג אין לטעראַטן־פאַריין וועלכע מיר האָבן — מיט גאָרנישט זיך רעכנענדיק — אייך געוואָלט איינאָרדנען, נישט אין לעצטן פאַל אויך צוליב־דעם, אפשר אַזוי אַרום, ברעכן דאָס אייז׳... פון אייער דיסקרימינאַציע, ווי איר רופט עס אָן, אין דעם פאַרבאָט האָט, לויט אייער מיינונג, דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד אויך נישט קיין שום חלק?״ — האָט דער פוילישער שרייבער אַלץ קאַטעגאָרישער דערווידערט.

— דער פאַרבאָט פון מיין פאַרלעזונג — ווי אייך איז אויך גוט באַוווּסט — איז געקומען פון דער — „העכסטער אינסטאַנץ׳..

— „יאָ.. ווידעראַמאָל דאָסזעלבע.. אָבער ערשט נאָך א אָנפראַגע פונעם שעף־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע״ וועלכער איז דעמלט געווען די מאָסגעבנדיקסטע פערזאָן אין דער „יידישער מלוכה״. אויב איר זייט שוין יאָ אַזוי איבערצייגט, וועל איך אייך אויפדעקן עפּעס, וועגן וואָס כ׳האָב בכלל נישט געוואָלט ריידן.. פון געוויסע קוועלן איז מיר ריין פּריוואַט באַוווּסט. אַז בשייכות מיטן אַנאָנס וועגן אייער פאַרלעזונג האָט דער שעף־רעדאַקטאָר אָנטעלעפאָנירט אין אָט דער „העכערער אינסטאַנץ״; דאָרט האָט מען צוערשט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען: כדי פאַרעפנטלעכן א מעלדונג פונעם ליטעראַטן־פאַריין וועגן א ליטעראַרישער פאַרלעזונג דאַרף מען

האָבן דעם אפּראָבאט פון דער פּרעסע־אָפּטיילונג פון צענטראַלקאָמיטעט?! ווי עס זאָל נישט זיין, דעם שעף־רעדאַקטאָר איז אַזוי אַרום אויסגעקומען אויפוויקלען דעם גאַנצן קנויל פון סאַמע אָנהויב... און אין רעזולטאַט — דער פאַטאַלער טעלעפאָן אין ליטעראַטן־פאַראיין און דאָס אָפּרופן פון איער פאַרלעזונג. אגב, אַ ענלעכער פאַל איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען מיט ל ע צ ן. (סטאַניסלאַוו יעזשי לעץ — אַ יידיש פּוילישער דיכטער, מחבר פון וועלט־באַרימטע אַפאָריזמען־זאַמלונגען) נאָך זיין אומקערן זיך פון ישראל קיין פּוילן, אַ לאַנגע צייט נאָכדעם איז אויך נישט געדרוקט, איך געדענק נישט גענוי וויפל, אָבער אומגעפער צוויי, צי דריי יאָר איז ער אויך געווען, ווי איר רופט עס אָן, אַבסאָלוט דיסקרימינירט, אַנטשולדיקט, דוכט זיך אַרבעט, איבערזעצונגען האָט ער יאָ באַקומען, אָבער זיינע אָריגינעלע שאַפונגען האָט מען נישט געדרוקט. אין די ליטעראַרישע קרייזן איז מען געווען איבערצייגט אַז די רעדאַקציעס האָבן פון „אויבן" באַקומען אַזאַ אָנווייזונג? איינער אַ שעף־רעדאַקטאָר האָט אפילו לעצן, „שטרענג פאַרטרויליך" וועגן דעם אַזוי פונדערוויטנס, געגעבן אָנצוהערן:
„ס'איז כלומרשט נישט פון אים אָפּהענגיק.."

און שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס אינגאַנצן אַנדערשט: דער זעלבער שעף־רעדאַקטאָר האָט אָנגעפרעגט אין דער „העכסטער אינסטאַנץ" — זיכער איז זיכער — צי מעג ער לעצן דרוקן(..?) און פאַרשטייט זיך פונקט ווי אין איער פאַל, אַרויסגעלייגט אויפן טיש דאָס גאַנצע בינטל „שמוציקע וועש"..:
עמיגרירט.. געווען אין ישראל; צוריקגעקומען און אַזוי ווייטער און ווייטער..
געווען דעמלט אַזאַ צייט ווען דאָס וואָרט ,עמיגרירט' האָט זיך ,געהערט' ווי ,דעזערטירט'.. און טאַקע אַזוי האָט מען דערויף רעאַגירט..
— „מע וועט עס באַטראַכטן"... האָט די ,העכסטע אינסטאַנץ' געענטפערט און דאָס באַטראַכטן האָט געדויערט צוויי צי דריי יאָר, ביז איוואַשקעוויטש האָט נישט אָנ־געקוועטשט דאָרט ווו מע דאַרף"...
(יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש: באַדייטנדיקער, איינפלוסרייכער פּוילישער שרייבער, איצט פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַריין).

*

* *

נאָכדעם ווי מיין פאָרלעזונגס־אָוונט איז פאַרבאָטן געוואָרן, נישט געקוקט אויף די ,אומשטענדן' אין וועלכע דאָס איז געשען; שטרעבנדיק אויך ווייטער לויט זיינע מעגלעכקייטן, מאָראַליש און מאַטעריעל מיך אונטערהאַלטן, האָט די סאָציאַלע קאָמיסיע פון ליטעראַטן־פאַריין, באַשטימט פאַר מיר — דעם פון געוויכט פאַראורטיילטן, דיסקרימינירטן, אַרבעטסלאָזן פאַראיין־מיטגליד — אַ דריי חדשים־

דיקע סטיפענדיע, וועלכע כ׳האָב יאָר, יערלעך באַקומען, כימעט ביז׳ן ארויספאָרן פון פוילן.

אַט די עטלעכע אויטענטישע, אילוסטרירנדיקע ביישפּילן (ווייט ניט אלע) פון דער נאַבלקייט פון די פוילישע קאָלעגן, אַט די ,גאַלפּשטראַם־צופלוסן׳ פון א אַנזעעוור־דיקן טייל פון דער פוילישער אינטעליגענץ בכלל, וועלכע דערוואַרעמען די כמעט שטענדיק ווירבלדיקע און אמאָל אויך אייזקאַלטע קאָמוניסטישע „געוויסער״ זייער אין נאָרמאַלע אומשטענדן קיין שום יוצא מין הכלל, אָבער אין קיין איינעם פון די לענדער פון דער אזויגערופענער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, חוץ אין פוילן וואָלט אַזעל־כעס נישט מעגלעך געווען און שוין אפילו אבסאָלוט נישט דענקבאַר אין לאַנד פונעם „עלטערן ברודער״... און וועגווייזער; דאָס האָט זיך שיר נישט פּונקט ווי אין דער סטאַלין־צייט, נאָכאַמאָל בולט באַשטעטיקט אין דער שטעלונג און באַציונג פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד צו פּאַסטערנאַקן (בשעתן פּאָליטישן אזשיאַ־טאַזש־טומל ארום דר. זשיוואַגאָ און דער נאָבל־פּרעמיע וואָס האָט דע פאַקטאָ גורם געווען צו פּאַסטערנאַקס פריצייטיקן טויט) און לעצטנס צו די אויף יאָרן תפיסה פאַרמשפּטע סיניאַווסקי און דניאל: (— די קרבנות פון דער נייער, ליבעראַליזאַציע־ערא...?!) אַנשטאָט ווי א געזעלשאַפטלעכע שעפערישע קערפּערשאַפט זיך פאַר־אינטערעסירן מיטן גורל פון זיינע יאָרנלאַנגע מיטגלידער און קאָלעגן, האָט דער סאָוויעטישער שרייבערפאַרבאַנד (— נישט וואַרטנדיק אפילו אויפן רעזולטאַט פונעם פּראָצעס —) תיכף נאָכן ארעסט, אולטימאַטיוו אנולירט זייער פאַרבאַנד־מיטגלידשאַפט, מיט די נידעריקסטע און לעכערלעכסטע מיטלען און „ארגומענטן״ זיי באַשמוצט און ווי „פ א ר ע ט ע ר״ (שונאים פון פאָלק...) זיי ,אריינגעלייגט אין חרם׳.

*

* *

מיין אייגענע לאַגע און דער מצב פון שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל און טיילווייז אין פוילן, וואָס איך האָב דאָ בלויז אזוי אגב אורחא, פאַרבייגייענדיק באַרירט; אין דירעקטער שייכות דערמיט, וואָלט איך אויך געקאָנט דערציילן נישט ווייניק, אויטענטישע און דוכט מיר וויכטיקע און פילבאַדייטנדיקע איינצלהייטן וועגן דער ספּעציפישער לאַגע פון יידישן שרייבער; וועגן יאָרנלאַנגע בעאָבאַכ־טונגען, באַגעגענישן, צווישנבאַציונגען, האַנדלונגען, טאַטן, עפּנטלעכע און אויג אויף אויג ארויסזאָגונגען פון די אומגעבראַכטע פּני פון דער סאָוויעטיש־יידישער ליטעראַטור; וועגן זייער ראָל ,אויף דער בינע׳... און ,אונטער די קוליסן׳... פאַר און נאָכדעם ווי זיי זיינען ארעסטירט געוואָרן: ד.ה. בשעתן גאַנצן לעו־רייכן פּעריאָד, אָנגעהויבן פון 1932 יאָר, פון זינט איך האָב געהאַט דעם כבוד זיך מיט זיי צו באַגעגענען און דערעיקער בשעתן ,פּרעהיסטאָרישן׳ עטאַפּ, אַנוווקס, פּראָ־

לאָג, אָנהויב, דויער און קולמינאַציע־פּונקט פון דער צווייטער קריסטאַל־נאַכט. (1938--1948—1952).

אָבער זייער א טרעפלעך פאָלקסווערטל זאָגט:

„וועגן אָפּוועזנדע דערציילט מען גוטס, אָדער גאָרנישט..."

און דערצו נאָך וועגן קדושים.

לויט אָט דער אבסאָלוטער מאַקסימע וואָלט מיר אויסגעקומען דערציילן (פון די פני) בלויז וועגן **פּערעץ מאַרקיש, דעם נסתר, אריה קושניראָוו און לייב קוויטקאָ.**

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין: די געשיכטע דאַרף וויסן דעם גאַנצן אמת! נאָר פאַרן ,גאַנצן אמת', איז — דוכט מיר — די צייט נאָך נישט געקומען, נישט פאַראַן נאָך — שיינט מיר — די גענוגנדיקע אַזויגערופענע ,היסטאָרישע פּערספּעקטיוו'?

חוצדעם:

די ווונד איז נאָך אַלץ אָפן... און ווי ביי יעדער אָפענער ווונד לויערט נאָך די געפאַר פון ,אינפעקציע'?!(...)

חוצדעם נישט דאָ איז דער אָרט און דער פּלאַץ דערפאַר.

*

*   *

עטלעכע ווערטער וועגן די לידער און טעקסטן גופא: (כאָטש אין גרונט דאַרף יעדער מין שאַפונג ריידן פאַר זיך אליין?).

טעקסטן רוף איך אָן יענע מיינע שאַפונגען אין וועלכע עס פּרעוואַלירן פּובליציס־טיש־פּאָלעמישע, סאַטירישע עלעמענטן, ניואַנסן, און אַזויגערופענע „פּראָזאַיזמען".

אין די שמועסן מיט עקערמאַנען זאָגט געטע:

„Alle meine Gedichte sind Gelegenheitsgedichte".

בכלל האָט געטע געהאַלטן אַז ס'איז נישטאָ קיין נישט פּאָעטישער „שטאָף": (ל'יט. מאַטעריאַל, טעמע) „ביים אמתן דיכטער ווערט אַלץ פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע."

מיט אַנדערע ווערטער: וויכטיק איז נישט דער ,וואָס' נאָר דער ,וויאַזוי'!!!

איז עס הייסט עס א — גאָט־ואָך..

אָדער דער „שטאָף" ווערט פאַרוואַנדלט אין פּאָעזיע, אָדער ער בלייבט אין בעסטן פאַל, וואָגיקער, אָבער **בלויז — „שטאָף"?!**

טאַקע דערפאַר געהאַט דאָס געפיל:

דער באַגריף ט ע ק ס ט אַנטשפּרעכט מער מיין אינערלעכער באַציונג צו די דערמאַנטע שאַפונגען און — נישט אין לעצטן פאַל אויך דערפאַר ווייל ער איז, אבסאָלוט נישט פּרעטענסיאָנעל.

פראגעצייכנס, דערווידערונגען קאָנען אפשר אויך ארויסרופן די געבראָכענע שורות; די אימפּרעסיאָניסטן און נאָך מער די פוטוריסטן און בעיקר מאיאַקאָווסקי האָט אָנשוילעך און איבערצייגנדיק דעמאָנסטרירט די באדייטונג פון דער אקצענטירונג, פונעם גראפישן אויסטייל, ארויסהויבן גאנצע שורות, אָדער טיילן און אויך איינצעלנע באזונדערס „אָנגעלאָדענע" ווערטער:

איינצעלנע ווערטער, טייל פון זאצן, אָדער גאנצע שורות (אומאָפּהענגיק פון זייער וואָגיקייט) „פארלירן" זיך אָפט אין דער אינהאלטלעכער און גראפישער ארכיטעקטאָניק פון דער ליד, פּאָעמע אָדער טעקסט, פארוואנדלען זיך „אויטאָמאטיש" אין ערשט אָדער צווייטראנגיקע באשטאנד־טיילן פונעם עיקר פארטראכט און דער אלגעמיינער רעאליזאציע; אין דער צייט ווען חוצן עיקר האָבן זיי נאָך (אָדער דארפן האָבן) אזוי גערופענע אינדיווידועל־לאָקאלע, שפּראכלעכע און בילדעריש עמאָציאָנעלע פונקציעס, וועלכע אויסגעטיילט, אקצענטירט, בלייבן זיי באהאַפטן מיטן גאנצן (פארשטארקן עס אפשר נאָך?) אנטפלעקנדיק דערביי גלייכצייטיק בולטער זייער אייגענעם אזויצוזאָגן „לאָקאלן" באטייט..

מע קאָן דאָ געניג איבערצייגנדיק דערווידערן:

דאָס פילזייטיק „שפּילנדיקע"... וואָרט, אויסדרוק, אָדער גאנצער זאץ טיילט זיך אויס, הויבט זיך ארויס פון זיך אליין, אומעטום, ווו און וויאזוי עס זאָל גראפיש נישט זיין אוועקגעשטעלט און דעם צופעליקן, גאַרנישטזאָגנדיקן וואָרט וועט קיין שום אויסטיילונג, קיין שום אקצענטירונג נישט העלפן; די אמתדיקייט פון אזא דערווידערונג, קאָן מען נישט אָפּלייקענען, אָבער דאָס שליסט אויך — דוכט מיר — נישט אויס און פרעגט נישט אָפּ די באדייטונג פון דער גראפישער אויסטיילונג און אקצענטירונג.

ווארשע — חדרה — ירושלים 1963—1967.

. . . .

. . . .

צום גרויסן באדויערן—ביז זייט 98 און אין אלע טיטלען נישט פאראן דער אונטערשיד צווישן די **פייען** און **פייען**, ד.ה. די **פייען** זיינען געדרוקט ווי **פייען**, אָן פינטעלעך: א פועל־יוצא פון ריין טעכנישע און אנדערע „אָביעקטיווע"(?...) סיבות. דער פארלאַג און דער מחבר ווילן גלויבן אז קיין מיספארשטענדענישן וועלן האָפנטלעך דערפון נישט ארויסקומען? די אנדערע באמערקטע דרוק־פעלערן (א היפּש ביסל) זיינען אָנגעוויזן אין דער באזונדערער רשימה.

...א שרייבער, זאָגט מען שטארבט אָפטער פון א דרוק־פעלער ווי פון א הארץ־פעלער, נאָר ווי יעדער אנדערער אזוי האָט ווייזט אויס אויך אָט דער „כלל" זיין „אויסנאם": א סימן דער מחבר אָטעמט נאָך...

א י נ ה א ל ט

וועו די טרערן 3

ו אין קרייז

אָ ליד מיין ליד 4
ווידער אָנהויבן 7
פארשריבן אין זכרון. 8
קינדער־שטימען אין טפיסה־קאמער 15
אין וואלד ביים שייטער 19
זון 22
ווען הענקער 23
פארשלאָסן אין שטייגן 24
דעם נסתר 25
נישט אין רוסלאנד 27
מושה קולבאק 30
אָ רוסלאנד 31
פארקויפט נישט אין קראָמען 33
א דערשאָסענער דיכטער 34
מיין יידישע ווירדע 36
דוד בערגלסאָן 40
דערווייל די מענטשן 42
פרץ מארקישן 43
שמואל האלקינס יובילייַ 46
צום דיכטער מ. ג. 54
שלומה מיכאָעלס 56
איך און דער טויט 60
איך בין א קאטאָרזשניק 64
עפּיטאַף 65
וויפל דערנידריקונג 69
א גוטן מאָרגן 71

II יזכור

יזכור 77
דיזעלבע האנט 79
איך פרעג דיך מענטש 80
צדיקים אין סדום 81
און ער 84
דייטשע פרוי 86
באלאדע פון גרויען אויג 88
ווו דער וועג 90
אין טרעבלינקע 92
מיין הויז 94
איך האָב א רחבותדיקן בית־עולם 96
ווער זאָגט 98
מיינע קינדערלעך 99
נאכטישע זעונג 102
באלאדע 105
די לעצטע ראָל 109
I 110
II 112
III 113
IV 118
V 120
VI 122
ברודער מיינער ייד 125

III חטאות הנעורים

קינדהייט 129
ביינאכט 131
לייבקע 132
ליד פון א היימלאָזן 134
דעמאָנסטראציע 137
ליד פון א לומפנפראָלעטאריער 141
בראָדיאגן־ליד 142

ווערט זיין אזא טאָג 146
וואַרשעווער פאָרשטאָט־נאַכט 148
א בלינדער 149

IV אין קרייז (II)

ליזען 155
צו שמואל האלקין 156
א צלמל 157
איך ווייס נישט 159
דער אמת 160
דער וואסערפאל 163
אפילו דאָס קריגעלע 168
ווזשע זייט איר מיינע ליבע 170
עפיטאף 172
וועלף 173
אין קרייז 176

V מיט זיך אליין

די זעונג 181
אפשר דערפאר 182
אזויפיל 183
אויסגעשעפט 184
איך קער זיך אום 185
טראָג מיך אוועק 187
עס טאָגט 188
די מעשה 189
איך זינג 190
דער שטורעם־ווינט 191
איך הויב זיך אויף 193
אין דער פינצטער 195
מיך שרעקט נישט 197
אָ גאָט 198
ווערטער פאראן 200

ווען מיר ווערט אומעטיק	202
ווען קומען וועל איך	203
פון זינט טרערן	204
וויפל מענטשן	205
דוכט זיך	206
אייביקע גרינקייט	207
דער דאָקטאָר	208
איך א קליין טייכעלע	209
א ביימל	210
איך הער זיך איין	212
ליגט אויפן וועג	214
אינמיטן פעלד א בוימעלע	216
כאפסט זיך אויף	218
געבורט	219
בלייב איך אזוי שטיין	221
און ווייל	222
וווּ איז מיין וואָרצל	223
מדינת ישראל	224
ווען געבאָרן	226
א אומבאקאנטע	227
ליזען	229
דער מענטש	230
דיר און נישט דיר	231
בעט זיך דער קארשנבוים	233
הארבסט	234
איציק מאנגערן	235
נישט יעדער	236
ווער האָט צוזאמען	238
דער טורעם פון בבל	239
ס'איז אלץ נאך נאכט	241
איך אָטעם נאָך	242
דער וואָרעם	243
צי איז שולדיק	245

ווער האָט ברודער	246
יעדער וויל עסן	247
מלפּה האָריקע	248
צו איינעם א דיכטער	249
דער געץ	251
צו טיטוסן	253
א וואָרט אויף א פּרץ־אָוונט	256
צו געוויסע רעדנער	257
צום מענטש	259
ווער עס פּילט נישט	261
ווי קאָן איך גלויבן	266
אָ גאָט	267
צו א אומבאקאנטער	268
צווישן צוויי בוימער	270
ווארשע	272
דו ביסט איידל	275
אזויפיל שיינקייט	276
צו דיר	277
אמאָל א טאָג	278
ליזען	279
לאָז מיך אליין זיין	280
דאָס וואָרט	283
איך בין א מכשוף	285
איך זוך א וועג	286
נשמות	287
אָ ים	290
זעלטן ווען	291
די טייבעלעך	292
שלאָפלאָזע נעכט	295
אין א מאָסקווער שפּיטאָל	298
צו די פּוילישע דאָקטוירים	300
יאָ מיר זיינען מענטשן	301
איך האָב ליב קוקן	303

פריער פרילינג	304
בלייב נישט שטיין	306
איך ווייס נישט	308
געטרוימט פון ישראל	309
אָ דער ים	311
אָ קינדער	314
אמאָל	316
אָ די קליידער	316
דו זאָגסט	317
א וואָרט	318
די שיך	320
אכט חדשים	322
פרעג מיך נישט	324
וועג	325
וועג, וועג	326
פארפרוירן דער ימישער אויסגוס	327
צייכנונג	
אָנשטאָט א פאָרוואָרט	א — לט

באמערקטע דרוקפעלערן

ביז זייט 98 און אין אלע טיטלען נישט פאראן דער אונטערשייד צווישן די **פייען** און **פייען** ד. ה. די **פייען** זיינען געדרוקט ווי **פייען** — אָן פינטעלעד.

זייט	שורה	אנשטאָט	דארף זיין
11	22	מע קאָן	קאָן מען
25	10	געפאלן	געפאלן,
26	3	גרויל־קראקעריי	גרויל־קראקעריי; —
26	8	געהערט.	געהערט;
26	12	מענטשן־געווימל.	מענטשן־געווימל,
26	13	צעשטערט.	צעשטערט,
26	20	ארויף.	ארויף, —
28	36	אָן א שיעור	אָן א שיר
35	13	צעגרינטע	צענהריגטע
38	3	געבאָטן	געבאָטן,
38	11	פארטאכלעווען	פארתכלעווען
43	11	א ציגל	א ציגל —
43	17	קיינמאָל, קיינמאָל	קיינמאָל, קיינמאָל —
46	4	געגלייבט	געגלויבט
46	7	אומגלייבלעך	אומגלויבלעך
47	35	יידיש — סאָוויעטישע	יידיש־סאָוויעטישע
47	42	פארמאגט	פארמאָגט
49	22	פאררעט	פאראט
51	3	א טינטלער	— א טינטלער —
52	24	גניבה	גנבה
53	17	ליפן, ליפן	ליפן
62	35	אָנגעהייבן	אָנהויבן
63	38	אָנהייבן	אָנהויבן
65	21	די איינע גרימירט	די איינע — גרימירט
65	24	די אנדערע	די אנדערע —
77	4	אייך אליין	איין אליין

זייט	שורה	אנשטאָט	דארף זיין
78	19	פארמעט — פאפירן	פארמעט־פאפירן
80	9	קליידלעך	קליידעלעך
82	4	פארהאָרעווטע	פארהארעוועטער
82	10	לעצטס	לעצט
102	17	מיין זון"	מיין זון
103	33	קיינמאָל נישטאָ	קיינמאָל נישטאָ,
105	15	אווקע	אוועק
106	13	אָנגעמאסטן	געמאָסטן
107	24	לייב־און־טיגער	לייב און טיגער
108	11	פאררוקט	פארוקט
114	26	דער־לעצטער	דער לעצטער
125 (אין דער נאָטע)	3	איירופעישע	אייראָפעישע
135	9	צווישן שטיינער.	צווישן שטיינער
141 (ווידמונג)	3	האלצער	האָלצער
146	4	טונקלע	טונקעלע
161	7	נאר	נאָר
173	(לעצטע שורה פון דער נאָטע)	„אומגעקערט צום אלטן גאָט)	„אומגעקערט צום אלטן גאָט"
196	5	דער לויטערער אות הערט זיך איין	הערט זיך איין — דער לויטערער אות
218	7	די גורלדדיקע	די גורלדיקע
219	11	קליינם	קליינעם
220	4	(קאָן בלייבן)	(קאָן בלייבן) —
220	5	בלויז א געוויין ;	א געוויין ;
234	26	צו אזא	צו אזא אָ
236	15	א הויז	א הויז,
236	20	בלויז	בלויז, —
238	4	שטרעבן	שטרעבן,
239	7	בליצן	בליצן,
241	21-20	פירט די מאשין וואהין, וואהין	פירט די מאשין, וואהין, וואהין —
260	1	און דער מילכוועג	און דער מילכוועג, —

דארף זיין	אנשטאָט	שורה	זייט
באקאנט, —	באקאנט,	3	260
דאָס פינטעלע	דעם פינטעלע	29	261
יצירה	יצרה	29	262
אין דעם	אינעם	1	271
א אבן־טוב	א אבן — טוב	2	275
צורות	צרהת	9	281
ראם ; —	ראם	11	293
גרייזגרויען	גרייזגראָוון	4	302
האָפערדיקע	האפעדיקע	7	305